STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06135

FARBORGENE PROFILN

Eliezer Basch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר
באש

פארבאראגענע
פראפילן

ELIEZER BASCH

FARBORGENE PROFILEN

PRINTED BY SHALOM TYPO., INC.
U. S. A., 1978

דערציילונגען

מלקות

געכאַפּט ביי דער גנבה . . .

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן

דער גט

די טרעפּערקע

זכרונות

דער געפאַלענער אַקראָבאַט

אַ משוגענע חתונה

אַ רעוואָלט אין סיגעט

אַ ליטעראַריש ווינקל אין שטעטל

די סיגעטער השכלה עפּאָכע

צוויי בעלי עברהניקעס

ר׳ אהרן ראָזען

די סיגעטער מחזיקי תורה שול

די סיגעטער תלמוד תורה שול

די ספּינקער קלויז

אַרום דער קאָסיווער קלויז אין סיגעט

וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען . . .

פּאָרטרעט פון מיינע עלטערן

מיין ברודער יצחק אייזיק באַש

מיין ברודער גרשון יעקב באַש

עסיי

אַ זעלטענע אויסגאַבע מיטן נאָמען „מרמרוש-סיגעט"

מיניאַטורן

COPYRIGHT 1978 BY
L. BASCH
MONTREAL, QUE., CANADA

הילע געצייכנט פון זלמן קליינמאַן

פאַרוואָרט

אונטערן נאָמען „פאַרבאָרגענע פּראָפּילן" ווערן פאַרעפנטלעכט אַ צאָל פון מיינע דערציילונגען, זכרונות און אַן עסיי וואָס שפּיגלען אָפּ געוויסע פאַזן פון אידישן שטייגער לעבן אין מאראַמאראָש (וואָס איז אייגנטלעך אַ טייל פון טראַנסילוואַניע) און די קאַרפּאַטן.

אַזוי די דערציילונגען ווי די זכרונות זיינען אין גרעסטן טייל געווען פאַרעפנטלעכט אין המשכים אין „קענעדער אָדלער" ווי אין אַנדערע אידישע אויסגאַבן.

די זכרונות זיינען דער קו־המשקל צווישן די דערציילונגען און דעם עסיי. אין מיינע זכרונות בין איך נישט כולל **אַלעס און אַלעמען.** ווייט דערפון! עס נעמט ענדער אַן אַ כאַראַקטער פון אַן אינדיווידועלער רעאַגירונג פון איינעמס געבורטסאָרט און זיין סביבה.

דער עסיי מיטן נאָמען „אַ זעלטענע אויסגאַבע מיטן נאָמען 'מרמרוש־סיגעט'" איז באַזירט אויף די זעכציק נומערן פון אַ זשורנאַל וואָס איז דערשינען אין ישראל פאַר אַ משך פון פופצן יאָר (1959 — 1974), אונטער דער רעדאַקציע פון יהושע און העלען רייך, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ גרויסער חלק פון סיגעטער און מאַראַמאַראָשער לעבנס־שטייגער.

וואָס שייך **מיניאַטורן** — דאָס איז סתם אַן אָפּקלייב פון דריי דערציילונגען פון לייכטן זשאַנער וואָס אין כאַראַקטער האָבן זיי קיין שום שייכות צו די פריערדיקע מאַטעריאַלן.

מיינע רביס האָבן מיך געלערנט, אַז מען טאָר נישט ענדיקן ביים לערנען מיט אַ טרויערדיקער דערשיינונג: „לעולם יסיים אדם בכי טוב". דאָס הייסט, אַז מען דאַרף ענדיקן מיט אַ „פריי־לעכדיקס". דעריבער ענדיק איך טאַקע מיט אַ „הומאָרעסקע".

דער גאַנצער מאַטעריאַל אין דעם דאָזיקן בוך איז בראש וראשונה באַזירט אין אַלגעמיינעם אינטערעס פון לייענער־עולם, נישט בלויז פון די יעניקע וואָס שטאַמען פון די דערמאָנטע מקומות.

דער מחבר

דערציילונגען

מלקות

א.

קוים האָט דאָס קאַרפּאַטישע שטעטל מיימאַנעשט דערהערט די ערשטע ראש־חודש אלול׳דיקע תקיעה פון דער חרדים׳דיקער באר מים חיים שוהל, איז עס געווען דער סיגנאַל, אַז די טעג פון תשובה האָבן זיך אָנגעפאַנגען.

די קלאָגנדיקע דריי וואָכן האָבן זיך נאָר וואָס געענדיקט מיט׳ן תשעה־באָב׳דיקן קלימאַקס. אידן האָבן נאָר וואָס געקלאָגט אויפ׳ן חורבן בית המקדש. אפילו אין דער הפטורה פון „נחמו נחמו עמי” האָבן זיך אַריינגע־גנב׳עט טענער פון איכה און פון די קינות. דער איכה׳דיקער ניגון הענגט ממש אין דער לופט און זיין טרויעריקער עכאָ הילכט איבער די פעלדער און וועלדער פון די קאַרפּאַטן אין דעם געדויש פון ווינט צווישן די ביימער און פון די כוואַליעס אין דער ברויזנדיקער טיסאָ. דער חודש אָב האָט זיך נאָך אפילו נישט געהאַט געענדיקט און שוין האָט אָנגעהויבן צו גיסן און רעגענען. מען האָט שוין באַשיימפּערלעך געקאָנט פילן די קילע צפון׳דיקע ווינטלעך וואָס עסן זיך אַריין אין די ביינער און הויבן אָן צו דערמאָנען, אַז אָט, אָט, דאַרף מען שוין אויפשטיין צו סליחות.

— איי, איי, דער זומער איז שוין פאַרביי!

— אַ קורצער זומער געווען היי־יאָר!

— יאָ, ס׳איז בלויז געווען זומער אויפ׳ן לוח!

— קוים פּטור געוואָרן פון די קינות און מיר קאָנען זיך באַצייטנס צוגרייטן צו די סליחות און מלקות...

די מיימאַנעשטער אידן רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן אויף אַן אופן ווי גלייך זיי וואָלטן געהאַט טענות צום רבונו של עולם פאַרוואָס דער זומער איז אַזוי קורץ און דווקא אין דעם קורצן זומער מוזן עס אויספאַלן די דריי וואָכן, ווען מען מוז מתמעט בתענוגים זיין...

— עס קומט אויס — טענה׳ט איינער מיט נישט ווייניג איראָניע — אַז דער גאַנצער זומער באַשטייט פון זיבן וואָכן ציילן (ספירה), דריי וואָכן קלאָגן און פיר וואָכן בלאָזן (שופר).

— עס איז שוין די העכסטע צייט איר זאָלט זיך אַרויסקלאַפּן פון קאָפּ

אַלערליי שטותים און אַז איר זאָלט אָנהויבן מהרהר בתשובה זיין און זיך צוגרייטן צום יום־הדין מיט תשובה און מעשים טובים!...

אַזוי טענה׳ן עס איין די מלמדים און די עלטערן צו די חדר אינגלעך ווי גלייך זיי וואָלטן געווען פאַלנע דערוואַקסענע בעלי עבירה׳ניקעס.

נאָר אפילו די קליינע דרדקי קינדער, די תינוקות של בית רבן, פון מיימאַנעשטער שטעטל זענען סיי ווי סיי דורכגעדרונגען מיט אַ גייסט פון תשובה. איטלעכעס יונגע נפש׳ל וואָס פאַרשטייט קוים וואָס עס הייסט אַזוינס אַן עבירה׳לע פילט זיך שוין ווי אַ זונדיקע נשמה אויף וועלכער עס הויערט אַ גאַנצער באַרג מיט עבירות — אַ נשמה וואָס זוכט אַ תיקון!...

קוים האָט דער עולם דערהערט די ערשטע תקיעה איז קינד און קייט נתעורר געוואָרן. מען פילט, אַז אפילו די פיש אין טייך ציטערן און אַז מען וויל אויס׳פועל׳ןביים רבונו של עולם אַ גוט געבענטשט יאָר מוז מען זיך גוט אונטערגאַרטלען מיט אַ סך מצוות! דעריבער הויבט טאַקע אָן דער עולם אין חודש אלול חרטה האָבן אויף די זינדיקע מעשים און זינדיקע געדאַנקען, און מען טוט תשובה בלב ונפש. מיט׳ן פאַסטן האַלבע און גאַנצע טעג, זאָגנדיק תהלים און מעמדות, אָפּרעכטנדיק חצות. מען דאַוונט און מען לערנט לענגער און מיט גרויס כוונה.

מיימאַנעשט איז אַ שטעטל ווי פיל אַנדערע שטעטלעך אין די קאַרפּאַטן. אין שטעטל וואוינען אַ גרעסערע צאָל האַראַפּאַשניקעס, סתם בעלי מלאכות, ווייניק עמי הארצים, אַ באַדייטנדע צאָל תלמידי חכמים, ווייניק עשירים אָבער דערפאַר איז איטליכער פרום. איר וועט אין גאַנצן שטעטל נישט טרעפן אַ מחלל שבת פאַר אַ רפואה... די פאַרמעגלעכע זענען געוויינלעך די געשעפטס־לייט וואָס האָבן אַ „קליענטעל" אין די אַרומיקע נאָך קלענערע שטעטלעך.

דאָס שיינדל פון שטעטל איז געווען דער מיימאַנעשטער רב ר׳ פּיוויש אשכנזי, ווען איטלעכער האָט גערופן ר׳ פּיווישל. דער רב איז שוין אַ איד אַ זקן מיט אַ לאַנגער און ברייטער גרייז־גרויער באָרד. אַן אידל פנים מיט גרויסע אויגן איבער וועלכע עס הענגען לאַנגע געדיכטע ברעמען. אַ הויכער ברייטביינערדיקער זקן וואָס באַוועגט זיך גאַנץ פלינק. סיי זומער סיי ווינטער טראָגט ער אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַפּעליוש פון אונטער וועלכן עס סטאַרטשעט אַרויס אַ האַלבע יאַרמולקע אויף זיין גענאַק, אַ זיידענע זשיפּעצע, אַ ווייס וועסטל, ווייסע זאָקן און שטעק־שיך. מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד חכם און נאָך אַ גרעסערער ירא־

שמים. ר׳ פּיוּווישל איז נישט סתם אַ רב, אַ מורה הוראה, נאָר טאַקע אויך אַ רבי וואָס נעמט קוויטלעך. אַ רבי צו וועלכן טויזנטער חסידים קומען דורכן יאָר זיך פּראַוועןָ. ער איז מפורסם נישט בלויז אין די קאַרפּאַטן, נאָר אויך אין גאַנץ עסטרייך־אונגאַרן. זיינע חסידים האַלטן פון אים אַ וועלט. זיי קאָנען זיך נישט געבוג אָנדערציילן פון זיינע נסים ונפלאות. אפילו די גויים האָבן גרויס רעספּעקט און דרך ארץ פאַר׳ן מיימאַנעשטער „ראַבין״... די גויים זאָגן טאַקע אויף ר׳ פּיוּוויש׳לען, אַז ער איז אַ „וואונ־דער ראַבין״. זיינע גאָר נאָענטע חסידים זאָגן אַז מען קאָן זיך גאָרנישט משער זיין וויפיל אהבת ישראל דער רבי פאַרמאָגט אין זיך און זיי, די חסידים, זענען זיכער, אַז דערפאַר האָט ער דערגרייכט צו דער מדרגה צו האָבן גלוי אליהו...

איטלעכער מיימאַנעשטער איד האַלט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו ר׳ פּיוּוויש׳לען, וועמעס אָבות אָבותיו זענען שוין געווען מיימאַנעשטער רביים. אויפ׳ן בית עולם איז פאַראַן אַ ספּעציעלער אוהל אין וועלכן עס ליגן די עלטערן פון מיימאַנעשטער רב. טויזנטער חסידים שטראָמען קיין מיימאַנעשט צום „ציון״, צו די יאָרצייטן פון די פריערדיקע מיימאַנעשטער רביים און זענען זיך משתטח איבער די קברים. אַריינוואַרפנדיק קוויטלעך אין די אויבערשטע הילצערנע ארונות, טוענדיק תפילה פאַר זיך ווי פאַר דעם כלל ישראל.

נישט נאָר אין גרעסערע שטאָט פון גאַנץ עסטרייך־אונגאַרן האָט עס פּרובירט אַריינקריגן דעם מיימאַנעשטער רב אַלס מרא דאתרא אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דערפון און איז פאַרבליבן מיט זיינע מיימאַנעשטער אידן.

— ווען מען זאָל מיר געבן כל הון דעלמא וועל איך נישט איבערלאָזן מיין עדה!

מען האָט שוין געוואוסט, אַז עס איז דברים בטלים אַריינצו׳טענה׳ען מיט׳ן רב, אַז ער זאָל זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדערער שטאָט! עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז צוליב דעם איז ער נאָך מער געוואָרן איינגעבאַקן אין הארצן ביים עולם. עס איז כמעט נישט פאָרגעקומען קיין חתונה אָדער סתם אַ געשעפטס טראַנסאַקציע אין מיימאַנעשט, אַז דער רבי זאָל נישט האָבן אַזוי זיין הסכמה ווי זיין ברכה דערויף.

עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז ר׳ פּיוּווישל האָט זיך נישט געלייגט שלאָפן אין אַ בעט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר. אַ גאַנצע נאַכט, בעת איטלעכער אין שטעטל איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף איז ר׳ פּיוּווישל

אויף און לערנט. מיט זיין לערנען איז ער מגין אויפ'ן גאנצן שטעטל און איטלעכער איד איז ביי זיך זיכער, אז אזוי לאנג ווי ר' פיזווישל לעבט, אזוי לאנג איז דאס שטעטל געשיצט! על כל צרה שלא תבוא, איז מיימאַ־נעטש געשיצט. והא ראיה, עס איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען קיין פאגראם אין מיימאנעשט. די גויים האבן מורא געהאט פאר'ן „ראבינס" קללה...

ב.

אין שטעטל איז זייער זעלטען פארגעקומען, אז א „טאטנס א קינד" זאל חלילה ארויסגיין לתרבות רעה. כמעט אלע אידן זיינען געווען בעלי מדרגה. אידן ביי וועלכע אידישקייט איז געשטאנען אויפ'ן ערשטן ארט. אר פונדעסטוועגן זיינען אלץ געווען „קלאסן". אזוינע וועלכע זיינען געווען מער אפגעהיטן וואס שייך אידישקייט. די גאר אפגעהיטענע און וועלכע זיינען נאכדערצו געווען תלמידי חכמים, בקיאים אין ש"ס ופוסקים, האט מען אין שפאס א נאמען געגעבן „די בעלי מדריגות". זיי האבן דעם נאמען ערלעך פארדינט, ווייל זיי זיינען עס טאקע געווען אויך! די בעלי מדריגות האבן עס געהאט זייער אייגענע שוהל מיט'ן נאמען באר מים חיים. אין דער דאזיקער שוהל האט מען אלעמאל געקאנט טרעפן א מנין אידן, וואס לערנען תורה לשמה. קיין „עשרה בטלנים" האט אין דער דאזיקער שוהל קיינמאל נישט אויסגעפעלט.

בלויז איין און איינציקער וואס מען האט אויף אים נישט געקאנט זאגן, אז ער איז איינער פון די געקליבענע תלמידי־חכמים און איינער פון די גאר אפגעהיטענע אידן, איינער מיט'ן נאמען ר' נחמן טאלינסקי, האט אויך באלאנגט צו דער חברה חרדים ויראים לדבר השם. די מיטגלידער פון דער באר מים חיים שוהל האבן געזאגט, אז נאר אזא איינער וואס איז א ירא וחרד לדבר השם קאן באלאנגען אין זייער שוהל. ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, אז ר' נחמן זאל זיין אין דער דאזיקער חברה איז געווען א פלא פאר אלע אידן אין שטעטל. געשמועסט האט מען צווישן זיך, אז דער דאזיקער ר' נחמן מוז עס האבן א ספעציעלן זכות כדי געציילט צו ווערן מיט די „בעלי מדריגות". חוץ דעם איז ר' נחמן געווען דערצו א איד א סוחר, איינער פון די רייכסטע אידן אין שטעטל, און אין ענין פון מסחר קאן מען גאר גרינג נכשול ווערן... כאטש יעדער האט געוואוסט, אז ר' נחמן איז נישט פון די לעילא ולעילא'דיקע אידן פון דער באר מים חיים שוהל, האט מען זיך אבער צוגעוואוינט צו דעם געדאנק, אז

ער איז איינער פון זיי. נאָר פלוצים האָט פּאַסירט אַ זאַך וואָס האָט גורם געווען, אַז ר׳ נחמן זאָל אינגאַנצן אַריינגערוקט ווערן אין שאָטן און דווקא צוליב זיין זון אברהמ׳לען, זיין בן־יחיד, וועלכע איז רחמנא לצלן געשטרויכלט געוואָרן.

ג.

— אַזאַ חילול השם, אַזאַ חילול השם!

— טפוי, אויף אַלע משומדים געזאָגט געוואָרן!

— רחמנא ליצלן, רחמנא ליצלן!

דער עולם פון שטעטל און דער עיקר די חברה פון דעם באר מים חיים שוהל קענען זיך נישט באַרואיקן. אין וואָס דער דער חילול השם באַשטייט וויסט שוין קינד און קייט. מאַרטאַ, ר׳ נחמן טאַלינסקיס אונגאַרישע דינסט איז מעוברת געוואָרן און זי, מאַרטאַ, טענה׳ט, אַז נישט קיין אַנדערער ווי אברהמל, ר׳ נחמנס בן יחיד, איז עס דער יעניקער פון וועמען זי איז פאַרגאַנגען אין טאָרגן!

— טפוי, טפוי, השם ישמרנו!

באַדאַרף געשען, אַז פונקט אין די סאַמע עשרת ימי תשובה זאָל זיך דער מיימאָנעשטער עולם דערוויסן פון דער גרויסער זינד וואָס דער טייערער תכשיטל אברהמל טאַלינסקי האָט עס אָפּגעטאָן... אפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך וואָלט די דאָזיקע סענסאַציע אַרויסגערופן אַ פּחד און אַ גרויל צווישן די פרומע מיימאָנעשטער אידן. אָבער אַצינד, אין די עשרת ימי תשובה, ווען דער עולם גרייט זיך צו רייניקן פון אַלע אָפּגעטוענע עברות, פונקט ווי די אידן אין מדבר האָבן זיך געריי׳ניקט פאַרן מעמד הר סיני, ווען אידן שטייען אויף פאַרטאָג צו סליחות און קלאַפּן זיך אין האַרצן פאַר די אָפּגעטאָענע זינד און האַלטן אין איין בעטן זיך ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל זיי מוחל זיין אויף אַלע עבירות סיי בשוגג און סיי במזיד; פונקט דעמאָלט ווען מען האַלט זיך אין איין דינגען מיט׳ן אַלמעכטיקן און מען פּרוואוט פועל׳ן ביי אים אַ גוט געבענטשט יאָר מיט אַ גמר חתימה טובה, אויפ׳ן חשבון פון די כלל ישראל׳דיקע מעשים טובים — מעשה שטן שפּרינגט אַריין אַזאַ שענדלעכע געשיכטע!

די ווייבער אין מאַרק, וועלכע זיינען אגב שטאַרק באַשעפטיקט אין איינהאַנדלען כפרות פאַר ערב יום כיפור, גרופּירן זיך אַרום דער מיימאָנעשטער רביצין. זיי, די ווייבער, חזר׳ן איבער די מעשה נורא פון אברהמלען און מאַרטאַן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. זיי צעלייגן עס אויף ט״שעלעך און

אויף טעלערלעך. די אידענעס ווילן רק וויסן וואָס די רביצין האָט צו זאָגן. די מיימאָנעשטער רביצין בעט זיך ביי די אידענעס ווי צו גזלנים זיי זאָלן איר אָפּלאָזן, ווייל עס קרענקט זי געגוג אַז אין „איר" שטאָט זאָל פּאַרקומען אַזאַ חוכא וטלולא, אַזאַ חילול השם! אָבער די אידענעס לאָזן נישט אָפּ. איטלעכע האָט עפּעס וואָס צוצוגעבן:

— עס קומט ר׳ נחמן טאַלינסקי און זיין מירעלע אַ „מזל טוב" — פּאַטשט זיך אַ אידענע איבערן מויל צוגעבנדיק: „גאָט זאָל מיר אוודאי נישט שטראָפן פאַר מיינע רייד!"

— איר מאַכט חוזק דערפון?! — רופט זיך אָן אַ צווייטע אידענע — עס איז שוין גאַרנישט צום לאַכן! אָט איז מיין טאָכטער, זאָל לעבן און געזונט זיין, מיט איניקעס וואָכן צוריק געלעגן געוואָרן און צום דריטן טאָג איז דאָס עופה׳לע אָוועקגעשטאָרבן!...

— נאָר דאָס?! — שרייט אויס אַ דריטע אידענע — אָט האָט מיין שנור, עליה השלום, געהאַט אַ שווער האָבן, מיין מאַן און איך האָבן איינגע־ריסן קברים, מיר האָבן זיך געבעטן ביים מיימאָנעשטער צדיק, אַז ער זאָל זען פּועל׳ן אין הימל זי זאָל האָבן אַ רפואה שלמה — זי איז אַ מאַמע פון זיבן עופה׳לעך, איינס קלענער פונ׳ם צווייטן, וועלכע בלייבן אויף גאָטס באַראַט. ער זאָל לעבן, האָט בלויז פאַרגלייזט זיינע אויגן צום הימל און שטיל אַרויסגעקרעכצט, ווי איינער רעדט „עס איז אַ גזר מן השמים"!

— פאַר די זינד פון אַזוינע אויסגעפּאַשעטע נגידישע זינדלעך דאַרף נעבעך דאָס גאַנצע שטעטל ליידן!...

— אוי וועט ער זיך עס דאַרפן קלאַפּן על חטא, רבונו של עולם, טאַטע, פּאָטער אין הימל!

ד.

אָבער קיינעם האָט דער ענין אַזוי נישט באַרירט ווי דעם מיימאָנעשטער צדיק. חוץ דעם וואָס אברהמל איז געווען זיינס אַ תלמיד מובהק, וועלכער האָט געלערנט די גאַנצע צייט אין דער מיימאָנעשטער ישיבה, וואָס דאָס אַליין אָן און פאַר זיך וואָלט שוין געגוג געווען צו וואַרפן אַ פּסול אויף דער ישיבה, האָט דער רבי דווקא האַיאָר געהאַט אַ פאַרטיקע דין־תורה מיט׳ן רבונו של עולם: „בלויז צוליב די מיימאָנעשטער אידן אַליין איז שוין דער גאַנצער כלל ישראל ווערט געהאָלפן צו ווערן און דער עיקר, עס זאָל שוין קומען די גאולה שלמה; עס איז שוין די העכסטע צייט אַז משיח צדקנו זאָל קומען צו רייטן און ער, משיח, מיט׳ן כלל ישראל זאָלן

זוכה זיין עולה רגל צו זיין קיין ירושלים עיר קדשנו״.

— טאַטע זיסער אין הימל — טענה׳ט דער מיימאַנעשטער רבי צו כביכול — זע וואָס פאַר אַ טייערע און וואוילע אידן דו פאַרמאַגסט אין דער קהילה קדושה מיימאַנעשט!

עס איז נישט שווער זיך פאַרצושטעלן די סומאַטאָכע וואָס די איבער־ראַשענדע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן ביי די מיימאַנעשטער אידן בכלל און אין דער באר מים חיים שוהל בפרט. איטלעכער פון דער חברה האָט געפילט אַ מאוימ׳דיקן ווייטיק; איטלעכער האָט זיך געפילט געטראָפן פון דער דאָזיקער אויסטערלישער געשעעניש ווי גלייך יעדער איינער וואָלט געהאַט אַ חלק אין דער אָפּגעטאָענער נבלה און אין דער גרויסער עבירה. מען האָט געפילט ווי גלייך מען איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך, ווייל אויב צווישן די קינדער פון דער חברה באר מים חיים האָט אַזאַ זאַך געקאָנט געשען, וואָס זשע דעמאָלט קאָן מען שוין דערוואַרטען פון די איינפאַכערע קינדער?!

ה.

איטלעכער חברה׳מאַן אין דער באר מים חיים שוהל האָט געהאַט געוויסע התחייבותן. מען האָט זיך געמוזט באַטייליקן אין די שיעורים וויניקסטנס איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך. ר׳ אברהם קראַקויער האָט יעדן טאָג פאָרגעלערנט ברבים אַ שיעור גמרא און תוספות; ר׳ יחזקאל קאַוואַלסקי האָט טעגלעך פאָרגעלערנט אַ שיעור יורה דעה מיט די מפורשים; ר׳ יואל בערלינסקי איז געווען דער פאָרלערנער פון משניות. טאָמער איז געווען אַ יאָרצייט האָט איטלעכער זיך אונטערגענומען צו לערנען אַ פרק משניות ביחידות לויט די אותיות פונ׳ם נפטר׳ס נאָמען. ר׳ נחמן פירשטיין דער מגיד פלעגט דרש׳ענען מעניינא דיומא אַלע שבת נאָכמיטאָג. די זיינען געווען אויסגעזעצטע שיעורים פאַר כל הקהל. עס זיינען אויך געווען איינצלנע שעורים פאַר אַ געקליבענער גרופּע וועלכע האָבן זיך געקליבן מסיים צו זיין אַ מסכת. איינע אַ גרעסערע גרופּע פלינקע לערנערס פלעגט איבערבלייבן טעגלעך פאַר אַן עקסטראַ צוויי דריי שעה צייט. די גרופּע האָט זיך געקליבן צו מאַכן אַ סיום הש״ס אין משך פון פינף יאָר צייט.

דאָס בלויזע וואָכעדיקע דאַוונען איז אויך נישט איינפאַך צוגעגענגען אין דער באר מים חיים שוהל. חוץ די תנועות און די הוועיות בשעת׳ן דאַוונען זיינען אויך די הכנות פאַר׳ן דאַוונען געווען אַ גאַנצער עסק.

איטלעכער איז געגאַנגען גאַנץ פרי אין דער מקווה זיך טובל׳ען. ערב שבת פלעגט מען זיך צוויי מאָל טובל׳ען. איינמאָל אין דער פרי און דאָס צווייטע מאָל פאַרנאַכט, פאַר קבלת שבת. דאָס אינדערפרידיקע דאַווענען האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק שפּעט, נאָכדעם ווי מען האָט אַריינגעכאַפּט אַ צאָל קאַפּיטלעך תהלים און געלערנט איינס צוויי פּרקים משניות צי אַ בלאַט גמרא. ערשט נאָכדעם ווי מען האָט זיך געמאַכט אַ חשבון הנפש איבער די אָפּגעטאָענע מעשׂים און איבער די הרהורים רעים, נאָך דעם אַלעמען האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מיט גרויס התלהבות.

ווער עס האָט נישט געזען די בעלי מדרגה אידן דאַווענען, דער האָט קיין אַנונג נישט וואָס עס הייסט אַזוינס דינען גאָט מיט התרוממות, מיט אַן איבערגעבנקייט וואָס איז זיך שווער משער צו זיין. עס איז זיך סתם שווער פאָרצושטעלן די מאָדנע הוויעות, ווי איינער טאַנצט סתם אונטער, אַ צווייטער שרייט מיט אַלע כוחות, אַ דריטער קלאַפּט מיט די הענט און איניקע זשעסטיקולירן ווי גלייך זיי ראַנגלען זיך מיט עמיצן...

אַז מען איז שוין יאָ פאַרטיק געוואָרן מיט׳ן דאַווענען, האָט מען ערשט אַריינגעכאַפּט אַ „יום״ תהלים בציבור. אַז מען האָט געענדיגט לייגן רבינו תמ׳ס תפילין און זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פּרשות המן און דעם זכור מיט אַ „יום״ מעמדות, איז מען ערשט אַהיימגעגאַנגען עסן וואָס האָט שוין כולל געווען דעם פרישטיק מיט׳ן מיטיק צוזאַמען.

איז נאָר ווער עס האָט זיך אונטערגענומען אָנטיילצונעמען אין אַ גרויסן טייל פון די מנהגים, נסחאות און פּראָצעדורעס פון די אָנגענומענע כללים אין דער באר מים חיים שוהל, נאָר דער יעניקער האָט עס געקאָנט ווערן אַ חברה׳מאַן אין דער שוהל.

נאָר דאָס איז אויך נאָכנישט אַלעס. איינער פון די הויפּט עיקרים בכדי אַקצעפּטירט צו ווערן אין דער חברה איז געווען צו האָבן גוטע קינדער. טאָמער האָט אַ מיטגליד געהאַט אַ זון אָדער אַ טאָכטער וואָס זיינען אַרויס לתרבות רעה האָט, לויט די תקנות פון דער חברה, דער יעניקער זיך פריוויליק געדאַרפט אָפּזאָגן.

כאָטש ר׳ נחמן טאַלינסקי איז אפשר נישט געווען הונדערט פּראָצענטיק קוואַליפיצירט צו זיין איינער פון די בעלי מדרגות, דאָך האָט מען אים טאָלערירט. זאָל ער זיך זיין אַ „זנב לאריות״ האָבן איניקע געטראַכט, אַזוי לאַנג ווי ער האַלט זיך אין דער מדרגה...

און דאָ איז פּלוצלינג געשען אַזאַ אומגליק, וועלכער איז שנעל מפורסם געוואָרן איבערן גאַנצן שטעטל, אַז ר׳נחמנ׳ס בחורעץ, האָט עס אָפּגעטאָן אַזאַ שאַנד און אַזאַ חילול השם!...

— רחמנא ליצלן, רחמנא ליצלן! — הערט מען דעם עולם האַלטן אין איין שעפּטשען און אויסשפּייען.

ו.

אַזוי ווי ר׳ נחמן טאַלינסקי האָט אַלע יאָרן געדאַוונט אין דער באר מים חיים שוהל און אַזוי ווי ער האָט זייער גוט געוואוסט דעם דאָרטיקן לעבנסשטייגער און דעם דאָרטיקן נוסח, איז, אַז דאָס אומגליק מיט זיין אברהמלען איז געשען, האָט ער זיך ממש געשעמט צו ווייזן זיין פּנים אין דער עפנטלעכקייט און בפרט נאָך דערצו אין דער באר מים חיים שוהל. איז ער טאַקע דערפאַר געבליבן אינדערהיים און נישט געגאַנגען דאַוונען מיט מנין, ער האָט געדאַוונט ביחידות, אין סאַמע שבת תשובה!

— וואָס זאָל איך אַצינד מיט דיר טאָן?! — שרייט ר׳ נחמן צו אברהמלען, וועלכער האָט ביים פאָטער געהאַט אַ פּנים ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה. אברהמל איז געשטאַנען פאַר זיין פאָטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

— וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן?! — קאָן זיך ר׳ נחמן אויף קיין שום אופן נישט באַרואיקן — וואו זאָל איך זיך אַהינטאָן פאַר בושה?!

ר׳ נחמן קאָן זיך שוין מער נישט צוריקהאַלטן, ער וויל צוגיין צו אברהמלען און אים דערלאַנגען אַ מתנת יד ווי עס געהערט צו זיין, נאָר אָט פילט ער ווי די כוחות לאָזן זיך אים אויס און אַז די פיס פּלאָנטערן זיך אים איינער אין צווייטן און איז אומגעפאַלן אין חלשות.

אַז מירעלע, ר׳ נחמנ׳ס ווייב, האָט דערזען ווי ר׳ נחמן איז אומגעפאַלן אין אַנמאַכט, האָט זי אויסגעשריגן הויך אויפ׳ן קול:

— אַ בראָך איז מיר, דער טאַטע איז פאַרביי! — ווענדנדיק זיך צו אברהמלען שרייט זי אויף אים — וואָס שטייסטו?! ברענג זאָפאָרט אַ שעפּל וואַסער!

אברהמל איז געקומען צו לויפן מיט אַ שעפּל וואַסער אַליין נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן דערמיט. מירעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שעפּל וואַסער און עס אויסגעגאָסן אויף ר׳ נחמנ׳ען, וועלכער איז געלעגן אַ בלאַסער און אַן אומבאַוועגלעכער אויף דער פּאָדלאָגע. מירעלע האָט אַזוי לאַנג נישט אָפּגעטראָטן ביז זי האָט נישט דערמונטערט איר מאַן.

אז אברהמל האָט דערזען ווי דער פּאָטער קומט צו זיך און אין וואָס פאַר אַן אומעטיקן מצב ער געפינט זיך, זייענדיק בלאַס ווי די וואַנט און נאַס, האָט ער אַליין נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַן אופן ער וואָלט געקאָנט זיין פּאָטער מפייס זיין. נישט זייענדיק אַנטשלאָסן און פילנדיק ווי זיינע פיס וואַקלען זיך אונטער אים האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן צו דער ערד און מיט אַ האַלב בעטנדיקן און האַלב היסטערישן טאָן האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט די פאָלגענדע ווערטער:

— טאַטע, איך האָב חרטה, איך וויל תשובה טאָן!...

ר' נחמן האָט שווער אָפּגעאָטעמט און נישט קוקנדיק אברהמלען אין פּנים אַריין, האָט ער אים אָנגעכאַפּט ביי דער פּאָלע פון זיין קאַפּטאָן און האָט אים געשלעפּט:

— קום צום רב נאָך אַ תשובה!....

ז.

אברהמל האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין גענויעם דין וחשבון ווי אַזוי עס האָט בכלל געקאָנט פּאַסירן אַזאַ זאַך, אַז מאַרטאַ זאָל פאַרגיין אין טראָגן פון אים... אַלץ קומט אים פאָר ווי עפּעס אַ חלום און ער קאָן זיך עס אויף קיין שום אופן נישט גלויבן, אַז ער זאָל האָבן געווען אַזוי נאָענט צו איר לייב, אויף אַזוי וויט אַז זי זאָל מעוברת ווערן פון אים... ער דערינערט זיך, ווי אין איינעם אַ זומערדיקן מוצאי שבת'דיקן אָוונט, נאָכדעם ווי ער איז אַהיימגעקומען מיטן פּאָטער פון דער מלוה מלכה ביים מיימאָנעשטער רב, איז ער צוזאַמען מיט'ן פּאָטער צוגעגאַנגען צו דער שטאַל אין וועלכער די צווי אלגאַבער קי זיינען געלעגן. איינע פון די קי האָט זיך באַדאַרפט צו קאַלבן. אַז ער מיטן פּאָטער זיינען אָנגעקומען אַהיים דורכן טויער און זיינען אַריין אין הויף, האָבן זיי דערהערט ווי פון דער שטאַל, וועלכער איז געשטאַנען אונטן אין הויף, ביים גאָרטן, האָבן זיך די קי צעמערוקעט. דער פּאָטער האָט אים דעמאָלט אַ זאָג געטאָן:

— אברהמל קום לאָמיר כאַפּן אַ בליק צו די קי, עס קאָן זיין אַ צער בעלי חיים!...

וואָס דער פּאָטער האָט געמיינט דערמיט האָט ער נישט פאַרשטאַנען, ער איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז דער פּאָטער איז אויסן געווען, אַז טאָמער די קאַלביקע קו איז אַ מקשה לילד דעמאָלט זאָל מען קענען רופן דעם וועטערינאַר, ער זאָל איר אַרויסהעלפן.

אברהמל איז געגאַנגען מיטן פּאָטער אין שטאַל אַריין. דער פּאָטער

האָט זיך אַרומגעקוקט, ביי דער שיין פון דער לבנה, צי אַלעס איז אין אָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקייט. די קי האָבען געמרוקעט און פון שטאַלן־בוידעם האָט מען געקאָנט הערן כראָפּען. דאָס האָט מאַרטאַ, די אונגאַרישע דינסט, געכראָפּעט. כאָטש אי דאָס מרוקען פון די קי און אי דאָס כראָפּען פון מאַרטאַן זיינען אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם זעלבן טאָן אָלס האָט אברהמל זייער גוט געוואוסט צו אונטערשיידן צווישן די דאָזיקע קולות וועלכע האָבן צום טאַקט, ווי אין כאָר, אונטערגעפייפט און אונטער־געכראָכלט.

אַז אברהמל מיטן פאָטער זיינען אַריין אין הויז איז שוין דאָס גאַנצע בני בית געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. אברהמל האָט זיך אויך געלייגט שלאָפן, אָבער ער האָט אויף קיין שום אופן נישט געקאָנט אַנט־שלאָפן ווערן. דאָס כראָפּען פון דער דינסט, פון מאַרטאַן, האָט אים געזשומעט אין די אויערן און אַז ער האָט נאָכדעם געהערט דאָס מאָנאָטאָנע מרוקען פון די קי און זייער אויסגעצויגענעם מ— — ו, מ — — ו, מו, איז ער געווען כמעט ווי זיכער, אַז ער הערט אויך מאַרטאַס כראָפּען. עפּעס אַ משונה׳דיק דאַכטעניש האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מאַרטאַ ליגט ממש לעבן אים און אַז דאָס הערט ער איר כראָפּען...

אברהמל האָט זיך שטיל אַרויסגעשלייכט פון הויז און איז גראָד אַוועק צו דער שטאַל. פאַרוואָס ער האָט עס געטאָן האָט ער זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון. אַצינד, אַז ער איז געווען אין שטאַל, האָט ער בלויז געהערט מאַרטאַס כראָפּען. ער האָט געוואוסט, אַז מאַרטאַ האָט אַן אויסערגעוויינלעך הארטן שלאָף. מירעלע, די באַלעבאָסטע, אברהמלס מוטער, האָט אַלעמאָל געהאַט שוועריקייטן זי אויפצוּוועקן אינדערפרי. זי, מירעלע, פלעגט טאַקע טענה׳ן, אַז עס איז גרינגער אַ טויטן דורכצואוועקן איידער מאַרטאַן.

אין די ווינטער מאָנאַטן פלעגט מאַרטאַ שלאָפן אין דער קיך אין אַ באַנק־בעטל, נאָר אין די זומערדיקע מאָנאַטן, ווען עס איז מאַרטאַן צו הייס געווען צו שלאָפן אין דער קיך, האָט זי גערנער געהאַט צו שלאָפן אויפן שטאַלן בוידעם. דער גערוך פון פרישן היי האָט איר פיל בעסער אָנגעשמעקט ווי דער עיפּוש׳דיקער גערוך פון שטרוי זאַק, דער שטאַלן בוידעם און דאָס פרישע היי האָט איר דערמאָנט אין איר קינדהייט און אין איר היים, וואו זי פלעגט זומער צייט מיט דער גאַנצער משפחה צוזאַמען שלאָפן אויפ׳ן שטאַלען בוידעם אָדער אין אַ שייער וואו עס האָט אַלעמאָל

געשמעקט מיט מחיה׳דיק פריש געשניטענעם היי אויף וועלכן זי האָט געשפּינט אירע קינדערשע חלומות.

אַברהמל דערינערט זיך, ווי ער איז געהאַט געשטאַנען פאַר אַ ווייל און זיך צוגעהערט אין מאַרטאַס שנאָרכן און ער האָט נישט געקאָנט דעצידירן וואָס ער זאָל ווייטער טאָן. סוף כל סוף האָט ער געזען, אַז עס האָט נישט קיין צוועק צו שטיין אַזוי זיך און זיך איינהערן ווי מאַרטאַ שנאָרכט און ווי די טענער פון איר שלאָף ווערן פאַרשלונגען מיט׳ן מערוקען פון די קי. אַברהמל האָט געפילט ווי אַ האַנט ציט אים אַוועק פון זיינע געדאַנקען און ער איז אַן אומאַנטשלאָסענער, אַוועקגעגאַנגען זיך לייגן שלאָפן. ער איז ערשט אַנטשלאָפן געוואָרן ווען דער מאָרגן שטערן האָט שוין אָנגעהויבן צו וואַרפן זיינע ראָזעווע שטראַלן איבערן האָריזאָנט. ער איז אַזוי האַרט איינגעשלאָפן, אַז איבערדערפרי האָט אים די מוטער קוים אויפגעוועקט:

— קוקט אים אָן, דעם שיינעם תכשיט, ער שלאָפט שוין אַזוי האַרט, ווי להבדיל, מאַרטאַ!

מאַרטאַ, דינענדיק ביי ר׳ נחמנען פאַר אייניקע יאָר, האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אַ גאַנץ נישקשהדיקן אידיש. זי האָט געוואוסט וועגן אידישקייט נישט ווייניקער ווי אַ טייל אידישע פרויען. מיט אַברהמלען איז זי געווען כמעט ווי מיט אַן אייגענעם. ווען זי האָט אָנגעהויבן דינען ביי ר׳ נחמנען איז זי נאָך אַליין כמעט געווען אַ קינד. זי איז נאָך קיין צוועלף יאָר נישט אַלט געווען, כאָטש זי איז שוין געווען רייף אַנטוויקלט, שלאַנק, מיט אַ היפּשן בוזים. ביי די צוועלף יאָר איז זי שוין געווען אַן אויסגעלערנטע דינסט. אַברהמל איז געווען יונגער פון איר מיט אַ דריי יאָר. זיי, אַברהמל און מאַרטאַ, זיינען כמעט אויף איינמאָל אויפגעוואַקסן געוואָרן. זי געדענקט די צייטן ווען אַברהמל פלעגט זיך נישט שעמען פאַר איר און אַרומלויפן אַ נאַקעטער אין איר קעגנוואַרט, ווען ער פלעגט זיך אָפּבאָדן, פונקט ווי ער האָט זיך נישט געשעמט פאַר זיין מוטער. אויך אַברהמל געדענקט עס און טאַקע דאָס האָט אים געמאַכט פילן גאַנץ היימיש מיט מאַרטאַן.

— מאַרטאַ — האָט זיך אַברהמל אָנגעטאָן אַ כוח און געזאָגט דער דינסט מיט אַ פליסטערנדיקן און צוריקגעהאַלטענעם טאָן — מאַרטאַ, איך האָב דיך נעכטן נאַכט געהערט שנאָרכן, בעת דו ביסט געשלאָפן אויפן שטאַלן בוידעם.

קוים האָט אברהמל אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך ווי דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט נאָר וואָס אַרויסגערעדט. ער איז רויט געוואָרן ווי אַ צונטער צוליב זיין פאַרלעגנהייט. ער וואָלט שוין גערן געוועזן צוריקצוציען זיינע נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטע ווערטער, אָבער עס איז שוין צו שפּעט געווען.

אויך מאַרטאַ איז פאַר אַ ווײַלע געווען אין פאַרלעגנהייט, אָבער זי איז שנעל געקומען צו זיך:

— דו, אברהמל, וואָלסט מיט מיר קענען טאָן וואָס דו וועלן וואָלסט, איך וואָלט זיך סיזוי ניט איבערגעוועקט...

דאָס איז געווען, דערינערט זיך אברהמל,מיט צוויי יאָר צוריק. ער, אברהמל, איז קוים געהאַט בר מצווה געוואָרן און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין בערעגסאַז אין דער ישיבה. ער פלעגט נאָר אהיימקומען בין הזמנים. מאַרטאַ איז אין צווישן אויסגעוואַקסן אַ קרעפּטיקע דינסט. אַזוי ווי ער האָט זיך מיט מאַרטאַן אַזוי זעלטן געזען, האָט ער זיך אָנגעהויבן מער צו שעמען פאַר איר און ער האָט זי אויסגעמיטן. נאָר אַז אברהמל איז איינמאָל, אַהיימגעקומען אויף שבועות און ער איז נאָך יום טוב געגאַנגען מיטן פאָטער צו דער מלוה מלכה ביים מיימאַנעשטער רב און אַז זיי זיינען צוזאַמען אהיימגעקומען און דער פאָטער האָט אים מיטגענומען מיט זיך אַרומצוקוקן אין דער באַלעבאַטישקייט, צי אַלעס איז אין אָרדענונג, און אַז זיי זיינען צוגעקומען צו דער שטאַל האָט זיך ר׳ נחמן געוואָלט צוריקציען, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאַרטאַ שלאָפט מסתמא דאָרטן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אברהמל האָט שוין אויך דערהערט מאַרטאָס שנאָרכען. כאָטש פאַר אַ מינוט, האָט ר׳ נחמן געטראַכט, אַז אברהמל קאָן נאָך חלילה קומען צו אַ נסיון... האָט ער אָבער די מחשבות ווי אַרויסגעטריבן פון זיין מוח. נאָר אַזוי ווי די קי, דערהערנדיק אַז לעבעדיקע וועזנס דרייען זיך אַרום זיי, האָבן זיך צעמרוקעט, ווי דירעקט אַרויסצורופן אויפמערקזאַמקייט צו זיך, זיינען שוין ביידע, דער זון מיטן פאָטער, אַריין אין שטאַל אַריין בכדי צו כאַפּן אַ בליק צי אַלעס איז אין אָרדענונג.

אברהמל האָט אַציננד אויף קיין שום אופן נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט פון הויז און איז אַוועק אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט צו דער שטאַל און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון דער שטאַל און זיך צוגעהערט צו דער „סימפאָניע“

פון די קיס מרוקען און מאַרטאַס שנאָרכן. ער האָט זיך דערמאָנט אין אירע ווערטער, „דו, אברהמל, וואָלסט מיט מיר קענען טאָן וואָס דו וועלן וואָלסט“, האָט אברהמל ווי אויף טשעקאַוועסט געוואָלט זיך איבערצייגן, אויף ווי ווייט מאַרטאַ קאָן עס זיין פאַרשלאָפן...

אברהמל האָט זיך טאַקע געראַנגלט מיטן יצר הרע אָבער דער יצר הרע האָט אים סוף כל סוף גובר געווען...

כאָטש אברהמלען האָט זיך געדאַכט, אַז מאַרטאַ איז געווען פאַרזונקן אין איר געוויינלעכן טיפן שלאָף און אַז זי ווייסט ניט, אַז ער, אברהמל, איז געווען נאָענט מיט איר ביינאַכט, האָט ער זיך אָבער שפּעטער איבערצייגט, אַז אַזוי האַרט האָט שוין מאַרטאַ ניט געשלאָפן...

אברהמל האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן צו מאַכן אַ דין וחשבון, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עבירה בלויז דערמיט וואָס ער האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט מאַרטאַן. ער האָט זיך אויסגעטשוכעט פון זיינע אילוזיעס און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ שרץ, אַז ער האָט זיך מטמא געווען בלב ונפש. ער האָט זיך געפילט ווי גלייך ער וואָלט עובר געווען אויף כל העבירות שבעולם און אַז בכדי זיין תשובה זאָל אָנגענומען ווערן ביים רבונו של עולם וועט ער דאַרפן דורכגיין אַלערליי סגופים...

נאָר אויף דערויף, אַז מאַרטאַ וועט פאַרגיין אין טראָגן, האָט ער זיך נישט געריכט!

ח.

אברהמל איז סך הכל פופצן יאָר אַלט געווען בשעת ער האָט אָפּגעטאָן די שענדלעכע טאַט מיט דער אונגאַרישער דינסט. ער, פונקט ווי זיין פאָטער, ר' נחמן, האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט אין לערנען. נאָר אַזוי ווי ר' נחמן טאַלינסקי איז געווען אַ איד אַ נגיד, האָט ער זיך פאַרגענומען, אַז ער וועט אומבאַדינגט טאָן אַ שידוך מיט זיין זון מיט אַ בת תלמיד חכם. ר' נחמן ווייסט זייער גוט, אַז „כסף וזהב מטהר ממזרים“, אַז געלט האָט אין זיך דעם כוח אַפילו מטהר צו זיין ממזרים, איז וואָרום זאָל ער מיט זיין פאַרמעגן נישט קענען פאַרדעקן אַזאַ קלייניקייט ווי נישט צו זיין אַ תלמיד חכם?

— קיין מר בר רב אשי וועט שוין מיין אברהמל סיי ווי נישט זיין
— אָבער פאַר געלט קאָן מען זיך איינקויפן אין יחוס.

אַזוי טראַכט ביי זיך ר' נחמן. ער האָט זיך שוין אפילו געהאַט אויסגעקליבן אַ שנור, נישט קיין אַנדערע ווי העניען, ר' צמח דעם

דיינס בתולה. נאָר אַז עס איז געשען די מעשה נורא מיט זיין אברהמלען איז ר׳ נחמן זיכער אַז פאַר כל הון דעלמא וועט שוין ר׳ צמח דער דיין זיך מיט אים נישט משדך זיין.

ווען ר׳ נחמן מיט אברהמלען זיינען אָנגעקומען צום מיימאַנעשטער רב איז פונקט דעמאָלט אויך דאָרט געווען ר׳ צמח דער דיין. אַז ר׳ נחמן האָט דערזען ר׳ צמחן ביים רב אין הויז, האָט ער שוין חרטה געהאַט אויף זיין איבערגעאײַלטן שריט, נאָר עס איז שוין סיי ווי געווען צו שפּעט.

נאָר ר׳ נחמן האָט סיי ווי גאָרנישט פאַרלוירן, ווייל אַזוי דער רב ווי דער דיין האָבן שוין געוואוסט פון דעם „חילול השם״. ר׳ צמח דער דיין האָט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט זיין טאָקטפול פון זיין זייט, אַז ער זאָל זיך געזעגענען פונם רב און גיין אַהיים און ער זאָל איבערלאָזן ר׳ נחמנען מיט אברהמלען פנים אל פנים מיטן רב.

אַן אַנדערש מאָל ווען ר׳ נחמן טאַלינסקי פלעגט זיך באַווייזן ביים רב, איז ער געווען אַ גאַנצער „יום זה מכובד״, אַזוי דער רב ווי דער גבאי האָבן אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי צום בעסטן אויסנעמען ביי אים און ווי אים פריער אָוועקזעצן, אָבער אַצינד האָט אים דער רב קוים באַגריסט און אים קוים פון יוצא וועגן געענטפערט אויף זיין, ר׳ נחמנס, גוטן טאָג.

ר׳ פייוישל, דער מיימאַנעשטער רב, איז זיך געזעסן אין זיין רבנות שטול, אַ הויכע שטול מיט אַ הויכן אָנלען און מיט לעדער איבער־געצויגן. אויף דער דאָזיקער שטול זיינען נאָך זיינע אבות אבותיו געזעסן. פון דור צו דור האָט מען טאַקע די שטול אַביסל צורעכט געמאַכט, זי איבערגעצויגן מיט נייעם לעדער, אָבער דער גוף פון דער שטול איז אַלעמאָל געבליבן דער זעלבער אַזוי אין פאַרנעם ווי אין סטיל. דער רב האָט זיך געריוכערט זיין ליולקע וועלכע האָט געהאַט אַ לאַנגן ציבוך. אויך די ליולקע, זאָגט מען, איז איבערגעגאַנגען בירושה מדור לדור. דער רב האָט פון דער ליולקע געלאָזט קנוילן רויך. אויב אַן אַנדערש מאָל איז דער רויך ביים רב געווען אַ ווייסער, האָט ער אָבער אַצינד אויסגעזען שוואַרצלעך. דער רבי איז געזעסן אָנגעלענט, ווי ערב פּסח אויפן הסב־בעט, מיט פאַרמאַכטע אויגן און האָט עפּעס מתכוון געווען. מיט איטלעכן רינגעלע פון רויך האָט מען געקאָנט באַמערקן, ווי עס ווערט געבוירן אַ נייע מחשבה ביים רבין אין מוח. ר׳ נחמן און אברהמל זיינען פאַר אַ ווײַלע געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ נישט וויסנדיק

ווי אַזוי זיך צו ווענדן צום רב און צי זיי זאָלן וואַרטן ביז דער רב וועט זיי פרעגן וואָס זיי ווילן. אין שטוב איז שטאַרק שטיל געווען. מען האָט געקענט הערן דאָס זשומען פון אַ פליג. בלויז דער אומרו פון דער גרויסן זייגער האָט געשטערט די רו מיט זיין טיקטאַקעווען. ענדלעך האָט דער רב געעפנט די אויגן און זיך געווענדעט גראַד צו ר׳ נחמנען, נישט קוקנדיק אַפילו אברהמלען אין פנים אַריין. אברהמלען האָט ער אינגאַנצן איגנאָרירט, ווי גלייך ער וואָלט בכלל נישט געווען דאָרטן. ר׳ נחמן האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט זיך געווענדעט צום רב בזה הלשון:

— רבי לעב, איר ווייסט מסתם שוין צוליב וואָס מיר זיינען געקומען צו אייך. אברהמל וויל תשובה טאָן בלב ונפש, ער האָט חרטה אויף אַלע אָפּגעטאָענע זינד. מיר זיינען געקומען נאָך אַ תשובה.

דער רב האָט אויסגעהערט ר׳ נחמנס ווערטער מיט גרויס אויפ־מערקזאַמקייט. ער האָט פאַר אַ ווײַלע אַוועקגעלייגט זיין ליולקע. ער האָט פאַרגלייזט זיינע אויגן כלפּי מעלה, מען האָט געקענט הערן ווי ער שעפּטשעט שטילערהייט צו זיך אַליין:

— הבועל ארמית, רחמנא ליצלן, רחמנא ליצלן!...

— אָבער תשובה, רבי לעב, תשובה, עס שטייט דאָך בפירוש אין פּסוק, הפותח יד לקבל שבים — בעט זיך ר׳ נחמן ביים רב אין אברהמלס נאָמען.

דאָ ווערט דער רב אַן אויפגערעגטער און ער כאַפּט זיך אויף פון זיין שטול ווי אַ שטורעם און שפּרייזט אַרום טיש שטאַרק נערוועז ביז ער זעצט זיך נאָכדעם נאָכאַמאָל אַוועק אַן אויסגעמאַטערטער מיט אַ קאַלטן שוויס אויף זיין ברייטן געקנייטשטן שטערן.

— וואָס מיינט ער — שרייט דער רב צו ר׳ נחמנען — וואָס מיינט ער, אַז איך האָב פאַר אים אָנגעגרייטע תשובות אויף אַזוינע האַרבע עבירות?!...

— צי זיינען שוין אַלע טויערן פון תשובה פאַרהאַקט?! — טענהט ר׳ נחמן ווי אַ פאַרטיידיקער, וועלכער וויל זיין זון מציל זיין פון שאול תחתית.

דער רב האָט ר׳ נחמנען דערויף גאָרנישט געענטפערט, ער האָט בלויז פאַרגלייזט זיינע אויגן און געקלאַפּט מיט דער פויסט איבערן טיש, ווי גלייך ער וואָלט זיך מיט עפּעס אַן אומזעבאַרן מאַנסטער געראַנגלט

און ער קאָן אים נישט בייקומען.

אברהמל וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי דער שולדיקער איבער וועמען עס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן דער גזר דין, האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט און איז געפאַלן דעם רב צו די פיס:

— אָדער עס וועט פאַר מיר געפונען ווערן אַ דרך תשובה, ווען נישט וועל איך זיין אַ מאבד עצמו לדעת! — אַט די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט מיט איין אָטעם, האַלב בעטנדיק און האַלב סטראַשענדיק.

דער רב איז אָבער ווייניק וואָס נתפעל געוואָרן פון אברהמלס סטראַשונקעס און ער האָט ווי פאַר זיך אַליין געמורמלט:

— אבא רחומאי! דערבאַרעמדיקער פאָטער אין הימל, האַלט די רעכטע האַנט איבערן כלל ישראל, אַז זיי זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן און נישט געשטראָפט ווערן צוליב אַן אַנדערנס זינד, מיט יסורים, מיט מגפות, און מיט סתם שלעכטע קרענק. באַהיט דיין פאָלק ישראל פון אַלעם בייז!...

פלוצלינג האָט זיך דער רב אויפגעהויבן פון שטול און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט געעפנט די טיר און געשריגן, אשר, אשר!

אשר איז געווען פאַרבונדן מיטן מיימאַנעשטער הויף נאָך פון בחורוויז. שוין אַלס בחור, ווען דער מיימאַנעשטער רב איז נאָך געהאַט געווען אַ יונגערמאַן און איבערגענומען די כסא הרבנות פון זיין פאָטער, דעם אַלטן מיימאַנעשטער רב, איז שוין אשר געווען הויז־בחור ביים מיימאַנעשטער רב. שפּעטער, אַז אשר האָט חתונה געהאַט איז ער געוואָרן גבאי. אַזוי אַז ער איז שוין גבאי ביים מיימאַנעשטער רב אַ קימא לן פון איבער פערציק יאָר. אַז אשר האָט געהערט ווי דער רב רופט אים אויף אַזאַ הויכן אופן, האָט ער זיך דערשראָקן און איז געקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער. ער קאָן זיך נישט דערינערן, אשר דער גבאי, אַז דער רב זאָל אים געווען אַמאָל האָבן גערופן מיט אַזאַ מין ירגזון. דער גבאי, אַ נידעריק אידל מיט ברייטע פּלייצעס און אַ ברייטן סאַמעטענעם קאַפּעלוש, האָט געעפנט די טיר און איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלוירענער, נישט וויסנדיק וואָס עס קומט פאַר און נישט וויסנדיק דעריבער וואָס צו טאָן. אָן דעם ער זאָל זיך געווען אַרומקוקן אין שטוב און זיך באַגריסן מיט ר׳ נחמנ׳ען, האָט ער אַ דערשראָקענער געפרעגט:

— יאָ, רבי לעב, וואָס זאָל איך טאָן, וואָס האָט פּאַסירט?

דער רב האָט נישט געזוכט צו באַרואיקן אשר דעם גבאי, ער האָט

אים בלויז שטרענג באַפוילן:

— אשר, ברענג מיר זאַפאָרט דעם קאַנטשיק!

ביים רב האָט זיך געפונען אַ קאַנטשיק וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט אַז אַזאַ איז בנמצא ביים רבין אין הויז. פון דעם דאָזיקן קאַנטשיק האָבן בלויז געוואוסט דער רבי און דער גבאי. דער קאַנטשיק איז שוין פאַר היפשע יאָרן ניט גענוצט געוואָרן. מיט דעם קאַנטשיק האָט קיינער קיינמאָל נישט געשלאָגן, חוץ אשר דער גבאי. און מיט דעם קאַנטשיק האָט קיינער נישט געקראָגן קיין שמיץ, חוץ דער מיימאָנעשטער רב, בכבודו ובעצמו.

אין די ייִנגערע יאָרן, איז געווען אַ צייט, ווען דער מיימאָנעשטער רב, ר׳ פיזשישל, פלעגט עס אַריינרופן צו זיך אשר׳ן און אים געהייסן פאַרמאַכן אַלע טירן און דער רבי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער פאָדלאָגע און געהייסן אשר׳ן, אַז ער זאָל אים שלאָגן מלקות.

צום סאַמע ערשטן מאָל האָט זיך אשר געקווענקלט צי ער זאָל בכלל פאָלגן דעם רבי און ער זאָל אים אויף אַן אמת שלאָגן מלקות. נאָר אַז דער רב האָט אויף אים געוואָרפן אַ פּאָר בליקן ווי אויף עפּעס אַ זינדיקן נפש און אַז ער האָט אים באַפוילן אַז „איך שרגא פיזשיש בן הרב ר׳ מנחם מענדל הכהן בין אויף דיר גוזר בגזרת הרב, אַז דו זאָלסט מיך שלאָגן מלקות ארבעים״ — דעמאָלט האָט שוין נעבעך אשר דער גבאי קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי צו שלאָגן מלקות זיין אייגענעם רבי.

מיר אידן זיינען גרויסע קינסטלערס צו באַשולדיקן זיך זעלבסט אין עבירות און אין חטאים וואָס מיר אַלס יחידים זיינען קיינמאָל נישט באַגאַנגען. נישט נאָר זיינען מיר מצדיק דעם דין — וועלכער פאַלט פּלוצלינג איבער אונדזערע קעפּ סיי פון די זינדיקסטע ברואים אין גאָטס וועלט און סיי טאַקע פון כביכול בכבודו ובעצמו — נאָר מיר לאָזן זיך נאָך דערצו פרייוויליק שלאָגן מלקות און מיר קלאַפּן זיך נאָך צו על חטא ווי גלייך מיר זיינען זיך טאַקע אויך מודה ומתוודה, אַז מיר זיינען טאַקע אויף אַן אמת די זינדיקסטע באַשעפענישן אין דער גאַנצער וועלט. מיר זיינען ממש אין דער בחינה פון „הודאת בעל דין!״...

מילא, אַז אַ איד לאָזט זיך סתם שלאָגן מלקות אין ערב יום כיפור און בשעת מעשה קלאַפּט ער זיך נאָך צו אין האַרצן מיטן טראַדיציאָנעלן „אשמנו, בגדנו, גזלנו״, איז עס דערפאַר ערב יום כיפור, אַ טאָג פאַרן יום הדין, אַ טאָג אידער עס ווערט אין הימל געחתמעט דער גורל פון

איטלעכן אינדיווידום „מי לחיים ומי למות“, אַ טאָג אין וועלכן איטלעכער גוטער איד איז מחויב מהרהר בתשובה צו זיין איבער עבירות וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין משך פון יאָר ביודעים ובלא יודעים — וועלכער צדיק הדור קאָן עס ערוב זיין, אַז ער איז נישט באַגאַנגען כאָטש אַן אבק עבירה אָדער, אַז ער האָט וויניקסטנס נישט געהאַט קיין הירהור רע?!

— נו, מילא, אין אַזאַ טאָג אַז מען לאָזט זיך שמייסן פון אונטן און מען קלאַפּט זיך אַליין צו פון פאָרנט, איז עס נאָך אַביסל פאַרשטענדלעך: אויב מען איז אפשר טאַקע אַליין נישט בכשול געוואָרן אין די אויסגע־רעכנטע האַרבע עבירות פון „אשמנו“ און פון די „על חטא׳ס“, איז עס דעמאָלט פאַר די זינד פון כלל ישראל! ישראל ערבין זה בזה...

אָבער סתם צו לאָזן זיך שמייסן אין מיטן יאָר אין אַ פּראָסטן וואָכעדיקן טאָג, זיך אָוועקצולייגן אויף דער פּאָדלאָגע און באַפעלן דעם גבאי ער זאָל שלאָגן מלקות, — דערויף איז נאָר דער מיימאָנעשטער רב אַליין מסוגל געווען!

אַז אשר דער גבאי האָט אין אָנפאַנג פּרובירט שלאָגן דעם רבי סתם אַזוי זיך, פון יוצא וועגן, האָט דער רבי אויפגעשפּרונגען ווי גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן און ער האָט אָנגעקוקט אשרן ווי גלייך ער וואָלט קאַפּאַבל געווען אים עוקר מן השורש צו זיין. אשר האָט טאַקע געפילט, ווי גלייך עס גייט פון אים באַלד ווערן אַ גל של עצמות. דער רב האָט אַרויסגעכאַפּט דעם קאַנטשיק פון אשר׳ס האַנט און מיט אים געקלאַפּט איבערן טיש מיט אַן אימפּעט פון אַ שלעגער וואָס איז גרייט „להשמיד ולהרוג“...

— אָט אַזוי שלאָג! — האָט ער נאָכאַמאָל שטרענג באַפוילן צום גבאי.

אשר דער גבאי האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי צו שלאָגן מיט רחמנות „אָן רחמנות“.

אויף די עלטערע יאָרן, האָט דער רבי שוין אשר דעם גבאי נישט באַלעסטיקט אַז ער זאָל אים שלאָגן מלקות. אַחוץ ערב יום כיפור. אפילו אין ערב יום כיפור, אַז אשר דער גבאי האָט שוואַך געשלאָגן האָט זיך אויך שוין נישט געבייזערט דער רב אויף אים... דער גבאי האָט עס אויסגעטייטשט: „נישט אַנדערש, נאָר פון הימל האָט מען מסתמא דעם רבי מודיע געווען, אַז ער איז אַ געלייטערטער“.

אַצינד, אַז דער רב האָט אים באַפוילן מיט אַזאַ ירגזון, אַז ער, אשר

דער גבאי, זאָל זאָפאָרט ברענגען דעם קאַנטשיק, האָט זיך אשר זייער שטאַרק דערשראָקן, אַז באַדאי וואָס פאַר אַן עבירה דער רב האָט עס אַזוינס אָפּגעטאָן, אַז אויף די עלטערן יאָרן וויל ער זיך לאָזן שלאָגן מלקות בפרהסיא. נאָר אַז אשר האָט געזען ווי דער רב האָט באַפוילן פאַר אברהמלען אַז ער זאָל מוחל זיין און זיך אַוועקלייגן אויף דער פאָדלאָגע, איז פאַר אשערן אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן און אשר האָט געשמיסן ווי אַמאָל אין די גוטע צייטן, ווען ער און דער רב זיינען נאָך געווען יונגעלייט.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז אברהמל האָט נישט געפילט קיין ווייטיק פון אשר דעם גבאי׳ס שמיץ וואָס ער האָט אים אַריינגעצימבלט אויף זיין געזעס, אָבער פאַר אברהמלען זיינען די שמיץ געווען יסורים של אהבה. אברהמל האָט ממש געפילט ווי מיט איטלעכן שמייס פון אשר דעם גבאי׳ס קאַנטשיק ווערט ער אַלס מער רוחניות׳דיק, ער ווערט מיט יעדן שמיץ אַלץ מער און מער געלייטערט. ער פילט, אַז נאָך די דאָזיקע שלעק וועט ער זיין ווי אַ ניי געבוירענער און אַז זיין חרטה וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ תשובה און תשובה העלפט!...

נישט ווייניק איז אברהמל איבעראַשט געוואָרן, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער פאָדלאָגע און קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, איז ערשט דער רב צוגעגאַנגען צו אים און אים דערלאַנגט אייניקע פייערדיקע פעטש איבערן פנים. דער רב האָט טאַקע געפּאַטשט מיט התלהבות, אָבער אָן אַ שמץ פון כעס... אַז ר׳ נחמן, אברהמלס פאָטער, האָט געזען, אַז דער רב פּאַטשט אברהמלען, איז ער אויך צו־געשטאַנען צו אים און ער האָט אים אויך אַרונטערגעלאָזן עטלעכע פעטש. דער רב האָט געפּאַטשט פון איין זייט און דער פאָטער פון דער צווייטער זייט, ביז אברהמל איז געפאַלן אין אַנמאַכט.

אַז אשר דער גבאי האָט נאָך אַ ווילע אויפגעמונטערט אברהמלען מיט שאַרפע יום־כיפּור טראָפּן, איז ער, אברהמל, געשטאַנען פאַרן רב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געוואַרט אויף אַ תשובה. דער רב האָט זיך געצופּט די באָרד און געקנייטשט דעם שטערן מעיין זייענדיק אין פאַרשידענע הלכות תשובה. דער רב האָט געבלעטערט אין שבט מוסר און אין די צוואת פון ר׳ יהודה החסיד און אין אַנדערע מוסר ספרים ביז ער האָט זיך געווענדעט גראָד צו אברהמלען:

— דו האָסט עובר געווען אויף איינער פון די האַרבסטע עבירות וואָס מען קאָן חלילה אָנווערן עולם הבא; דו האָסט עובר געווען אויף

איינער פון די עבירות שבין אדם למקום. תשובה אויף אזא מין עבירה קאן נאר דעמאלט חל זיין, אז מען איז זיך מסגף מיט אלע רמ״ח אברים און מיט אלע שס״ה גידין. איך, שרגא פייוויש בן הרב ר׳ מנחם מענדל הכהן בין אויף דיר גוזר בגזרת הרב, אז דו זאלסט גיין אפריכטן גלות, וואו דו וועסט נעכטיקן דארט זאלסטו נישט טאגן, זאלסט זיין נע־ונד, זאלסט פאסטן איטלעכן מאנטיק און דאנערשטיק, און אז דו וועסט ביישטיין דעם דאזיקן נסיון דעמאלט וועט מען דיר לאזן וויסן מן השמים, אז דיין תשובה איז אנגענומען געווארן...

ט.

נישט דער רב און נישט ר׳ נחמן האבן אין זייער גאנץ לעבן קיינמאל נישט געהויבן קיין האנט אויף וועמען עס זאל נישט זיין, וויילביידע וויסן זיי זייער גוט, אז הרמת יד — נקרא רשע, אז ווען איינער בלויז הויבט א האנט צום שלאגן איז אפילו מען זאל נישט שלאגן, ווערט מען שוין אנגערופן א רשע. על אחת כמה וכמה, אויב מען שלאגט טאקע איינעם, ווערט מען אודאי אנגערופן א רשע. נאר ביידע האבן זיך נאכדעם נישט געקאנט אפגעבן קיין געגויעם דין וחשבון ווי אזוי עס איז געשען, אז זיי זאלן ארויסגיין פון די כלים און באהערשט ווערן פון אזא מין נישט אידיש געפיל ווי הויבן די האנט אויף אן אייגענעם און אים שלאגן, און נאכדערצו אין א צייט ווען ער איז שוין געווען א געשלאגענער.

— און דו, — ווענדעט דער רבי זיינע שארפע בליקן צו ר׳ נחמנען — דו האסט געשלאגן מיט כעס!...

ר׳ נחמן טאלינסקי, זעענדיק אין וואס פאר א נעבעכדיקן מצב זיין זון געפינט זיך בשעת ער האט געווארט אויף א תשובה פונם רב, איז פון רב׳ס ווערטער נתעורר געווארן און ער האט ווי אנגעהויבן רחמנות האבן אויף זיין אברהמלען און זיך פארטראכט פאר א ווילע, צי איז ער נישט טיילמאל אליין נכשול געווארן אין עפעס אן עבירה וואס דערפאר ווערט ער אצינד געשטראפט. ער האט זיך דערמאנט אין מאמר פון אונדזערע חכמים, אז ווען איינער זעט, אז יסורים קומען איבער אים, זאל ער נאכזוכן אין זיינע מעשים: ר׳ נחמן האט אזוי לאנג גענישטערט אין די באהעלטענישן פון זיין זכרון, ביז ער האט זיך אין עפעס דערמאנט.

אין מיימאנעשט האט געוואוינט א איד א גרויסער ירא שמים, א געוועזענער גביר, וואס איז געווארן א יורד, רחמנא ליצלן, מיטן נאמען ר׳ זלמן באבעטשער. דער דאזיקער ר׳ זלמן איז געהאט געווען א גרויסער

בעל צדקה און אַ גרויסער מכניס אורח. אַ איד אַ חסיד און אַ תלמיד חכם, וועלכן עס וואָלט זיך געוועון אפילו געפּאַסט צו זיין אַ מיטגליד צווישן די באר מים חיים אידן. ר׳ זלמן באבעטשער האָט געהאַט געוואוינט אין אַ דאָרף און געהאַט פּרנסה בריווח. וויפיל מאָל אַ איד האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דאָזיקן דאָרף האָט ער אַלעמאָל געהאַט אַן אָפענע טיר ביי ר׳ זלמנען אין הויז. נאָר פּלוצלינג איז געשען אַן אומגליק און ר׳ זלמנס אשת חיל, וועלכע איז אויך געוועזן אַ פרומע צדיקת פונקט ווי ער, איז געשטאָרבן און ר׳ זלמן האָט נישט געקאָנט ווייטער אָנגיין מיט זיינע געשעפטן אין דאָרף, ווייל זיין פרוי האָט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער ויי זאָלן גיין אין אידישן וועג. אַזוי ווי ר׳ זלמן האָט געזען אַז די קינדער הויבן אַן אונטערוואַקסן און אַז אין דאָרף איז פאַראַן אַ סכנה זיי זאָלן חלילה אָפּנייגן פון אידישן דרך, האָט ער דעריבער אויספאַרקויפט זיין גאַנץ פאַרמעגן אין דאָרף און איז געקומען וואוינען אין שטאָט אַריין, כדי זיינע קינדער זאָלן זיך קענען ווי עס געהער צו זיין לערנען אין די ישיבות און אין די חדרים.

אויך דאָ, אין שטאָט, אין מיימאָנעשט, האָט ר׳ זלמן פרובירט פאַר־שידענערליי מסחרים, אָבער צו וואָס ער האָט זיך גענומען האָט נישט געטויגט. אין משך פון דער צייט האָט ער פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעג און איז געבליבן בעני וחוסר כל. עס האָט נישט גענומען פיל צייט ביז ר׳ זלמן איז געוועזן איינגעטונקען אין חובות און ער איז נישט אימשטאַנד געוועזן צו דעקן זיינע וועקסלען אין צייט.

ר׳ זלמן האָט אין אָנפאַנג אויספאַרקויפט אַלע זיינע טייערע חפצים פון שטוב ביז צו זיין ווילנער ש״ס אפילו. אַ ש״ס וואָס ער האָט געקראָגן בירושה פון זיין פאָטער און וועלכעס איז געוועזן איינגעבונדן מיט אַ לעדערן שפיגל־בינד און אויף איטלעכער מסכת איז געוועזן מיט גאָלדענע אותיות אויפגעדרוקט דער נאָמען פון דער מסכת, ווי אויך זיין אייגענער נאָמען. ער האָט שוין געהאַט פאַרמשכונט זיין ווייבס צירונג וועלכעס איז פאַרפאַלן געוואָרן ווייל ער האָט עס נישט געקאָנט אויסלייזן אין צייט.

אויך צו ר׳ נחמן טאַלינסקי איז ר׳ זלמן אָנגעקומען צו בעטן אַ גמילות חסד. אין אָנפאַנג האָט ער אים געליען אַן אַ משכון, אָבער אַז ער האָט אים נישט געקאָנט באַצאָלן און ער איז נאָכאַמאָל געקומען לייען געלט, האָט ער אים געליען בלויז אויף אַ משכון.

ווען ר׳ זלמן האָט שוין נישט געהאַט קיין שום משכנות צו ברענגען

און אַז ער האָט זיך שטאַרק געניטיקט אין אַ גמילות חסד, האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי צו ברענגען זיין שבתדיקן טלית מיט דער זילבערנער עטרה פאַר אַ משכון צו ר׳ נחמנען. ר׳ זלמן האָט שוין אַלץ געהאַט אויספאַרקויפט, אָבער זיין שבת׳דיקן טלית מיט דער זיל־בערנער עטרה האָט ער אויף קיין שום אופן נישט געוואָלט פאַרקויפן.

— מיין זילבערנע עטרה וועט מיך שוין נישט אַרויסנעמען פון מיין אָרעמקייט — טראַכט ער ביי זיך, און עד כאן, ביז צו דער זילבערנער עטרה האָט ר׳ זלמן געלאָזט אַלעס פאַרפאַלן גיין אָבער אין שבת׳דיקן טלית מיט דער עטרה האָט ער זיך געקלאַמערט, ווי גלייך דאָס וואָלט געווען זיין לעצטער אָנהאַלט אין לעבן.

נאָר אַזוי ווי דער שבת׳דיקער טלית איז אים געווען פאַרזעצט, האָט ער אָנגעווענדעט כל הפעולות אַז אויף שבת זאָל ער זיך אויסלייזן דעם טלית כדי ער זאָל אין אים קענען דאַווענען. ויהי היום, איינמאָל איז געשען אַז ר׳ זלמן האָט ניט געהאַט קיין געלט אויסצולייזן זיין שבת׳דיקן טלית, האָט ער געשיקט זיין צוועלף יאָריקע טאָכטער, שפּרינצען, אַז זי זאָל גיין צו ר׳ נחמנען און אים בעטן, אַז ער זאָל אים בלויז אויסבאָרגן זיין שבת׳דיקן טלית ביז איבער שבת און נאָכהעם וועט ער אים צוריקשיקן. ר׳ נחמן וועלכער איז דווקא נישט געווען קיין כעסן, איז פונקט דעמאָלט נישט געווען גוט געלוינט און ער האָט אַרויסגעמורמלט אייניקע ווערטער וועלכע האָבן דאָס צוועלף יעריקע מיידל, שפרינצען, באַרירט ביז צו דער נשמה. שפרינצע האָט בכלל נישט געוואָלט גיין אין שליחות צו ר׳ נחמנען ווייל זי האָט זיך געשעמט. נאָר צוליב כיבוד אב האָט זי זיך נישט אָפּגעזאָגט. אָבער אַצינד האָט זי עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ר׳ נחמן האָט געלאָזט פאַלן אָט די ווערטער:

— דיין טאַטע איז מיר שוין שולדיק מער ווי דריי טליתים מיט זילבערנע עטרות!...

קוים האָט שפרינצע דערהערט ר׳ נחמנ׳ס ווערטער, האָט זי זיך זייער שטאַרק פאַרשעמט און האָט עס מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַנטלאָפן אַ וויינענדיקע פון ר׳ נחמנען און זי האָט זיך נאָכדעם געבעטן ביים פאָטער, אַז ער זאָל זי מער נישט שיקן אין שליחות צו ר׳ נחמנען.

דעם דאָזיקן שבת האָט ר׳ זלמן געדאַווענט אין זיין וואָכעדיקן טלית און איטלעכער מיימאָנעשטער איד האָט שוין געוואוסט, אַז ר׳ זלמן האָט

שוין מער נישט קיין שבת׳דיקן טלית מיט אַ זילבערנער עטרה.

ר׳ נחמן טאַלינסקי האָט טאַקע נאָכדעם פּרובירט מפייס צו זיין ר׳ זלמנען, אָבער עס איז שוין צו שפּעט געווען. ר׳ זלמן האָט זיך שוין געהאַט פאַרשאַפט אינצווישן ערגעץ אַנדערש וואו אַ סומע געלט און ער האָט באַצאָלט ר׳ נחמנען זיין גאַנצן חוב און אויסגעלייזט דעם טלית. ער האָט פאַרקויפט די זילבערנע עטרה און געפילט ווי גליך ער איז פּטור געוואָרן פון אַן עול...

— מסתמא וויל דער בורא עולם, אַז איך זאָל דאַווענען אין אַן איינפאַכן, אַ וואָכעדיקן טלית, אפילו אין שבת. אַזוי ווי אונדזערע חכמים האָבן שוין מרמז געווען: „עשה שבתך חול ואל תצטרך לבריות״ — מאַך דיין שבת וואָכעדיק, אַבי נישט אָנצוקומען צו מענטשן!

אַצינד האָט ר׳ נחמן זיך דערמאָנט אין זיין חטא וואָס ער איז באַגאַנגען אַקעגן אַזאַ טייערן איד ווי ר׳ זלמן באָבעטשער, וועלכער איז אַמאָל געהאַט געווען אַליין אַ גרויסער בעל צדקה און אַ בעל טובה, אַ איד וואָס האָט אין זיין לעבן פּיל גוטס געטאָן. ער האָט אפילו געהערט נאָכדערציילן, אַז ווען ר׳ זלמן איז געווען אַ איד אַ גביר, האָט ער זיך דווקא יאָ אויפגעפירט לפנים משורת הדין מיט די אַלע וועלכע זיינען אים געקומען אַ חוב. ר׳ זלמנס ווייב האָט אים איינמאָל געפרעגט:

„היתכן, דו האַלסט אין איין געבן פרישע חובות פאַר מענטשן וואָס זיינען דיר שוין היפּשע יאָרן שולדיק פאַר אַלטע חובות?״

„וואָס פאַרשטייסטו עס נישט, נאַראַלע, — האָט איר ר׳ זלמן בנעימות־דיק געזאָגט — אויב איך וועל זיי, מיינע בעלי טובות, נישט געבן קיין פרישע הלוואות, וועלן זיי דאָך נישט זיין אימשטאַנד אָנצוגיין מיט זייערע מסחרים, במילא, וועלן זיי נישט קענען מיר אָפּצאָלן אַזוי זייערע אַלטע ווי די נייע חובות״...

ר׳ נחמן טאַלינסקי האָט זיך דערמאָנט אין דעם אָרעמען מיידעלע, אין ר׳ זלמנס טעכטערל, אין שפּרינצעלען, ווי זי איז עס אַזוי נעבעכדיק געשטאַנען פאַר אים, כעני בפתח, און האָט מיט פאַרלאָפענע אויגן געוואַרט אויף אַ גינסטיקן ענטפער. ער זעט פאַר זיך אַצינד די דאָזיקע אויגן. ער פרובירט אויסמיידן זייערע בליקן, אָבער עס איז אים אוממעגלעך. ער לייענט אַצינד אַרויס פון די אויגן ווערטער וועלכע ער האָט נישט געזען בשעת שפּרינצע איז פאַר אים געשטאַנען בפועל ממש, ער הערט ממש די ווערטער אָפּקלינגען. ער הערט אירע תחנונימדיקע רייד וואָס זי

האָט קיינמאָל נישט געזאָגט „דערבאַרעמט זיך אויף אַן אָרעמער יתומה און פאַרשעמט מיך נישט, שיקט מיך נישט אַוועק אָן מיין טאַטנס שבת׳דיקן טלית!“ ר׳ נחמן געדענקט אַצינד ווי שפּרינצע האָט זיך עס פאַרשעמט און איז האַסטיק אַנטלאָפן אַ באַליידיקטע... אַלעס וואָס ער זעט אַצינד פאַר זיך איז צוויי פייערדיקע קינדערשע אויגן וואָס טרערן און טרערן...

— דער נוקם ונוטר, דער אל נקמות, דער גאָט פון נקמה איז זיך אַצינד נוקם אין מיר, טראַכט ר׳ נחמן ביי זיך אין האַרצן, אַזוי ווי אין פסוק שטייט, „פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים“ — גאָט געדענקט די זינד פון די עלטערן און איז זיך נוקם אפילו אינם דריטן און פערטן דור.

ר׳ נחמן האָט צוזאַמענגעבראָכן און געוויינט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע וועגנדיק זיך צום מיימאָנעשטער רב, צו ר׳ פּיזועשלען, מיט אַ קאַלגנדיקער אָבער אַ קלאָרער שטימע:

— רבי לעב, אויך איך וויל אַרויסקריגן אַ תשובה!...

אַן דעם ער זאָל געוועזן וואַרטן דער רב זאָל אים פרעגן אויף וועלכע פון זיינע עבירות ער וויל זיך עס מתוודה זיין און תשובה טאָן, האָט זיך ר׳ נחמן געוואָרפן צו דער ערד און זיך געבעטן ביים גבאי:

— ר׳ אשר, זייט מוחל און שלאָגט מיך מלקות ארבעים!

ר׳ אשר דער גבאי איז געשטאַנען ווי פרעטשמעליעט אַליין נישט וויסנדיק וואָס ער זאָל טאָן און ווי אַזוי ער זאָל זיך נוהג זיין. דער גבאי האָט געקוקט אַן אומבאַהאָלפענער צום רבי און מיט פאַרשעמטע בליקן געוואַרט אויף אַ רמז, צי דער רבי איז מסכים דערויף, דאָס ער זאָל שלאָגן מלקות אַזאַ חשובן אידן ווי ר׳ נחמן טאַלינסקי. דער רבי, נישט וויסנדיק פאַר וועלכע חטאים ר׳ נחמן וויל עס קריגן געשלאָגן, איז אויך געווען אין נישט קיין קלענערער פאַרלעגנהייט פון זיין גבאי. אויף דער הייסער מינוט האָט ער געהאַט ספיקות צי ער זאָל מסכים זיין צי נישט. עס איז נאָר וואָס געשען, וואָס חוץ אים אַליין, זאָל עמיץ אַנדערש קריגן געשלאָגן מלקות ביי אים אין הויז. אברהמל, ר׳ נחמנס זון, איז געווען דער ערשטער נאָכן רבי, וואָס האָט געקראָגן מלקות, און אָט דאָ פאַרלאַנגט עס פּלוצלינג ר׳ נחמן, אַז אויך ער וויל קריגן מלקות ארבעים... נאָך אַ שטיקל ישוב הדעת האָט דער גבאי אַרויסגעלייענט פון רבינס בליקן אַז ער איז מסכים. נאָר דער רבי האָט צו אים אַ וואונק געטאָן און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט:

— שלאָג, נאָר מיט חסד!...

י.

מוצאי יום כיפור נאָכן אויפפאַסטן, ווען ר׳ נחמן טאַלינסקי פלעגט געווײַנלעך אַרײַנקלאַפּן דעם ערשטן טשוואָק אין דער סוכה כדי מקיים צו זײַן אַ מצוה מתוך מצוה לויט דער בחיבה פון ילכו מחיל אל חיל, האָט ער, ר׳ נחמן, געבראָכן דעם אָנגענומענעם מנהג און האָט זיך אָנשטאָט אָנגעטאָן אין בגדי חול.

ר׳ נחמן האָט אויסגעזוכט צוויי שטעקענס און צוויי טאָרבעס. ער האָט זיך געזעגנט מיט זײַן ווײַב, מיט מירעלען, וועלכע האָט זיך געווישט אירע אויגן אין ווײַסן יום־טובדיקן פאַרטוך. ער האָט געקושט די מזוזה און געשעפּטשעט. „שדי ישמרני ויצילני מכל רע״. פאַר אברהמלען האָט ער אָן כעס באַפוילן:

— קום אברהמל, מיר וועלן גיין צוזאַמען אָפּריכטן גלות!...

טאַטע און זון האָבן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט געשלײַכט ווי צוויי פאַרוואָגלטע נשמות וואָס זוכן אַ תיקון. זיי האָבן געשפּאַנט מיט שטילע און אומזיכערע טריט איבער די קאַרפּאַטישע פעלדער און וועלדער. אַ שטיל קיל ווינטל האָט בײדן געפליסטערט אין די אויערן דעם טרויעריקן ניגון פון „לאל עורך דין״...

❀

אין ליכטיגן אָנדענק פון מיינע שוויגער־עלטערן ר׳ חיים אייזיקאָוויטש ז״ל און מיין שוויגער חיה פּערל הי״ד.

געכאַפּט ביי דער גנבה...

א.

וואָס מער יענקל ווייַנבערגס בני־בית האָבן זיך צעצוויגט אין סיגעט גופא און אַרום סיגעט, אין די מאַרמאַראָשער סביבות, אַלץ מער איז זיין משפחה צוזאַמענגעשרומפּן געוואָרן ביי אים אין הויז.

יענקל דער גאָלדשמיד איז אַ סיגעטער פון קאָפּ ביז צו די פיס. דער יוּוועליר־מסחר, אין אַלגעמיין, איז ביי די ווייַנבערגס אַ מין ירושה זאַך.

יענקל איז ממש אַ מזיק אין גראַווירן און אין אויסאַרבעטן פאַר־שיידענע מאָדערנע „דע לוקס״ חפצים, וועלכע קענען איינעם באַצויבערן פונם ערשטן בליק. ווער שמועסט, זיינע זילבערנע חנוכה־מנורות און כתרי־תורות מיט אָרנאַמענטן, בשמים־ביקסלעך, טאַבעקע שקעטעלעך, עטרות און טליתים — אַט די דאָזיקע אויסאַרבעטונגען זיינע זיינען ממש אַן אַנטיק!

חוץ לאה׳קע און וועלוול, וועלכע זיינען זעכצן — זי און זיבעצן — ער, זיינען יענקל׳ס איבעריקע קינדער, אַכט פאַרהייראַטע זין, זעלבסט־שטענדיקע באַלעבאַטים מיט אייגענע פאַמיליעס.

עס איז אַ לויטערער און פּראַסטיקער שבת פאַרמיטיק. יענקל שפּאַנט אַהיים פון דער שול מיט דראָבנע טריטעלעך, איילנדיק זיך ווי שנעלער אָנצוקומען אַהיים, אין זיין וואַרעמער דירה, וואו עס וואַרט שוין אויף אים פון כל טוב. וועלוול האַלט אים אונטער מיט איין האַנט ער זאָל זיך ניט אויסגליטשן און אין זיין צווייטער האַנט האַלט ער, וועלוועל, דעם פאָטערס טלית און דאָס דיקע „עין־יעקב״ סידור מיטן חומש.

— אַ גוט שבת, אַ גוט שבת! — יענקל כאַפּט אָפּ דעם אָטעם און מיט אַ ניגון באַגריסט ער זיין צירעלען וועלכע איז פאַרפאַרעט פאַר־בערייטנדיק די צוויבעל מיט אייער און די פּעטשע, מיט פאַרשנדיקע

בליקן קוקט ער זיך אַרום און ער באַמערקט דאָס זיין לאה'קע איז ניטאָ אין דער היים.

— וואו איז זי ערגעץ לאה'קע?

— עט, זי וועט מסתם באַלד דאָ זיין! — באַרואיקט אים צירעלע.

יענקל האָט אַן איינגעפירטן מנהג ביי זיך אין הויז, דאָס אַלע אומפאַרהייראַטע קינדער, וועלכע געפינען זיך נאָך אונטער זיין רשות, מוזן עסן מיטאָג מיט אים צוזאַמען ביים טיש.

אין דער וואָכן, ווי אַ זאַך מאַכט זיך צומאָל, פאַרשווייגט ער נאָך ווען אַ קינד איז עובר אויף זיין געבאָט. אין שבת, אָבער — אין שבת מוז ער האָבן איטלעכן מיט זיך, ווען ניט איז ער אימשטאַנד צו וואַרטן שעה'ן לאַנג ביז איטלעכער וועט זיך יאַווען. אין אַלגעמיין איז ער ניט קיין שטרענגער פאָטער, נאָר אין דעם איינעם פרט איז ער ממש אַ דיקטאַטאָר. זיין וואונטש מוז אויף אַלע הונדערט פראָצענט פאַרפילט ווערן, ווען ניט איז עק וועלט!

זיין ווייב, צירעלע, אַ נידעריקע, אַ חנ'עוודיקע מיט ראָזעווע בעקע־לעך, בעט זיך נעבעך ביי אים ברחמים:

— יענקל, דער טשאָלנט וועט קאַלט ווערן...

— ביז איטלעכער וועט ניט זיין אין דער היים — כעס'ט ער זיך — ביז דעמאָלט וועל איך גאָרניט טועם זיין!

צירעלע ווייסט, זייער גוט, אַז אַלע תחנונים'דיקע ריידעלעך אירע וועלן איר העלפן ווי פאַר אַ טויטן ביינקעס בפרט אַז יענקל האָט ניט געזאָגט: בלי נדר שבת.

איז, אַז יענקל וואַרט — וואַרט איטלעכער מיט.

אָט אַזוי איז זיך יענקל נוהג געווען אַלע יאָרן. איטלעכער פון זיין בני־בית האָט שוין געוואוסט זיין שוואַכקייט און ווי ווייט מעגלעך, האָט זיך איטלעכער געסטאַרעט אים ניט ווידערצושפּעניגן איטלעכעס קינד איז יעדן שבת געווען אין דער היים אין צייט.

ב.

סיגעט און די מאַרמאַראָשער אומגעגענט איז געבענטשט פון זיין ליבן נאָמען מיט אַ וואונדערבאַר־שיינער נאַטור, מיט שיינע גרינע בערג, מיט סעדער אָנגעלאָדענע מיט די שענסטע פירות — עפּל, באַרן, פלוימען, קאַרשן און ווינשל. עס איז ממש אַן „ארץ זבת חלב ודבש״. ווי אויך מיט אַ לופט אַ געזונטע, דאָס עס איז אַ מחיה.

נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער דאָרטיקער אידישער באַפעלקערונג, האָט זיין ליבער נאָמען אינגאַנצן אָפּגעטאָן זיין געגנאָד פון אָט דער דאָזיקער געגנט.

די אידישע באַפעלקערונג איז מערסטענס אָרעם. אַ גרויסער טייל, דער גרעסטער טייל, לעבט מייסטנס פון „לופט". היפּש פאַמיליעס פאַרדינען ניט אויף שבת־הוצאות. אַ סך אידישע פאַמיליעס שטופּן אַדורך אַ שבת מיט אַ שטיקל ראַזעווע ברויט אָדער אַ מעלייענעם קאַרזש אָנשטאָט לחם־משנה.

אין אַזאַ שטעטל איז יענקל ווייזבערגער אַ איד אַ יחסן, איינער צווישן די אויבערשטע פונם שטויסל, אַ איד אַ בעל־טובה, אַ קהל׳ס מאַן, איינער פון וועלכן מען קען צומאָל קריגן אַ גראָשן אַ גמילת־חסד אויף שבת־הוצאות.

— אָט דאָס הייסט אַ איד אַ נגיד — שמועסט דער עולם אין שטעטל.

דער אָרעמער עולם האָט יענקלען מקנא געווען און לויט זייער באַגריף איז געווען מיט וואָס אים מקנא צו זיין.

אויף שבת איז ביי יענקלען אָנגעגרייט מעדני־מלכים: עכטער טאָקאַיער וויין, פּסח׳דיקער סליוואָוויץ און קאָניאַק, פאַרשיידענערליי פיש: געפילטער קאַרפּ, פּיסטראָנגען, געפּרעגלטע מאַרענעס, ווי אויך גאַלירעטע פיש (פיש געקאָכטע אין זיסן און זויערן); געבעקסן: צוויבאַק, טאָרט און לעקעך, פלאָדן און שטרודל — דאָס אַלץ איז אָנגעגרייט אויפן טיש נאָר פאַר „קידוש" אַליין. נאָכדעם ערשט גייט אַ סדרה פון וואַשן זיך צו דער שבת׳דיקער סעודה.

יענקל האָט אויך גרויס מזל צו זיינע זין. אַלע זיינען זיי בכבודיקע באַלעבאָטים. אַלע אַרבעטן זיי זיין מלאכה, גאָלדשמידעריי, און זיי זיינען איינס ווי איינס עקספּערטן אין זייער פאַך.

נאָר אָמבעסטן האָט יענקל אָנגעקוואָלען פון זיינע צווי מוזיניקעס, פון לאהקען און פון וועלוולען. דער עיקר, פון לאהקען, האָט ער געשעפּט מערערער נחת ווי פון סיי וועלכן קינד זיינעם. אַז מען שמועסט אַ בת־יחידה איז דאָך נישט שייך!

לאהקע איז אַן אמת׳דיקע קראַסאַוויצע: אַ צאַרטע, אַ שלאַנקע מיט אַ רייפן בוזים, אַ ברייטן ליכטיקן שטערן מיט טיפע ווינקלען, אונטער וועלכן עס קוקן אַפּיר אַ פאָר הימל־בלויע אויגן, לויטערע ווי צווי פלעמלעך. איבער אירע אַקסלען קייקלען זיך לאַנגע בלאָנדע קרייזעלעך.

ניט איך סיגעטער בחור איז געווען אַ כּפּרה נאָך איר...

ניט נאָר מיט שיינקייט אַליין איז לאהקע געבענטשט. אַז זיין ליבער נאָמען וויל עמיצן שענקען זיין גענאָד, זשאַלעוועט ער ניט, ער גיט מיט אַ פולער האַנט...

חוץ פיל אַנדערע מעלות וואָס לאהקע האָט פאַרמאָגט, איז זי קלוג, אַ וואוילקענערין אין אידישן און אין פרעמדע שפּראַכן. דאַווענען און תהילים זאָגן קען זי ניט ערגער פון אירע ברידער.

די גאַנצע משפּחה טוט זיך אויף מיט איר, אַלע שטאָלצירן זיי מיט זייער לאהקען. ווער שמועסט, יענקל — ער האַלט פון איר ממש אַ וועלט:

„אַזאַ טעכטערל ווי מיין לאהקע איז וועט עטץ נישט טרעפן ווען עטץ זאָלט אפילו אויסגיין די גאַנצע וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט״!

ג.

עס איז שוין היפּש שפּעט נאָכן קידוש, יענקל זיצט זיך געמיטלעך וואַרעמענדיק זיך ביים הרובעלע, אין וועלכן עס פלאַקערן טרוקענע קלעציגלעך. די וואַרעמקייט גלעט יענקלען איבערן פּנים ווי אַ געטרייע מאַמע. ער איז מעיין אין אַ ספר און דרימלט אונטער צוביסלעך.

— לאהקע שפּעטיקט עפּעס מערער היינט ווי אַלעמאָל — אַזוי איסערט ער זיך, ווענדנדיק זיך אומבאַהאָלפן צו צירעלען, וויפיל מאָל ער וועקט זיך אויף.

וועלוול קרייזלט זיך די פּאהלעך און ער איז מעביר די סדרה מיטן טראָפּ: „שניים מקרא ואחד תרגום״. יענקל, כאָטש אַ דרימלענדיקער, הערט זידי צו געגוי ווי וועלוול זאָגט מיט דער נגינה פון אַן עכטן בעל־קורא: „ותצא דינה בת־לאה...״

יענקלען חלומט זיך מניה־וביה, דאָס ער זעט באַשיינפּערלעך ווי זיין לאהקע שפּאַצירט „אונטערן אָרעם געשלאָסן״ אין דער סאַמע אידישער גאַס מיט דודל כל־בוניק.

דודל כל־בוניק איז אָורעמל דעם קאַפּעניקס (גרינצייג הענדלערס) זון. — דודל איז אַן אַכצן־יעריקער שוואַרץ־חנעוודיקער בחור. ער העלפט אַרויס דעם פאָטער זיינעם אין פּרנסה. ער שלעפּט זיך אַרום מיט שווערע זעק און קערב מיט ציבעלעס, קאַרטאָפליעס און סתם גרינצייק. אין איינפאַכע וואָכנטעג שטייט ער עטלעכע שטונדן אין „קליינעם פּלאַץ״ און

אין יאריד־טעג, צי סתם מארק־טעג, שטייט ער א גאנצן טאג אין „גרויסן פלאץ".

דודל איז ארומגערינגלט מיט קאשיקעס און זעק אנגעפראפטע מיט מייערלעך, פעטרושקע, פאסטערנאק, אוגערקעס און פארדייעס (טאמייטאס). ער שרייט אויפן קול אין אונגאריש און אידיש:

— „וועג־עלאדאש, ניגנטש־מאראדאש!" — אן אויספארקויף איצט, ביז צום לעצט! — האנדלט איין די גרעסטע מציאות אין דער וועלט! קויפט פרישע גרינצייג נאר וואס פונם גארטן ארויס!

ער שטעלט איטלעכן אפ, ער לאזט קיינעם נישט דורכגיין, אן דעם דאס ער זאל אים פרעגן, צי דער יעניקער איז נישט א בעלן איינצו־האנדלען זיך וואס עס איז נישט פאר א מציאה.

אין שטעטל רופט אים איטלעכער: „דוד'ס כל־בו'ניק". און ער איז עס טאקע. ער איז א „שעביניאק", ער איז פול איבעראל. וואו מען זאל זיך נישט א ריר טאן זעט מען דאס אויך ער מוז דארטן זיין:

— „אט, האסטו אים, דריטע טעג פורים!"

איז איינעם די עלעקטרע צעבראכן — דוד'ל קריכט ארויף אויפן בוידעם, ווען ער קומט אראפ, ברענט די עלעקטרע; איז איינעם דער זייגער צעבראכן — דוד'ל שרויפט א שרייפל אריין און ארויס, ער טוט א שאקל און א דריי אהין און אהער, ביי דער קרוין פונ'ם זייגערל, און עס גייט א גאנג; קוים פעלט דעם שוהל־חזן א משורר אדער סתם א סאליסט — ערשט קען דוד'ל וויזן וואס ער קען, ער האט אן ערשט קלאסיקע סאפראנא; טאמער פעלט אויס א פויקער אין א קאפעליע צו א אידישער שמחה — איז טאקע נאכאמאל דוד'ל!

דער סיגעטער עולם קען עס נישט משיג זיין און קען נישט גענוג זיך איבערוואונדערן:

— וואו האט דער יאט זיך עס געקענט אויסלערנען אזויפיל מלאכות?!"

יענקלען איז אט דער דוד'ל שטארק דערווידער; ער איז אים זייער נישט צום הארצן. יענקל האט דוד'לען פיינט בתכלית השנאה. ער, יענקל, וויסט גאנץ גוט דאס ער און לאה'קע טרעפן זיך גאנץ אפט און דאס שטעטל שמועסט, דאס לאה'קע און דוד'ל האבן זיך נישט פיינט.

נאך איידער יענקל האט אפילו באמערקט, אז עס קאכט זיך עפעס צווישען לאה'קע און דוד''לען האט ער שוין באצייטנס, ווי אומבאוואוסט־זיניק, מורא געהאט, אז זיין טעכטערל זאל זיך חלילה נישט פארפלאנטערן

אין אַ נעץ מיט דוד׳לען...

— ס׳אַר אַ טיפּש, אַ שוטה און אַ גולם איך בין עס צו חלום׳ען אפילו אַזוינע שטותים — ער חוזק׳ט אָפּ פון זיך אַליין און בשעת־מעשה טיאַכקעט אים אין האַרץ אַ מאָדנע פאַרגעפיל...

— לאַ־די, וואָס אברהמל, דוד׳לס פאָטער איז אַ איד אַ פּראָסטאַק, אַ מגושם, פון אַ קנאַפּן יחוס, פון דורי־דורות אַ קאַפּעניק, אַן עם־הארץ מדאורייתא, קוים וואָס ער קען עברי, אַ איד אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, קוים וואָס ער שטעלט צוזאַם אויף חיונה פאַר זיין בני־בית — חוץ דעם אַלעמען איז טאַקע דוד׳ל אַליין אויך קיין לייט נישט; אַ פאַרשוין, וועלכער שלעפּט זיך אַרום איבער די מערק מיט זעק אויף די פּלייצעס; אַ חברה־מאַן „ביע פּאָפּ וניע־כליאפּ!”

יענקל האָט אָבער איינמאָל באַמערקט עפּעס אַזוינס וואָס ער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין ספיקות, אַז עפּעס קאָכט זיך צווישן דוד׳לען און לאה׳קען...

טאָמער איז דאָס באַכנישט געגוג, האָט ער געטראָפן אַ בריוול, וואָס דוד׳ל האָט אַריינגעוואָרפן דורכן פענסטער פאַר לאה׳קען. יענקל איז פון טשיקאַווּעס געווען שטאַרק נייגעריק צו זען וואָס אַזוינס עס זאָגט זיך אין דאָזיקן וואָזשנעם בריוועלע, האָט ער זיך איבערצייגט דאָס עס איז שוין איינמאָל אַ בריוועלע.

עס איז געווען דערויף אויסגעצייכנט צווי הערצער, דורכגעלעכערטע מיט שווערדן, פון וועלכע עס טריפּט בלוט... די בלוט־טראָפּן זענען געווען געמאָלן מיט אַ רויטער קאָליר. דאָס בריוול איז געווען אָנגעפּיקעוועט, ווי אַ מילגרוים מיט קערנער, פול מיט שיר־השירים׳דיקע ליבע־פראַזן, ווי אויך זיך, דוד׳לס, אַן אייגן לידל אין גראַמען.

יאָ, אויך גראַמען האָט ער געקענט, דוד׳ל. אַז מען שמועסט, אַ כל־בו׳ניק, איז שוין גאָר נישט שייך!

„נישט מיין:
דיין צער און פיין
געהער בלויז דיר אַליין —
ניין!
ס׳איז דיין ווי מיין...”
נישט רייד:
„ווען מיר גוט גייט

איז בלויז מיין פרייד״
ניין!
ס׳איז דיין ווי מיין...
„מיר זיינען געקנופּט און געבונדן,
עס בלוטיקן מיך דיינע וואונדן;
מיר זיינען געקנאַטן פון זעלבן טייג,
עס דערהויבט מיך דיין אויפשטייג״.

„נישט דערלעבן וועלן עס אונזערע שונאים״ — טענה׳ט יענקל צו זיין ווייב, צו צירעלען — „נישט דערלעבען וועלן זיי עס דאָס איך, יענקל וויינבערגער, אַ איד מיט אַ נאָמען וואָס איז אַ שם דבר, זאָל זיך עס משדך זיין מיט אברהמל דעם קאַפּעניק״!

ד.

יענקל האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל:

— לאה׳קע איז נאָך אַלץ נישטאָ אין דער היים?

— זי עסט מסתם ביי גיטעלע דעם שוחט׳ס. גיטעלע האָט שוין מערער מאָל געגעסן ביי אונז מיטאָג, איז וואָרום־זשע טאָר אונזער לאה׳קע אויך נישט אַמאָל עסן ביי זיי? איך בעט דיך יענקעל גיי זיך וואַשן און זאָג שוין שאו־ידיכם, טייל אויס די מוציא׳ס און לאָמיר זיך זעצן עסן אידער דער טשאָלענט ווערט קאַלט.

יענקל הערנדיק דאָס לאה׳קע איז נאָך נישטאָ אינדערהיים, דרימלט וויטער איגנאָרירנדיק צירל׳ס תחנונים׳דיקע רייד:

— מ׳שטיינס געזאָגט וואָס זי, אַ אידענע, וואַרטשעט עס...״

ער דרימלט היפּש לאַנג, ער האָט צייט, יענקל. ער וועט זיך סיי־ווי־סיי נישט גיין וואַשן און אויסטיילן די מוציא׳ס ביז זי, לאה׳קע, וועט זיך נישט יאַווען.

צוליב לאה׳קען וואַרטן אויך מיט, אומשולדיגערהייט, חיים דער ישיבה־בחור און „אידל פּופּיק״; חיים עסט אַ „טאָג״ ביי יענקלען איטלעכן שבת און אידל עסט ביי יענקלען איטליכן שבת פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר.

חיים זיצט אַלעמאָל אַנטקעגנאיבער לאה׳קען, דעריבער באַגעגענען זיך זיינע בליקן מיט לאה׳קעס גאַנץ אָפט. סיי חיים וואַרפט אַ בליק צו לאה׳קען בשוגג, סיי במזיד... ביי איטלעכער געלעגנהייט ווערט ער רויט ביז איבער די אויערן. עס פאַרדריסט אים, אויף זיך אַליין, דערפאַר אָבער

בלייבט זיין אומבאהאָלפנקייט נישט הינטערשטעליק.

לאה'קע העלפט דער מוטער אויסטיילן דאָס עסן ביים טיש:

— אפשר איז דער בחור נאָך הונגעריק און וויל נאָך עפּעס עסן?

זי זעט ווי ער פּאַסמאַקעוועט זיך מיט די מאכלים, זי איז אויף אים אַ מבין אַז ער וואָלט געגרן נאָך עפּעס טועם געווען. אָן דעם, זי זאָל וואַרטן אויף אַן ענטפער לייגט זי אים אָן אַ פולן טעלער מיט געקעכטס. חיים, פילנדיק, לאה'קעס איופמערקזאַמקייט, פילט זיך פאַרלוירן.

לאה'קע באַמערקט עס דווקא, נאָר איר טוט עס בלויז הנאה אַז דער אָרעמער בחור איז אין אַ פאַרלעגנהייט און פאַרלירט זיך עס אַזוי אין איר קעגנוואַרט...

— אַ דאַנק, איך בין שוין מער נישט הונגעריק! — ברומט ער אונטער דער נאָז.

חיים האָט אַ „טאָג" אויך ביי אברהמל דעם קאַפּעניק. אברהמל, דוד'ל כל־בו'ניק'ס פאָטער איז טאַקע אַן אָרעמאַן נאָר אַז אַ בחור קומט צו אים נאָך אַ טאָג וועט ער אים נישט אָפּזאָגן:

— וואָס איך וועל עסן וועט ער אויך עסן!

נאָר ס'רוב זאָגן זיך די בחורים אָפּ פון אים. זייער זעלטן דאָס אַ בחור זאָל אויסהאַלטן אַ גאַנצן „זמן" און עסן איטלעכע וואָך אַ טאָג ביי אברהמלען. ישיבה־בחורים זיינען גרויסע מבינים אויף סימני־דלות און ביי אברהמלען אין הויז זיינען אָט די סימנים זייער בולט.

צוליב דעם וואָס חיים האָט אַ טאָג ביי אברהמלען האָט ער, חיים, געמוזט האָבן אַ מילכיקע און אַ פליישיגע טאַש... ומעשה שהיה כך היה:

עס האָט זייער אָפט פּאַסירט, אַז חיים האָט געפילט, אַז ער וועט נישט זיין אימשטאַנד אויפצועסן אַ מאכל וואָס מען האָט אים דערלאַנגט צום טיש. כאָטש קיין גרויסער מפונק איז ער נישט געווען, אָלץ, פילנדיק דאָס ס'עסן האָט עפּעס אַן עיפּוש'דיקן נאָכ'טעם, און עס וועט זיך נישט דורכגליטשן גלאַט דורכן גאָרגל, האָט ער פּאַוואָלינקע אַרונטערגעשאַרט זיין פּאַרציע פונם טעלער אין דער קעשענע אַריין. איבערלאָזן שיריים פּאַסט נישט פאַר אַ ישיבה־בחור, עס וועט הייסן, אַז ער קריטיקירט דער באַלעבאָסטעס בריהקייט.

אַזוי ווי די זעלבע מעשה האָט זיך ווידערהאָלט אייניקע מאָל אי מיט מילכיקע מאכלים ווי מיט פליישיקע, איז בכדי נישט עובר צו זיין אויף דעם איסור פון „בשר וחלב" האָט ער געמוזט האָבן אי אַ מילכיקע און אי אַ

פליישיקע טאַש. אידל פּופּיק איז אַ שווער־לייביקער איד מיט אַ פּאָר־צווייגטער שוואַרצער באָרד אויף אַ קיילעכדיק לבנה־פּנים. ער לעבט דערפון וואָס ער גייט איבער די הייזער שנאָרן. קיינער ווייסט נישט גענוי פון וואַנעט ער שטאַמט. ער האָט קיין פאַמיליע. ער שלאָפט אין די פּאָלישן פון די שולן צוזאַמען מיט עליעקען, יעניקען, און אַנדערע סיגעטער אורחי־פּורחי.

אידל פּופּיק האָט איין וואונטש: הלוואי וואָלטן אַלע מאכלים באַשטאַנען פון טשאָלנט און קוגל... ער איז אפילו מסכים דאָס איטלעכער טאָג זאָל זיין שבת אויף דער וועלט, נאָר אַבי ער זאָל קריגן זיין ליבלינגס מאכל...

צירעלע זשאַלעוועט נישט קיין טשאָלנט און קיין קוגל צו אידלען. ער קריגט וויפיל זיין האַרץ באַגערט. — דערפאַר אָבער האָט אידל אַ קישקע אַן אַ דנאָ און גיב אים כאָטש אַ תהום פון זיין מאכל, אַלץ וועט ער גיין איטלעכן שבת נאָכמיטאָג צושנאָרן אַביסל. ווען ער ווערט סוף כל סוף פאַרטיק מיט זיינע סעודות פראַכט ער ווי אַ גאַנדז און קרעכצט ווי אַ אידענע, וועלכע גייט שווער צו קינד.

איצט קרעכצט און זיפצט אידל אויך, מיט אַזויפיל געפיל, אַז עס איז אויף אים אַ רחמנות, נאָר ער קרעכצט נישט צוליב דעם ווייל ער איז איבערגעגעסן נאָר מחמת ער איז בעבעך פאַר׳חלש׳ט. עס איז שוין היפש שפּעט און קוים וואָס ער האָט עפּעס טועם געווען. עס נאָגט אים ממש ביים פּופּיק...

פון יוצא וועגן האַלט ער אַ סידור אין די הענט, ער זאָגט און קרעכצט; זאָגט און קרעכצט. כאָטש אַזוי זיך קוקט אידל אויס ווי אַ איד מיט אַ הדרת־פּנים: אַ באַזילבערטע ברייטע באָרד מיט דיקע פּיאות און אַ סאַמעטענעם קאַפּעלוש! — אַלץ איז ער „אַ באַדייטנדער עם־הארץ", ער קען קוים עברי.

אידל איז אַן ערשט קלאַסיקער, זולל־וסובא". דורכצולאָזן אַ פלעשל ווין מיט עטלעכע קעלישקעלעך בראַנפן איז ביי אים אַ שפּילעכל. נאָך זיינע סעודות גיסט ער אין זיך וואַסער אָן אַ שיעור.

זיינע הויפּט „כלי־זין" טראָגט ער אַרום מיט זיך. ער פאַרמאָגט גרויסע איינגענייטע קעשענעס אין זיין קאַפּטאָן. אין איין קעשענע האָט ער טלית און תפילין; אין אַ צווייטער האָט ער אַ טעפּל מיט אַ פלעשל, צוטיילמאָל, אַ שטיק חלה, אַ שטיק קאַרזש, עטלעכע אָנגעלאָדענע ביינער

צי סתם אַ שטיק קוגל אין רעזערוו.

ה.

יענקל וואָלט געקאָנט אַזוי דרדימלען און דרימלען, ווען נישט מישקע דער שבת־גוי. מישקע קומט אַריין ווי מיט אַ שטורעם ווי גלייך עמיצער וואָלט אים נאָכגעלאָפן:

„אַ גוטן שאַבעס רעב יענקעל!" — אַזוי באַגריסט ער אין איין אָטעם דעם באַלעבאָס אַליין, איגנאָרירנדיק די רעשט.

מישקע איז דער שבת־גוי ביי יענקלען שוין היפשע יאָרן. ער האָט באַגינען זיין פּראָפעסיע ביי יענקלען ווער ער, מישקע, איז נאָך געווען אַ קליין שייגעצל.

מישקע איז קליינערהייט פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יתום, די ווייבער שמועסן צווישן זיך, אַז ער איז אַ ממזר, און ווען נישט טאַקע זיי, די ווייבער פון דער אידישער גאַס, וועלכע האָבן זיך דערבאַרימט איבער אים און אים געהאָדעוועט, וועלכע מיט אַ שטיקל ברויט, וועלכע מיט אַ שטיק מאַמעליגע און וועלכע מיט סתם אַ ביסל איבערבלייבעכץ — וואָלט געווען מישקע זיכער געשטאָרבן פון הונגער.

אַזוי ווי מישקע איז אויפגעוואַקסן אין דער אידישער גאַס, איז ער שוין ממילא פון זיין סאַמע יוגנט אָן געוואָרן אַ שבת־גוי'עלע און ער איז שוין פאַרבליבן אַזאַ ביז צום היינטיקן טאָג, באַר מיט דעם אונטערשיד דאָס היינט צו טאָג איז ער שוין אַ פאָלנער דערוואַקסענער גוי...

מישקע רעדט אַן ערשטקלאַסיקן אידיש. ווי אויך זינגען קען ער אידישע פאָלקס־לידער. ער ווייסט פון אַלע אידישע ימים־טובים. ער ווערט געוואָר געניי ווען איטלעכער יום־טוב וועט אויספאַלן: אומפאַלס מען אַמפּערט זיך אויף דער גאַס ווען עס וועט אויסקומען עפּעס אַ יום־טוב מוז מען נישט דווקא קוקן אין קאַלענדאַר:

„אַט האָסטו מישקען, ער וועט דיר פּינקטלעך זאָגן!"

דער עיקר וואָרט ער זייער שווער אויף דעם יום־טוב פּסח. פּסח איז זיין ליבלינגס יום־טוב. ער איז אייך ממש די כפרה פאַר אַ פּסח־דיקער לאַטקע. כאָטש אַ גאַנץ יאָר באַקומט ער אויך צוטיילמאָל צו אַ לאַטקע פון אַ באַלעבאָסטע פאַר וועלכער ער העלפט אָנהאַקן עטלעכע שטיקלעך האָלץ, אָדער פאַר אָנברענגען עטלעכע עמער מיט וואַסער. דערפאַר אָבער וועלן צען חמצ'דיקע לאַטקעס ביי אים נישט ווערט זיין אַזוי פיל, וויפל איין פּסח'דיקע.

בכלל וואָס עס איז שייך אידישע מאכלים איז מישקע קיין מפונק נישט. מעג עס זיין געפעפערטע געפילטע פיש, געפילט קרויט, בלינצעס געפילטע מיט קעז, שטרודעל אָדער פלאָדן אאַ״וו.

נאָך אַ זאַך האָט ער גע׳ירשנ׳ט אין דער אידישער גאַס: ער איז אַ ליידנשאַפטלעכער טאַבעקע שמעקער. מיט דעם אונטערשייד, דאָס ער שמעקט טאַבאַקע נישט נאָר אין שבת, ווי די אידן, להבדיל, נאָר זיינע נאָז־לעכער זיינען שטענדיק אָנגעפּראָפּטע מיט שוואַרצער טאַבעקע.

נאָר עס איז נישט קיין וואונדער דאָס מישקע שמעקט טאַבעקע טאָג איין, טאָג אויס, אַ גאַנצע וואָך. אַ איד אַז ער שמעקט טאַבעקע אין שבת איז עס פאַרבונדן מיט רוחניות, עס איז צוליב דער נשמה יתירה, אָבער אַז אַ גוי איז אַ טאַבעקע שמעקער, וואָס פאַר אַ שייכות קען עס אַ גוי האָבן מיט אַ נשמה יתירה? דערפאַר אָבער ניסט ער זייער אָפּט.

אַז מען הערט מישקען רעדן אידיש און בשעת מעשה קוקט מען זיך אַריין אין זיין מגושמ׳דיקער צורה, איז זייער שווער צו זיין אַ מבין אויף אים: עס איז שווער צו אונטערשיידן, צי איז ער אַ אידישער גוי, צי אַ גוי׳אישער איד, אָדער סתם אַ גילגול.

מישקעס איברים לעבן נישט שוה־בשוה מיט זיין פאַרקריפּלטן גוף, ווייל זיי, די איברים זיינע, זיינען פול מיט קאָנטראַסטן.

זיין קליין פּנימ׳ל וועלכער האָט זיך ווי אומיסטן אָוועקגעלייגט אויף אַ לאַנגן און קרומען האַלז, איז היפּש ווייט אָפּגערוקט פון זיין הויקערדיקן רוקן; זיינע שמאָלע פּלייצעס זיינען איינער נידעריקער פון דער צווייטער; זיינע פיס, איינער קורצער פונם צווייטן, קוקן, איינער קיין מזרח און דער צווייטער דווקא קיין צפון; זיינע קאָסאָקע אייגעלעך, פּונקט ווי זיינע פיס, קוקן אויך אין קעגנגעזעצטע ריכטונגען; זיין פלאַטשיקע נאָז ציט אויך אין זייט — אַהין און די אַנדערע זייט — אַהער. אויך טאַנצט זי, די נאָז זיינע, אַרויף און אַראָפּ, ווי ביי אַ האָז.

„אַ גוט שאַבעס רעב יאַנקעל!״

יענקעל דרימלט ווייטער, סיי ווי ענטפערט אים יענקל קיינמאָל נישט אויף זיין „גוט־שאַבעס״.

מישקע גייט צו צום פּאַרצעלייענעם אויוועז, ער בלאָזט אונטער דאָס פייער. מיטן שאַר־אייזן קראַצט ער פּאַוואָליע אָפּיר עטלעכע האלאָוועשקעס אויפן פייער־שאָוועל און ער גייט צורעכטמאַכן דאָס פייער אינם אַנדערן צימער. עס איז געגוג ווען מען זאָגט אים:

„העי מישקע, אין שלאָף צימער איז קאַלט!"

מישקע ווייסט שוין דעמאָלט אַז ער ברויך דאָרטן צורעכט מאַכן דאָס פייער. ער ווייסט דאָס לויט דעם אידישן דין טאָר מען נישט הייסן בפירוש, אפילו פאַר אַ גוי, צו טאָן אַ מלאכה אין שבת. ער איז שוין גוט טריינירט אין די זאַכן; ער פאַרשטייט זיך מיט זיינע באַלעבאַטים אויפן וואונק.

דער קאָטער ליגט ווי אַ הרוג, אויסגעשטרעקט אויפן פריפעטשיק און פראַזשעט זיך. קוים דערזעט ער מישקען, לויפט ער, דער קאָטער, צו אים און לאַסטשעט זיך צו זיינע קרומע פיס. דער קאָטער מיאוקעט ווי גלייך ער זאָל האָבן טענות צו מישקען. מישקע קוקט דעם קאָטער גלייך אין די אויגן אַריין. ער ווייסט וואָס ער איז אויסן. מישקע נעמט אים אין זיינע אָרעמס, ער גלעט אים און צערטלט אים, רעדנדיק צו אים ווי צו אַ קליין קינד.

„טשכי־הפ־טשכי!" — מישקעס טאַבעקע האָט זיך צעשפילט אין זיינע נאָז־לעכער. מישקע, מיט זיין ביסעניש, קאָן אַ טויטן אויפוועקן, האָט זיך טאַקע יענקל דורכגעוועקט.

אידעל פופיק, פון דער נאַטור אַ איד אַ פחדן, האָט זיך אַזוי דערשראָקן פון מישקעס ניסן דאָס ער האָט אַזש אויפגעציטערט.

„אַז צעזעצט און צעשפרינגען זאָלסטו ווערן! אַ מיתה משונה זאָלסטו איינעמען! אַ רוח זאָל אַריין אין דיין טאַטעס טאַטע אַריין! אַז גיין זאָלסטו אין דער ערד אַריין!"

אידעל קאָן קוים כאַפּן דעם אָטעם:

„המ, אַט אַזוינס לעבט אויך אויף גאָט׳ס וועלטעלע!"

נאָר מישקע מאַכט זיך קליינע יסורים פון אידעל׳ס קללות. מישקע שמעקט זיך גאַנץ געמיטלעך דיין טאַבעקע ווי גלייך גאָרנישט.

אידעל פופיק און מישקע דער שבת־גוי זיינען זיך שוין אַלטע שונאים. מישקע חוזקט אָפּ פון אידלען אויף שריט און טריט; נישט איינמאָל גייט מישקע אַהינטער אידלען אָן ער מיאוקעט ווי אַ קאָטער „מיא־או, מי־אַ־או!" דאָס טוט ער כדי אידלען צו דערשרעקן. אידעל ציטערט טאַקע אויף, נאָכדעם בייטעלע ער אויס אַלע זיינע בייזע חלומות אויף מישקעס קאָפּ:

„אַז די כפרה זאָלסטו זיין פאַר מיר און פאַרן כלל ישראל! ימח שמו זאָלסטו ווערן! ברעכן זאָלסטו רוק און לענד מיט לייב און לעבן!

דו הולטיי אײנער! דו לײדאַק! דו שיכורניק! דו ממזר! דו רשע־מרושע די כאָליערע זאָל דיך נעמען אין דעם אויגנבליק!"

אַז אסור, צי מישקן אַרן עס אפילו די אַלע קללות:

„זאָל ער זיך קאַכן, דער אידעל פּופּיק!"

מישקע קומט געװײנלעך צו יענקלען, צורעכט צו מאַכן דאָס פּײער, אויסגערעכנט, באַלד נאָכן עסן כדי ער זאָל זײן דער ערשטער צװישן די אורחי־פּורחי צו כאַפּן שיריים. נאָר איצט אײנמאָל איז מישקע אויך אײנער פון לאה׳קעס קרבנות, ער מוז אויך מיטלײדן מיטן כלל פון יענקעל׳ס הויזגעזונט.

מישקע באַדרײט זיך אַרום טיש, ער נעמט אַראָפּ די זילבערנע לײכטער און ער לײגט זײ אַרויף אויפן שראַנק.

„נו!" — ברומט יענקעל אונטער.

מישקע װײסט געוויי וואָס אַט דער „נו" באַטײט:

„האָט קײן מוירע נישט רעב יענקעל!" — פאַרענטפערט ער זיך אונטערפאַנפּענדיק אונטער דער נאָז — „איך װעל אײך ניט בײסעכדיג (נסכ׳דיג) מאַכן דעם װײן".

אין אמתן איז יענקעל׳ס „נו" אינגאַנצן ניט געװען געװענדעט צו מישקען, נאָר צו װעלװולען. ער, װעלװעל, מעג עס האָבן אַזוי פיל שכל צו פאַרשטײן, באַצײטנס אָװעק צו כאַפּן דעם װײן פון אונטערן ערל׳ס ידים, ער זאָל ניט אומגערן זיך צורירן דערצו.

יענקעל הײסט װעלװולען, דאָס ער זאָל אָנגיסן אַ ביסל משקה פאַר מישקען. מישקע טרינקט אויס אַ כוס משקה, בנשימה אחת, נאָכדעם װינשט ער „לעכײעם" (לחיים) און ער פאַרבײסט אַ קיכעלע. ער קאָן דװקא אויך מאַכן אַ ברכה, נאָר מישקע װײסט דאָס ער װעט דערצערענען יענקלען, אַז ער, אַ גוי, װעט מאַכן אַ אידישע ברכה...

מישקע מוז שוין מסתם זײן שטאַרק בגילופין, קוים װאָס ער האַלט זיך אויף די פיס. ער האָט שוין זיכער געטרונקן ביט אײן „לעכײעם" אין אַנדערע אידישע שטיבער. קוקנדיק אויף אידלען גלוסט זיך אים שטאַרק אַ זינג טאָן:

„העי, עס דאָדעל, טרונק דאָדעל,
„לעב אַ גוטן טאָג דאָדעל!
„װי אַזוי קען דאָדעל לעבן,
„אָן אַ טרונק צו געבן?!

„ווי אַזוי קען דאַדעל זיין,

„אַן אַ גלעזל ווײַן?!

„העי, עס דאַדעל, טרינק דאַדעל,

„לעב אַ גוטן טאָג דאַדעל!“

אַן אַנדערש מאָל וואָלט יענקלען ניט געאַרט מישקעס משוגעתן, נאָר איצט האָט ער ניט קיין געדולד צו אים, ער וואַרט שוין קוים דאָס מישקע זאָל אויסען זיין די צייט. מישקע איז אָבער צוטיילמאָל ווי אַ זלידנע פליג פון וועלכער מען קאָן ניט איינס־צוויי פּטור ווערן, ער האָט צייט איבער גענוג, ער וויל נאָך אַביסל דערצערגען אידלען:

„רעב אידעל איר זענט דאָך עפּעס אַ איד וואָס קאָן זיך אויס אין די דריבנע פּינטעלעך“ — ער רעדט צו אים אין אַ זאַפּטיקן אידיש, מיט אַן אַרטיסטישער ערנסטקייט — „אפשר וואָלט איר מיר געקאָנט זאָגן די טייטש פון „פּאַרעאַדומע“ (פּרה־אדומה)?“

כאָטש מיר ווייסן אַז אידעל איז אַן עם הארץ שבעם הארצים, איז אַזוי ווי אויף צו להכעיס, ווייסט ער דווקא יאָ די טייטש, כאָטש אַ בייזער אויף מישקען, ענטפערט ער אים דאָך:

„פּאַרעאדומע — אַ רויטע קו!“

ביסט אַ גולם, טאַקע דו! — מישקע טריאומפירט, גראַמענדיק קו צו — דו.

אידעל קאָכט און זידט ווי אַ קעסל, ער איז „להשמיד ולהרוג“ אויף אַט דעם בידנעם מישקען. ער וואָלט אים אַרויסגעשטויסן די טשטירבע ציין פונם מויל, ער שעלט אים מיט טויטע קללות. מישקע שטאָפּט זיך געמיטלעך זיינע נאַז־לעכער מיט טאַבעקע און ניסט אַריין אידלען, אין פּנים אַריין!

מישקע, באַמערקענדיק דאָס לאהקע איז ניטאָ אין דער היים, איז ווי גלייך ער וואָלט געפילט אונטערבאַוואוסטזיניק, דאָס איר האָט ער צו פאַרדאַנקען וואָרום עס איז אים ניט באַשערט היינט צו עסן אַביסל איבערבלייבעכץ, איז ווי גלייך ער וואָלט זיך געוואָלט נוקם זיין אין איר, דעריבער פּלאַפּלט ער סתם אין דער וועלט אַריין:

„וואו איז ערגעץ די פריילין לאה׳קע? זי „שפּאַנצירט“ אוואַדע ערגעצוואו, מיט אוורעמעלס טאַכשעט (תכשיט), מיט דאַדלען, האַ, האַ, האַ!“

מישקע האָט זיך ווי אין אַכט גענומען, דאָס עס איז איצט דאָס בעסטע פאַר אים ער זאָל צומאַכן די טיר פון יענער זייט, איידער אַלע

אידישע צרות וועלן אויסגיין צו זיין קאָפּ, האָבנדיק פאַרקאָכט אַ קאַשע...

זייענדיק אויף דער גאַס באַלאַנקעט ער מיט זיינע קרומע פיס און זינגט זיך אונטער:

„העי־הוי,
„שיכור איז אַ גוי!
„שיכור איז ער,
„טרינקען מוז ער,
„ווייל ער איז אַ גוי!
„העי־הוי!"

ו.

עס האָט ניט פיל געפעלט דאָס איצט איינמאָל זאָל יענקעל יאָ נאָכגעבן זיין עקשנות און זיך יאָ לאָזן איינרעדן פון צירעלען, צו גיין זיך וואַשן די הענט צום עסן, גלויבנדיק דאָס לאה׳קע געפינט זיך ביי גיטעלען.

גיטעלע איז יאָסעל דעם שוחט׳ס בת־יחידה, זי איז אין זעלבן עלטער ווי לאה׳קע. זיי זיינען אויפגעוואַקסן צוזאַמען און זיי זיינען חבר׳טעס פון קינדוויז אויס. בײדע האָבן זיי געלערנט אין חדר ביי זלמן לייב דעם דרדקי מלמד; ביידע האָבן זיי זיך אויסגעלערנט עברי און דאַווענען; בײדע האָבן זיי זיך אויסגעלערנט די ערשטע פרשה פון „ויקרא" מיט די חדר־אינגלעך צוזאַמען.

עס פלעגט גאַנץ אָפט געשען, דאָס גיטעלע זאָל בלייבן עסן און אפילו שלאָפן ביי יענקלען. טאָקע ער אַליין פלעגט זי פאַרבעטן צו בלייבן. איז וואָרום זאָל עס ניט קאָנען געמאָלט זיין, דאָס יאָסל דער שוחט זאָל אים וועלן רעוואַנזשירן און זאָל אויך איינמאָל פאַרבעטן זיין לאה׳קען זי זאָל בלייבן ביי אים, ביי יאָסלען, און זי זאָל פּראַווען די שבתדיקע סעודה דאָרט.

„יענקעל, דער טשאָלענט ווערט קאַלט, ער וועט ניט האָבן קיין אידישן טעם!"

וואָס יאָ און וואָס נישט אידישע מאכלים, קאָכן האָט מען זיך געמעגט לערנען ביי צירלען. זי, אַז זי האָט עפּעס אָהערגעשטעלט אַ מאכל איז עס געווען מיט אַלע פּאַטראַוועס און פיטשעווקעס, און עס איז טאָקע געווען מלא טעם. אין הלכות קאָכען און באַקן איז צירעלע

ניט קיין קלענערע בריה ווי יענקעל צו זיינע זילבערנע און גאָלדענע צאַצקעס.

יענקעל וואָלט שוין אפשר מוחל געווען לאה׳קען וואָרום זי פאַרשטערט אים דעם שבת און ווידערשפּעניקט זיין פּרינציפּ, דאָס אין שבת זאָלן אַלע זיינע קינדער זיין מיט אים צוזאַמען ביים טיש. איבערהויפּט איצטער אויף זיינע עלטערע יאָרן, ווען ער האָט אזש נאָך צוויי קינדער בלויז מיט זיך, פון אַזאַ גרויס הויזגעזינד קיין עינא־הרע!

אפילו ווען ער האָט באַמערקט דאָס זי, לאה׳קע, האָט זיך געקושט מיט דודלען, כאָטש עס האָט אים געגנוג באַרירט, אַזוי דאָס ער איז געווען אויסער זיך, ווי גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן, אַלץ האָט ער זיך געמאַכט ווי גלייך ער האָט גאָרנישט געזען. עס האָט אים ניט געטויגט דאָס לאה׳קע זאָל וויסן דאָס ער האָט אַזאַ וואָס באַמערקט.

נאָר איצט האָט יענקעלס פאַנטאַזיע זיך צעשפּילט. צי האָט ער אַ קאָפּעטשקע איבערגעכאַפּט די מאָס פון׳ם פסח׳דיקן שליוואָוויץ ביים קידוש מאַכן; צי דער פּסוק פון דער סדרה: „ותצא דינה בת לאה"; צי מישקע דעם שבת גוי׳ס באַמערקונג — אָדער אַלעס צוזאַמען — האָט עס פאַראורזאַכט דאָס יענקעל זאָל אַרויסגיין פון די כלים:

„וואָס ווילט עטץ מיר איינרעדן" — ער שפּיצט זיינע פלאָם־פייערדיקע בליקען צו צירעלען און צו וועלוועלען — דאָס לאה׳קע איז ביי ר׳ יאָסעל דעם שוחטס?! ניין! אַזאַ וואָס וועט עטץ מיר ניט איינרעדען! זי שפּאַצירט זיכער אַרויף און אַראָפּ אין דער גאַס מיט אַוורעמעל דעם קאָפּעניקס בנ׳אָק!

„וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט, רבונו של עולם, די נאַכט און אַלע אַנדערע נעכט, זאָל אויסגיין צו מיינע שונאים׳ס..."

נאָר יענקעל לאָזט צירעלען ניט ענדיקן.

„אויב איך וועל זיי ,כאַפּן ביי דער גנבה׳ וועל איך זיי וויזן ווער עלטער איז, איך וועל זיי ביידע אויספּאַטשן אינמיטן גאַס".

וועלוועל האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. צי ער האָט נישט געוואָלט אויסרעדן אינמיטן מעביר זיין די סדרה, צי אויס רעספּעקט פאַרן פאָטער, האָט איצט דווקא יאָ אויסגערעדט אויף אַן אופן ווי גלייך ער וואָלט געהאַט גאָר אַ קנאַפּן דרך־ארץ פאַרן פאָטער:

טאַטע, מילא פאַר לאה׳קען אַז דו וועסט דערלאַנגען איז עס דיין פּריוואַטער עניין, אָבער פאַר דוד׳לען — ער איז אַ גריבענער יונג,

אַ חברה־מאַן, אַז ער וועט דיר צוריק דערלאַנגען, וועל איך דיך שוין גאָרנישט מקנא זיין!"

„אָט, האָסטו אים, אויך ער זאָגט מיר אַריין אַ דעה! עט, דו באַלעמוטשע וויניקער, וועט דיר געזונטער זיין!"

יענקעל, אין איילעניש כאַפּט זיין טילופּ און שטריימעל און ער פאַרהאַקט די טיר מיט אַ טראַסק דאָס אַלע שויבן אין הויז האָבן געציטערט ער לויפט מיט זיינע דריבנע טריטעלעך, פון דער אידישער גאַס, וואו ער האָט געוואוינט, פאַרקירעווענדיק זיך לינקס, אין דער קאָמער גאַס אַריין צו דער דירעקציע פון אברהמלס הויז.

ז.

אברהמל האָט שוין געהאַלטן נאָכן עסן. ער מיט זיינע בנים האָבן געזונגען זמירות. יענקעל האָט זיך אָוועקגעשטעלט אונטערן פענסטער. זיינע אויערן האָבן געגעבן פאַרנומען די קלינגענדיקע טענער פון דודלס שטימע, לויטן וויזשניצער נוסח:

„יה רבון עלם ועלמיא,

אנת היא מלכא מלך מלכיא!"

פון יענקלען האָט זיך דער כעס אינגאַנצן אָפּגעטאָן. זיין פּנים שיינט איצט ווי די זון וואָלט פּלוצים אויפגעשיינט נאָך אַ רעגן. ער שמייכלט צו זיך אַליין. נאָר, ערשט איצט זעט ער ווי לעפּישעוואַטע ער וועט עס אויסזען אין יירעלעס אויגן, אַלץ איז ער ניט אָוועק גלייך אַהיים. ווי גלייך דער ווינט וואָלט אים געטראָגן, האָט ער זיך פאַרקירעוועט רעכטס אין דער שלאַנגען־גאַס, צו יאָסעל דעם שוחט.

„אַ גוטן שבת ר' יענקעל! ברוך הבא וברוך נמצא! שלום עליכם ועליכם השלום! אַ־אַ גאַסט! איך האָב אייך שוין ניט געזען אַ שאָק מיט יאָרן. זיצט ר' יענקעל".

„אַ גוט שבת ר' יאָסעלע!"

כאָטש יענקעל איז ביי יאָסלען אַ גאַנצער „יום זה מכובד" פונדעסט־וועגן ענטפערט אים יענקעל גאַנץ קאַלט און קורץ אויף זיין ברייטן „ברוך הבא". דער עיקר וויל ער, יענקעל, וויסן, צי לאה'קע געפינט זיך עס טאַקע ביי אים אין הויז.

אָנשטאָט אָן ענטפער, עפנט יאָסעל די טיר פונם דערנעבנדיקן צימער. יענקעל איז געפּלעפט געוואָרן זעענדיק ווי לאה'קע און גיטעל זיצן ביידע אויפן באַנק־בעטעל, זאָגנדיג תהילים. זיי זיינען אַזוי פאַרטיפט

זאָגנדיק, דאָס זיי האָבן אפילו ניט באַמערקט, דאָס זיי ווערן באַאָבאַכטעט. יענקעל הערט ווי לאה׳קע הויבט אָן צו זאָגן די „תמניא אפי״: „אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ד׳ ״ — וואויל איז די לייטישע מענשן וועלכע גייען אין גאָטס וועג.

„זיי האָבן זיך געוועט ווער עס וועט שנעלער ענדיקן גאַנץ תהילים״. אַזוי פאַרענטפערט זיי יאָסל, מיט אַ שטראַלענדיק געזיכט.

בכלל איז פאַר לאה׳קען און גיטעלען ניט געווען איינס פון די שווערסטע זאַכען אויסצוזאָגן גאַנץ תהילים דריי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן, אין אַ שבתדיקן אָדער יום טוב׳דיקן נאָכמיטאָג.

„עט, די מאַמע איז אומרואיק צוליב דיר, לאה׳קע. דו וועסט שוין ענדיגן אַ צווייט מאָל, טאָכטערשי.

אָנשטאָט אַן ענטפער, ווייזט אים לאה׳קע מיט די פינגער צום מויל, ווי גלייך איינער רעדט: „מפסיק!״ — מען טאָר ניט אויסרעדן!

יאָסעל דער שוחט איז אַ דיקער און אַ נידעריקער מיט פאַר־צוויגטע, קויל־שוואַרצע לאַנגע באָרד און פיאות. ער איז אינגאַנצן אַ היפוך פון יענקלען, וועלכער איז אַ הויכער, אַן איידעלער מיט אַ בלאָנד־רויטלעך בערדל.

יאָסעל שמייכלט אונטער זיינע געדיכטע וואָנצעס, אָנקוועלענדיק פון נחת. יענקעל פילט זיך ווי אַ פאַרלוירענער — ווען דאָס לשון איז אָפּגענומען, אין היפוך צו יאָסלען וועלכער איז דווקא זייער באַריידעוודיק:

„איר ווייסט ר׳ יענקעל, זיי האָבן ניט געזאָגט: „בלי נדר שבת״, ווען זיי האָבן זיך געוועט, אַזוי דאָס זיי וועלן שוין מוזן ענדיקן אַלע הונדערט און פופציק קאַפּיטלעך. נישקשה ר׳ יענקעל, קומט און לאָמיר זיך אַוועקזעצן דערווייל, אין איבערוועגס וועל איך אייך איבערגעבן מיין אַן אייגענעם חידוש, מעניני דיומא עס איז ממש פלאי־פלאים.

יאָסעל דער שוחט האַקט אַ טשייניק פאַר יענקלען אומברחמנותדיג. יענקעל אַ צעטשמעליעטער, זיצט ווי אויף נאָדלען. ר׳ יאָסעלס חידוש קריכט אים ניט אין דער לינקע פאה אַריין. יאָסל איז זיך ניט מפלפל מיט אים, ער לאָזט אים רעדן, ער איז אויף אַלעם מסכים, נאָר אַן עק זאָל עס שוין נעמען!

יאָסעל האָט זיך פאַרגאַלאָפּירט אין אַן ענין אַ פאַרדרייטן; אין אַ פילפול אַ פאַרפּלאָנטערטן, קיינמאָל ניט אַרויסצוקריכען. ווער ווייסט מיט

וואָס יאָסעל דעם שוחט'ס חידוש וואָלט זיך געווען געענדיקט ווען ניט זלאַטע די שוחטקע, יאָסלס ווייב:

„אפשר וואָלט איר ביי אונז געמאַכט קידוש, ר' יענקעל?"

זלאַטע די שוחטקע אַ ברייטע און צעיורענע אידענע, מיט אַ שפּיצעלע אויפן קאָפּ, — זי קימערט זיך וויניק־וואָס, דאָס איר יאָסל איז עס פאַרקראָכן אין אַ פּשטל, אַ לאַבירינט, קיין מאָל נישט אַרויס־צוקריכן. זי האָקט איבער זיין דרשה אינמיטן דערין כדי איר יאָסעל זאָל קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. — טאַקע אַן אמתדיקע אשת חיל, אָט די זלאַטע די שוחטקע, אַ ברכה איבער איר קאָפּ!

יענקעל ווייסט ניט פאַרוואָס איר בעסער צו דאַנקען: פאַר דער איינלאַדונג קידוש צו מאַכן צי גאָר דערפאַר וואָס יאָסל וועט אים אַביסל אויפהערן צו נודיען:

„אַ דאַנק, שוחטקע פאַר אייער כיבוד! איך וואָלט גערן עפּעס טועם געווען ביי איך, נאָר אַזוי ווי עס איז שוין היפש שפּעט און איך מוז נאָך היינט פאַראָווען צוויי סעודות, וועל איך פּשוט האָבן אַן עבירה צו פאַרדאַרבן זיך דעם אַפּעטיט פון די סעודות־מצווה".

ח.

דער דאַזיקן שבת איז טאַקע צירעלעס טשאָלענט און קוגל ניט געווען הייס ווי געהעריק. אַן אַנדערש מאָל וואָלט זיך יענקעל ניט אַמאָל געווען צוגערירט דערצו, דערפאַר, אָבער האָט יענקעל געפילט דאָס ער האָט אַ נשמה יתירה, ער האָט אַן עכטן עונג שבת.

ער פילט דאָס, ער איז מלא רוחניות! די סעודה האָט ביי אים טעם גן עדן.

„נו יענקעל, האָסט געכאַפּט אונזער לאה'לען ביי דער „גנבה", האַ?"

יענקעל, אַ צעשמייכעלטער, ווי אַ ביי געבווירענער:

„עט סאַר אַ נאַרישקייטן עטץ וויבער האָט עס אינזינען אין ענקערע געדאַנקען!"

יענקעל פאַרוואָרפט דאָס האַנטוך איבער זיין אַקסל און מיט דריבנע טריטעלעך שלייכט ער זיך אַריין אין זיין שלאָף־צימער, כדי צו כאַפּן אַ דרימל, לכבוד שבת.

שינה בשבת תענוג — שלאָפן אין שבת איז אַ מחיה. יאָ, ס'איז אַ מחיה צו זיין אַ איד!

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיינע צוויי עלטסטע שוועסטער מלכה שנעק און צירל ראָזענפעלד — וועלכע זיינען צוזאַמען מיט זייערע מענער און זיבן קינדער אומגעקומען אין אוישוויץ, הי״ד.

אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן

דאָס שטעטל איז איינגעהילט אין אַ צודעק פון אַ בלישטשענדיקן ווייסן שניי. איבער דער נאַכט האָט אַ שטאַרקער פראָסט פאַרהאַרטעוועט דעם שניי אין אַ מאַסיווער אייגהייט, אַזוי אַז מען האָט געקאָנט הערן די סקריפּענדיקע טריט פון די דורכגייער. עס איז בכלל געווען אַ שווערער און אַ לאַנגער ווינטער. די קעלטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען נאָך היפּש פאַר חנוכה און די שנייען זיינען געקומען גאַנץ אָפט: „ווי גלייך מען וואָלט אים געדינגען, דעם שניי, אַזוי פלייסיק אַרבעט ער״. אַזוי טענהט דער עולם. אַט איז שוין באַלד פורים און דער ווינטער, וועלכער האָט נישט פאַרגעסן זיך צו פעדערן גאַנץ פרי אינם סעזאָן, האָט איינגאַנצן פאַרגעסן ווען ער דאַרף עס אַוועקגיין צו אלדי גוטע יאָר... מען בורטשעט סתם אַזוי זיך: „פונקט ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט פירט ער זיך אויף, דער ווינטער״.

די געדינגענע כאַטקע פון דער משפחה גראָס האָט זיך קוים אַרויס־געזען פון צווישן די שניי־בערג וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַרום איר אין משך פונם ווינטער. אין אַט דעם ווינטערדיקן שבת אינדערפרי האָט רבקה גראָס זיך פּלוצלינג דורכגעוועקט. עס האָט איר אויפגעוועקט אַ מילד קלאַפּן אין דער טיר פון דער קיך. די קיך איז געווען אין הונטערגרונט פון דער פינף צימערדיקער הייזקע.

רבקה איז ביי זיך געווען זיכער, אַז דאָס קלאַפּט מישקע דער שבת־גוי וועלכער קומט געוויינלעך איינהייצן און אַרונטערנעמען די לייכטער פונם טיש. רבקה הערט ווי פּיצי, דער הונט, דער שומר פון דער משפחה, האַוועט עפּעס מיט מער ירגזון ווי געוויינלעך: „דער כלב פילט מסתמא״ — טראַכט זי ביי זיך — ׳אַז דער באַלעבאָס איז נישטאָ אין דער היים בעדאַרף ער צו האָבן מער השגחה״...

וואָלט געווען רבקה געכאַפּט אַ בליק אויפן טיק־טאַקעווענדיקן זייגער, וועלכער שטייט עס פאַראיינזאַמט מיט זיין אומרו אין ווינקל פון איר שלאָף־צימער, וואָלט זי געווען געוואוסט, אַז עס קאָן נישט זיין מישקע, מישקע קומט געוויינלעך נישט פריער פון האַלב' ניין און אַצינד איז נאָך ניטאָמאָל האַלב אַכט.

רבקה איז געבליבן פאַר איבער שבת אַליין מיט די צוויי קליינע טעכטערלעך, באַשע און חנהלע, צוויי און דריי יאָר אַלט, אין הויז. איר מאַן, אלקנה, איז אַוועקגעפאָרן ערב שבת גאַנץ פרי צום מיימאַנעשטער רבי, צו רב פייוושלען, כדי ער זאָל ביי אים פועלן אַ ישועה.

תיכף נאָך זייער חתונה האָט דער רבי רב פייווישל געראַטן דאָס יינגע פאָר־פאָלק, אַז בכדי זיי זאָלן נישט פאַרטאַכלעווען דעם נדן וואָס זיי האָבן געקראָגן פון רבקהס פאָטער, פון רב דאַדיע רובין, זאָלן זיי גיין וואוינען אין אַ קליין שטעטל:

— קינדערלעך, — האָט דער רבי צו זיי געזאָגט — אויב איר ווילט מצליח זיין, פאָלגט מיך, גייט אין אַ קליין שטעטל וואוינען און עפנט זיך דאָרטן אַ קראָם.

דאָס פאָר־פאָלק, אלקנה און רבקה, האָבן געהאַלטן פון כלל, אַז „צדיק גוזר הקדוש ברוך הוא מקיים", אַז אַ צדיקס פאַרלאַנג איז גאָטס שליחות, זיי האָבן זיך באַזעצט אין שוגאַטאַג, אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון סיגעט, די צענטראַלע פון גאַנצן מאַראַמאַרעשער ראַיאָן, און האָבן זיך געעפנט אַ שפּייז־קראָם. כל התחלות קשות, אין אָנפאַנג איז טאַקע נישט געווען אַזוי איי, איי, איי. עס זיינען געווען שוועריקייטן. עס איז נישט געווען קיין מנין. אין שטעטל האָבן געוואוינט געציילטע יידן. אַ טייל גוים האָבן געקוקט קרום אויף אַ יידן. מען האָט סתם מורא געהאַט. פרנסה איז אויך געווען שוואַך. קיין שוחט איז אויך נישט געווען באַנעט. אַז מען האָט געוואָלט האָבן אַן עוף לכבוד שבת האָט מען געמוזט פאָרן ביז קיין בערבעשט, אַ צען קילאָמעטער, און אַז מען האָט געוואָלט האָבן רינדערן פלייש האָט מען געמוזט פאָרן ביז קיין סיגעט. די דאָזיקע פּראָצעדורעס זיינען זיי שנעל נמאס געוואָרן. מען האָט שפּעקולירט צו פאַרקויפן „זאַק און פּאַק" און הלוך־ילך, אַוועק פונם שטעטל.

דער רבי האָט אָבער זיי געהאַלטן אין איין מונטערן „אויסהאַלטן!" „נאָר נישט מפיל זיין!" און די ישועה איז טאַקע ביסלעכווייז געקומען. אלקנה האָט זיך שנעל אָריענטירט, אַז בכדי דאָס געשעפט זאָל גיין

אַ גאַנג, מוז מען האָבן די ריכטיקע סחורות, די אמתע אַרטיקלען. זאַכן וואָס מאַנגלען געוויינלעך, אָבער דער פאַרלאַנג פון די אַרטיקלען איז אַ גרויסער, מוז מען זען זיך איינשאַפן וואָס מער פון דער סחורה. און בכדי צו זיין קאָנקורענץ־פעאיק מוז מען קויפן מיטאַמאָל אַ סך, ווייל אַזוי אַרום קאָן מען קריגן סחורה פאַר אַ ביליקערן פּרייז. אַז מען קויפט ביליקער קאָן במילא פאַרקויפן ביליק. קיין פוילער איז אלקנה נישט געווען. זייט עס קורסירט אַ באַן צווישן סיגעט און שוגאַטאַג, איז אלקנה כמעט איטלעכע וואָך געפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן פרישע סחורה. אַזוי ווי ער האָט אַלעמאָל געצאָלט במזומן האָבן אים די געשעפטס־לייט אויסגעדינט בסבר פנים יפות, מיט סימפּאַטיע און פריינטלעכקייט.

רבקה האָט מיטגעהאָלפן אין געשעפט מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט און אויף וויפל אירע כוחות האָבן געדינט. צו זיין אי אַ באַלעבאָסטע אין הויז און אי אַ געשעפטס־פרוי איז נישט גרינג.

און עס איז אַוועק אַ גאַנג! זיי האָבן מצליח געווען און זיי האָבן געהאַט פּרנסה בריווח. די הייזקע איז געווען אַ געדינגענע און דעריבער זיינען זיי געווען אָנגעוויזן אויפן חסד פון דעם אונגאַרישן אייגנטימער, יאַנטשי וואַרגאַ. איינער פונם שטעטלס ראַט־מענער. אַ שיכורניק און אַן אַנטי־סעמיט. ווען יאַנטשי וואַרגאַ האָט פאַרדינגען זיין כאַטקע פאַר׳ן ייִנגען פאָר־פאָלק, פאַר אלקנהן און רבקהן, איז דאָס הויז געווען אַ חורבה. אַ פאַרלאָזטע הייזקע, נאָך אַ שריפה, מיט אויסגעשלאָגענע שויבן און אַן איינגעפאַלענעם דאַך.

נו אוודאי איז יאַנטשי געווען אַ צופרידענער צו פאַרדינגען זיין הייזקע פאַר אַ גוטן פּרייז. אוודאי האָט ער געוואוסט, אַז בכדי די הייזקע זאָל ראוי זיין אָנגערופן צו ווערן אַ שטיקל בנין, וועט מען דערויף דאַרפן אויסגעבן אַ פּאָר שיינע מטבעות; בכדי צו ברענגען די הייזקע אין אָרדנונג, דאַרף מען אויסצוגעבן אַ מטמון מיט געלט. יאַנטשי באַרימט זיך:

— איך האָב אַריינגעקראָגן אַ פּאָר יאָלדן, זשידעס, וואָס אי זיי צאָלן אַ גוטן פּרייז דירה־געלט, און אי זיי האָבן מיר איבערגעבויעט מיין חורבה אויף זייערע אייגענע הוצאות...

יאַנטשי האָט זיך שנעל איבערצייגט, אַז ער וועט קענען קריגן פאַר זיין הייזקע אַ הויכן פּרייז. ווייל נישט נאָר וואָרינט מען דערין נאָר עס איז אויך געוואָרן אַ געשעפטס־בנין, וואָס איז עובר לסוחר, ווייל דער

זשיד אלקנה ווערט שטיין־רייך דערפון.

האט זיך טאקע יאנטשי מיישב געווען און ער האט אריבערגערופן צו זיך זיין איינוואוינער אלקנהן, און ער האט אים געזאגט, „ברחל בתך הקטנה", אזוי ווי דער פינף־יעריגער קאנטראקט פונם הויז גייט אויס אין קורצן וויל ער דאס הויז פאר זיך אליין און אז אין משך פון דריי חדשים זאל ער זיך ארויסציען און פארלאזן דאס הויז:

— מאך עס אזוי שנעל ווי מעגלעך — האט יאנטשי שטרענג געווארנט אלקנהן — ווען נישט וועל איך דיך לאזן דורכן שופט פונם שטעטל ארויסווארפן!

נישט מער און נישט ווייניקער!

אוודאי האט דאס יינגע פארפאלק פרובירט רעדן מיט יאנטשין, אז זיי זיינען וויליק אים העכערן דאס דירה־געלט און אז עס איז בכלל נישט קיין יושר, אז ער, יאנטשי, אלס א לייטישער און אן אנגעזעענער מענטש, א ראט־געבער פונם קאונסיל פון שטעטל, זאל אפטאן אזא וואס:

— אויב עס האנדלט זיך אין נאך אייניקע פארינט דירה־געלט, אין א הוספה, נו מילא, — טענהן זיי — אבער סתם נעמען און צוגרונט שטעלן, צו רואינירן א משפחה מיט צוויי קליינע פיצלעך קינדער — איז אן עבירה פאר גאט!...

אויף אזוינע טענות האט יאנטשי א שפיי געטאן אויף וואס די וועלט שטייט און אלס צוגאב האט ער אויסגעשאסן מיט קללות און באליידיקונגען מיט וועלכע דאס אונגאריש לשון פארמאגט א רייכן וואקאבולאר און פון וועלכע אפילו א קאזאק וואלט זיך פארשעמט.

אז אלקנה און רבקה האבן געזען, אז עס האלט שטארק שמאל מיט זייער געשעפט, און אז אט וועלן זיי באדארפן אויפצוגעבן זייער פרנסה און זייער וואוינונג. אן צופיל ישוב־הדעת האט אלקנה זיך געכאפט דעם ערשטן שבת, נישט געאכט אויף דער קעלט און וואס ער לאזט רבקהן מיט די קינדער אליין אין הויז, און איז געפארן קיין מיימאנעשט צום רבי. ווען ער האט זיך געזעגנט מיט רבקהן, האט ער איר געזאגט:

— איך וועל אזוי לאנג נישט צוריקקומען ביז איך וועל נישט אויספועלן א ישועה...

אז רב פייוויש, דער מיימאנעשטער רבי, האט דערזען פלוצלינג פאר זיך אלקנהן ערב שבת פאר ליכט צינדן האט ער אים אפגעשטעקט א שלום עליכם ער האט אים פאר א ווילע אריינגעקוקט גלייך אין זיינע

פאַרטרויערטע אויגן און ער האָט אים מיט אַ מונטערן טאָן געזאָגט:

— אלקנה, איך ווייס פון אַלעמען... עס איז אַצינד פאַר קבלת־שבת האָב איך אַצינד קיין צייט נישט אָפּצוגעבן זיך מיט גשמיות, מיר וועלן זיך אם ירצה השם זען מוצאי שבת נאָך הבדלה. אָבער איך זאָג דיר צו, אַז „תשועת השם כהרף עין״, נישט געזאָרגט, האָב אַ פריילעכן שבת!

ווי איבעראַשט איז רבקה געווען ווען זי האָט געעפנט די טיר בכדי אַריינצולאָזן מישקע דעם שבת־גוי האָט זי פּלוצלינג דערזען פאַר זיך איר הויזווירט יאַנטשי וואַרגאַ...

דאָס בלוט איז איר פאַרלאָפן פון פּנים. זי איז געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און געפילט ווי צו פאַלן חלשות. וואָלט געווען די קאַץ אַ מיואַקענ־דיקע זיך געווען נישט געפּלאָנטערט ביי דער טיר און אונטער די פיס וואָלט געווען רבקה אַ טראַסק געטאָן מיט דער טיר און אים געלאָזט שטיין אין דרויסן. אָבער שוין אין איר ערשטן בליק אויף יאַנטשין האָט רבקה באַמערקט ווי יאַנטשי שטייט ממש אַ פאַרלוירענער און אַ טרויע־ריקער מיט׳ן קאָפּ אַרונטערגעלאָזן, כעני בפּתח, אַ שעמעוודיקער וועלכער בעט מען זאָל אויף אים האָבן רחמנות...

— לאָז מיך אַריין צו דיר אין הויז. איך בעט דיך, לאָז מיך אַריין, איך וועל דיר קיין בייז נית טאָן.

אינצווישן האָבן זיך די קינדערלעך דורכגעוועקט און גערופן די מוטער. רבקה, אַ פאַרצווייפלטע, האָט בעבעך נישט געוואוסט וואָס זי זאָל פריער טאָן. זי האָט אָפן געלאָזט די טיר און איז געלאָפן באַרואיקן די קליינוואַרג, זיי זאָלן קיין מורא נישט האָבן, אַז עס איז „ווייס איך ווער״ געקומען. זי האָט זיך שנעל צוריק באַוויזן אין דער קיך און זי האָט מיט אַן ערנסטן און רואיקן טאָן זיך געווענדעט צו יאַנטשין:

— וואָס ווילט איר פון מיר אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן?

— פרוי גראָס, עס איז, איך מיין צו זאָגן, אַז ס׳איז שטאַרק קאַלט אין דרויסן און — — —

יאַנטשי האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט זיין צונג און ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ווייטער פאַרצוזעצן. רבקה האָט אים שוין געוואָלט פרעגן, צי צוליב דעם וואָס עס איז קאַלט איז ער עס געקומען איר זאָגן, ווי גלייך אַן אים ווייסט זי עס נישט. נאָך אַ וויל האָט ער צוריק געקראָגן לשון און ווייטער געזאָגט:

— עס איז שוין פאַר היפשע יאָרן נישט געווען אַזאַ פראָסט, איז ווינטערדיק, אַז דער אויוון האָט זיך ביי אייך נישט געהייצט אַ גאַנצע נאַכט, ווייל עס איז שבת. בין איך דירעקט געקומען צו אייך איינהייצן דעם אויוון...

רבקה האָט שיער נישט אויסגעבייטלט אַלע אירע ווילדע חלומות אויף זיין קאָפּ. זי האָט געטראַכט, אַז ער מוז זיין גוט מלא, שיכור ווי לוט, און ער ווייסט נישט וואָס ער דברט.

— פרוי גראָס איך בין נישט שיכור — קוקט ער אויף איר מיט אַ תחנונימדיקן בליק, ווי איינער וואָס ווייסט וואָס זי דענקט — איך בין נאָך אפשר קיינמאָל נישט געווען אַזוי ניכטער ווי איך בין עס אַצינד... וואו זיינען די שוועבעלעך?

— הער ווארגא, — זאָגט צו אים רבקה גאַנץ פריינטלעך — אויב איר זענט נישט שיכור ווייסט איר דאָך אוודאי זייער גוט, אַז מישקע וועט באַלד אָנקומען און ער וועט שוין איינהייצן. עס פּאַסט גאָרנישט פאַרן הער ווארגא, אַז ער זאָל מיך באַדינען — — —

— פרוי גראָס — לאָזט ווארגא איר נישט ענדיקן — צי פילט איר נישט ווי קאַלט עס איז ביי אייך אין הויז? צי פאַרשטייט איר נישט אַז טאָמער איך וועל נישט תיכף ומיד איינהייצן קאָנט איר און אייערע קינדערלעך זיך פאַרקילן, עס האַנדלט זיך נישט דערין וואָס איך וועל זיך דערנידעריקן און אייך באַדינען, עס האַנדלט זיך אין סתם טאָן אַ טובה מיינע גוטע יידישע פריינט. איבעריקנס, מישקע האָט זיך נעכטן נאַכט אָנגעשיכורט און ווער ווייסט ווען ער וועט זיך אויסניכטערן...

רבקהן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס איז ממש משיחס צייטן... זי האָט זיך נישט געקאָנט גלויבן אירע אייגענע אויערן, אַז עס איז אמת וואָס זי האָט גאָר וואָס געהערט, צי איז עס אויף אַן אמת מעגלעך, אַז דער ערל, דער שיכורניק און שונא ישראל, זאָל זיך איבער נאַכט האָבן איבערגעקוליעט און זאָל ווערן אַ מענטש מיט געפיל און פאַרשטענדעניש?

— איך בעט אייך נאָכאַמאָל, לאָזט מיך איינהייצן — האָט יאַנטשי נישט אויפגעגעבן. זיין לשון איז עפּעס אַזאַ ווי גלייך איינער בעט זיך ביי יענעם ער זאָל אים טאָן אַ טובה.

רבקה האָט אים ענדלעך געוויזן וואו די שוועבעלעך געפינען זיך און זי האָט זיך צוגעקוקט ווי די קאַץ לאַשטשעט זיך צו דעם לאַנגען און דאַרן יאַנטשין מיט די לאַנגע וואָנצעס. רבקה קוקט זיך צו ווי ער

קניט פאַרן אויוון און לייגט אויס די שפענער אינעווייניג און צינד אונטער אַ פּאַפּיר מיט וועלכן ער צינדט פאַוואַליע אונטער די שפענער. ער בלאָזט אונטער דאָס פייער ביז מען קען הערן ווי די שפענער קנאַקן, אַ סימן אַז מען קאָן צולייגן האָלץ און אָט, אָט, וועט מען קענען פילן אַ וואַרעמקייט אין דער נשמה...

— וואו איז דער הער גראַס — פרעגט פּלוצלינג יאַנטשי און בשעת מעשה קוקט ער אויף רבקהן מיט אַ פאַרשערישן בליק.

— ער איז נישט אין דער היים — ענטפערט אים רבקה, קורץ און שאַרף.

— אַז ער איז נישטאָ אין דער היים ווייס איך שוין — זאָגט ער אַן איבערצייגטער און מיט אַ זיכערן טאָן, נישט אָרונטערלאָזענדיק זיינע פאַרשערישע בליקן פון רבקהן — אָבער ווי געפינט ער זיך אַצינד?

רבקה האָט נישט געפילט ווי צו דערציילן אים געגוי וואו איר מאַן געפינט זיך. וואָס, זי זאָל אים אפשר דערציילן, אַז ער איז געפאָרן צום רבין?...

— וואָס איז דען פאַר אַ נפקא מינה דעם הער וואַרגאַ וואו מיין מאַן געפינט זיך? — האָט זי אים סתם אַזוי געענטפערט אַבי פּטור צו ווערן פון אים.

יאַנטשי וואַרגאַ האָט געוואַרט פאַר אַ ווײַלע און ער איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט צו רבקהן נישט אָרונטערלאָזנדיק זיינע פאַרשערישע בליקן פון איר:

— איך ווייס וואו דער הער גראַס געפינט זיך — האָט ער דרייסט אויסגערופן. ער איז געפאָרן קיין מיימאָנעשט צום „טשאדא ראבין" (בעל-מופת) ער איז געפאָרן צום „ראַבין" בכדי אים צו דערציילן, אַז איך וויל אייך שלעכטס טאָן..

רבקה האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ „בייז וואונדער". פון וואַנען טאַקע ווייסט עס דער גוי וואו איר אלקנה געפינט זיך? נאָר יאַנטשי האָט איר נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן:

— איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געחלומט פון אייער ראַבין... איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געהאַט אין קאַשמאַר נאָכן צוויטן... לאָזט ווי‌סן אייער ראַבין, אַז איך וועל אייך נישט טאָן קיין בייז איך בין גרייט אייך צו פאַרקויפן דאָס הויז פאַר אַ צוגאַנגלעכן פרייז..

דער גט

ר׳ יודל דער סופר, א גרייז־גרויער זקן מיט א ברייטן סאמעטענעם קאפליוש און מיט א לאנגער שווארצער קאפאטע, האט נאר וואס פאר־ענדיקט שרייבן דעם גט. ר׳ יודל איז געווען א מומחה אין שרייבן גטן. קוים האט דער מונקאטשער ראש בית דין, דער דיין ר׳שלמהלע זלאטעס, וועלכער איז דער ממונה איבער די גיטין פון מונקאטשער מחוז, בעדארפט אפצוגטן א פארפאלק האט ער בלויז געדארפט צו שיקן א שליח מיוחד צו ר׳ יודל דעם סופר. ר׳ יודל האט עס געמעגט זיין אנגאזשירט אין סיי וואס פאר אן אנדערן פראיעקט, ווי א שטייגער אין מיט פון א פרשה פון א ספר־תורה אדער פון א פאר תפילין, האט ער אלעס איבערגעלאזט און ער איז תיכף ומיד געלאפן אין דער בית־דין שטוב אריין.

דער ענין גט איז זייער א דעליקאטע זאך. נישט אומזיסט האבן מיר דערויף א גאנצע מסכת אין ש״ס. אז א פאר פאלק קומט צום דיין מיט דער טענה, אז זיי ווילן זיך סתם גטן, טאר זיי דער דיין נישט אפגטן אן א חקירה ודרישה. דער דיין מוז חוקר ודורש זיין צו ער האט א גענוג בארעכטיקטע סיבה דערויף. נישט געאכט דערויף וואס לויט דער גמרא אין מסכת גיטין (דף צ׳ ע״א) איז גענוג אז איינער טענה׳ט: „הקדיחה תבשילו״, אז די ווייב האט צוגעברענט זיין געקעכטס, זיין מאלצייט, איז שוין א בארעכטיקטע סיבה פאר א גט. עס זיינען פאראן „יש מפרשים״ וואס טייטשען, אז הקדיחה תבשילו מיינט נישט פשוטו וכמשמעו, אז א ווייב האט סתם צוגעברענט אן עסן. ניין, עס מיינט גאר, אז זי, די ווייב, האט אים פארראטן מיט אן אנדערן מאן...

אין איצטיקן פאל איז אבער געווען די ווייב וואס האט געפאדערט דעם גט. עס האט דעם דיין, ר׳ שלמהלע זלאטעס, געקאסט א סך מי און צייט, ביז ער האט צוגערעדט דעם יונגענמאנטשיק דאדיע רובין, אז ער זאל מרוצה זיין אפצוגטן זיין ווייבל ראכטשיען. נישט געאכט דערויף וואס דעם דיין האט זיך אויסגעדאכט, אז עס האט אים סוף כל סוף געלונגען צו פועלן ביי דאדיען אז ער זאל זיך גטן, איז ער, דער דיין, אלץ נישט געווען הונדערט פראצענט זיכער, אז דאדיע וועט נישט אין דער לעצטער מינוט חרטה האבן...

קוים האָט דער מונקאַטשער ראש בית דין געדאַרפט אָפּגטן אַ פּאָר פאָלק און עס איז געווען אַ סכנה אַז דער יונגערמאַן זאָל פלוצים טענהן, אַז ער האָט חרטה און אַז ער קאָן באַכדערצו נעלם ווערן, ווי איינער רעדט, „משה זוך מיך״ — און איבערלאָזן זיין ווייבל אַלס אַן עגונה, איז געווען גענוג, אַז דער דיין זאָל אַ ווינק טאָן צו ר׳ יודל דעם סופר... ר׳ יודל האָט דעמאָלט שוין געוואוסט, אַז ער באַדאַרף, אומר ועושה, אַן שהיות אָדער צערעמאָניעס אויפשרייבן דעם גט אויפן פּאַרמעט, אַזוי שנעל ווי מעגלעך, כדבעי למהוי, על פי הדין כדת משה וישראל. אין משך פון געציילטע מינוטן איז דער גט געווען אַ פאַרטיקער.

אויך אַצינד איז שוין דער גט געווען פאַרטיק כדת וכדין. די עדות האָבן זיך שוין אפילו געחתמעט. מען האָט נאָר געוואַרט, אַז דער יינגער־מאַן, דאַדיע רובין, וועלכער איז נאָר וואָס דאָ געווען, זאָל צוריק אַריינ־קומען אין בית־דין שטוב אַריין און אַז ער זאָל דערלאַנגען דעם גט פאַר זיין ווייבל, און פטור אַן עסק!

דער דיין ר׳ שלמה זלאטעס, אַ מיטליעריקער איד מיט אַ פלאַם־פייערדיקער רויטער באָרד אין וועלכער עס באַווייזן זיך געציילטע ווייסע פּאָסן, קוקט אַ שווייגנדיקער צום סופר וועלכער מאַכט תנועות אַלס אַ צייכן פון אומגעדולד, ווי איינער רעדט: „נו, וואָס לאָזט ער אויף זיך עס אַזויוויל וואַרטן, דער מגושמדיקער יונגערמאַנטשיק, און האַלט אונדז אַלע אויף פון דורכצופירן דעם צערעמאָניאַל פון גט?״

אָבער דער יינגערמאַן אַליין, דאַדיע, איילט זיך שוין גאָרנישט. ער האָט צייט! ער ווייסט אַליין נישט מיט וואָס ער האָט זיך עס אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט, אַז זיין ראַכטשיע, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליב, האָט פלוצלינג געוואָרפן אויף אים אַן אומחן און רק זי וויל, אַז ער זאָל זי אָפּגטן. צי איז עס אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט לעצטנס זיך גענומען קליידן אַביסעלע מאָדערן און ער האָט זיינע געקרייזלטע פיאות פאַרקירצט און זיי פאַררוקט אונטער די אויערן?... צי אפשר אויך דערפאַר וואָס ער האָט פאַרקירצט זיין באָרד?

„איך מוז פּרובירן — טראַכט ער ביי זיך — איך מוז אָנווענדן כל הפעולות אפשר וועט זי זיך מיישב זיין, אפשר וועט זי זיך באַזינען און חרטה האָבן. אויב נישט צוליב מיר איז כאָטשבי צוליב אונדזער האַלב יעריק עופהלע, אונדזער טעכטערל וועלכע איז מלא חן און איז אינגאַנצן געראָטן אין איר מאַמען״...

דאַדיע איז קוים בייצן יאָר אַלט און ראַכטשיע איז מיט אַ צוויי יאָר ייִנגער פון אים. עס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געוואָרן אַ יאָר זינט זיי האָבן חתונה געהאַט. וואָס פאַר אַ חתונה עס איז געווען! גאַנץ מונקאַטש האָט געהאַט פאַר וואָכן לאַנג צו רעדן וועגן דער חתונה. דער גביר ר׳ משולם רובין, דאַדיעס פאָטער, האָט זיך אָהער געשטעלט און ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ מטמון מיט געלט אַזוי וואָס שייך סתם חתונה הוצאות ווי מיט נדרים און נדבות. די גאַנצע שטאָט האָט מקנא געווען ראַכטשיען, ר׳ גרשון קלאַפּער דעם מלמדס בתולה, וואָס עס האָט איר אָפּגעגליקט צו ווערן אַ שנור ביי ר׳ משולם רובין! צוליב דעם וואָס דאַדיעס עלטערן זיינען גבירים אדירים האָט זיך עס אַזאַ ייִד ווי ר׳ גרשון קלאַפּער, אַ ייִד מיט אַ הדרת־פּנים, אַ תלמיד חכם און פון גרויסן יחוס משפּחה, משדך געווען מיט אַ ייִדן ווי ר׳ משולם רובין וועלכער איז ווייט פון צו זיין אַ תלמיד חכם און חוץ זיין נגידשאַפט. פאַרמאָגט ער גאָרנישט וואָס זאָל געווען אַטראַקטירן אַזאַ ייִדן ווי ר׳ גרשון איז. איז אָבער ר׳ גרשון, לא עלינו, אַן עני ואביון, אַ מטופּל מיט קינדער. פון זיין מלמדות האָט ער נישט געקאָנט זיך דורכשלאָגן צו דעקן זיינע הוצאות. האָט ער דעריבער ווייניקער מקפּיד געווען און ער איז איינ־געגאַנגען זיך משדך צו זיין מיט ר׳ משולם רובין... בשעת תנאים, מיט צוויי יאָר צוריק האָט ראַכטשיעס פאָטער זי ביטאַמאָל געפרעגט, צי זי וויל דעם חתן, דאַדיע רובין.

— אַז מיין טאַטעשי און מאַמעשי, זאָלן זיין געזונט און דערלעבן משיחן, — טענהט ראַכטשיע — זיינען צופרידן מיטן שידוך, דעמאָלט קאָן איך זיך אויף זיי פאַרלאָזן!...

אַז ראַכטשיע האָט נאָך דער חתונה דערזען אַז איר דאַדיע איז ווייט פון צו זיין אַ תלמיד חכם און ועל כולם האָט ער זיך אָנגעהויבן קליידן ווי עפּעס אַ „דייטש" מיט אַ קורץ רעקל און מיט אַ שטייפן קאָלנער און אַ קראַוואַט האָט עס איר גאָרנישט געפעלן. זי האָט אויף אים געוואָרפן אַן אומחן און רק זי וויל ער זאָל זי גטן. זי טראַכט ביי זיך: „איך וויל נישט דערציען קיין דור מיט עמי־הארצים..."

ראַכטשיע האָט אַלע אירע ייִנגע יאָרן געחלומט חתונה צו האָבן מיט אַ רב, אַ מורה־הוראה צי מיט סתם אַ בר־אוריין וואָס זאָל זיין אַריינגע־טאָן ראשו ורובו אין תורה ומעשים טובים. דערוויל האָט זי חתונה געהאַט מיט אָט דעם דאַדיען, וואָס האָט קוים אפשר צוויי יאָר געלערנט אין

אַ ישיבה און זי האָט אַ חשד, אַז ער קאָן קוים אָפּלערנען אַ פּרק משניות... זיין איינציקער יחוס באַשטייט דערין וואָס ער איז משולם רוביִנס, דעם גבירס, בן־יחיד. דווקא דאָס האָט ביי ראַכטשיען גאָרנישט אויסגענומען. עס איז ביי איר אַ קלייגע מעלה וואָס איינער איז רייך אין גשמיות און אָרעם ברוחניות...

וואָלטן איר געווען די עלטערן פּאַרטרויעט פאַר דער חתונה אַז איר חתן איז נישט קיין בקי בש״ס ופוסקים וואָלט זי געווען מיט אים נישט חתונה געהאַט. זי וואָלט אפילו ווידערשפּעניקט אירע עלטערן אין וועלכע זי האָט געהאַט דעם פולן צוטרויען, אַז ראשית כל וועלן זיי אינזיבען האָבן, אַז איר חתן, ווער עס זאָל נישט זיין, וועט קודם האָבן יחוס־עצמו, אַז ער זאָל קודם כל זיין אַ בן־תורה אין פולן זין פון וואָרט.

ראַכטשיעס ענטוישונג אין אירע עלטערן זיינען ממש אין לשער. זי הערט זיך גאָרנישט צו צו זיי ווען זיי פּרובירן איר איינרעדן, אַז משום דרכי שלום זאָל זי הויזן צוזאַמען מיט דאַדיען:

— ער איז נאָך יינג — טענהן זיי מיט תחנונימדיקע רייד צו ראַכטשיען — ער וועט נאָך קענען לערנען תורה און מיט דער צייט וועט ער אפילו ווערן אַ קענער. מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן! אויך ר׳ עקיבא האָט ערשט אָנגעהויבן לערנען תורה אין זיינע שפּעטערע יאָרן און ער איז עס געוואָרן דער גרויסער תנא ר׳ עקיבא...

נאָר ראַכטשיע וויל גאָרנישט הערן דערפון. זי ענטפערט אָפּ די עלטערן אויף אַ ווידערשפּעניקדיקן אופן:

— איר וואָלט מיר געווען בעדאַרפט אויסקלייבן אַ וואוילקענער פאַר דער חתונה!...

ענדלעך האָט זיך דאַדיע באַוויזן און דער דיין האָט זיך גענומען בייזערן אויף אים:

— וואָס לאָזטו אויף זיך עס אַזויפיל וואַרטן! אַזוי איך ווי דער סופר און די עדות זיינען נישט קיין פועלי בטל און מיר האָבן נישט קיין איבעריקע צייט אָנצוברענגען אומזיסט!

דערויף האָט דאַדיע מיט אַ באַשטימטער שטומע זיך אָנגערופן:

— איך וועל זיך נישט גטן!

ראַכטשיע, וועלכע האָט געהאַלטן אין הוידען דאָס קינד אין אירע אָרעמס, האָט פונקט אַזוי אומגעדולדיק ווי די איבעריקע געוואַרט אַז דאַדיע זאָל זי ענדלעך אָפּגטן. אַז זי האָט דערהערט דאַדיעס ווערטער איז

זי צוגעקומען גאָר נאָענט צו דאַדיען אָן דעם זי זאָל אַרויסרעדן אַ וואָרט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט דאַדיען גלייך אין פּנים אַריין. דאַדיע האָט געזען ווי בלאַס ראַכטשיעס געזיכט איז געוואָרן און ווי שטאַרק פאַרגליווערט און אייז־קאַלט איר בליק איז. ער האָט פּלוצלינג דערפילט ווי זיין האַרץ צעלאָזט זיך אים און אַ שטראָם מיט טרערן איז אים געקומען אין די אויגן. ער האָט זיך עס קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז ראַכטשיעס בליק קאָן עס אויף אים אַנוואַרפן אַזאַ פּחד. ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער וועט ווען עס איז זיין אימשטאַנד צו פאַרגיסן טרערן און וויינען. ער האָט דערפילט, אַז ער פאַלט אין אָנמאַכט, אַז טאָמער ער בלייבט שטיין פאַר נאָך אַ רגע וועט ער פאַלן אין חלשות. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און מיט אַ ווייבעריקער שטים האָט ער געקלאַפּט אין טיש מיט זיין פויסט און אויסגעשריגן:

— איך וויל זיך נישט גט'ן!

די אַנוועזנדע, דער דיין, דער סופר און די עדות, צוקוקנדיק זיך צו דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל זיינען ווי געפּלעפּט געוואָרן. זיי האָבן בלויז געוועגדעט זייערע בליקן פון איינעם צום צווייטן און שטיל געשוויגן. נאָכדעם ווי דאַדיע האָט זיך פאַר אַ וויל באַרואיקט רופט ער זיך אָן צו ראַכטשיען מיט אַ געלאָסענער שטימע:

— דו ווייסט, ראַכטשיע קרוין, אַז ווען אַ פּאָר פאָלק גטן זיך וויינען און קלאָגן דערויף אַפילו די מלאכי השרת אין הימל?

דאָ האָט דאַדיע זיך אויפסניי צעוויינט. ראַכטשיע האָט אים דערויף גאָרנישט געענטפערט. זי האָט בלויז געהוידעט דאָס ווייבעדיקע קינד וועלכעס האָט געהאָלפן איר פאָטער מיטוויינען...

דער דיין, צוקוקנדיק זיך צו דער סצענע, האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָן. צי זאָל ער זיי יאָ אָפּגטן, צי נישט אָפּגטן. עס איז טאַקע זיין עובדה אָפּצוגט'ן פאַרהייראַטע פאָרלעך כדת וכדין, אָבער אויב עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז דער גט זאָל צו נישט ווערן און אַז דאָס פּאָר פאָלק זאָל טענהן חרטה איז זיין חוב צו זען דערצו אַז דאָס פּאָר פאָלק זאָל שלום מאַכן צווישן זיך. דער דיין האָט אָבער געוואוסט די סיבה פונם גט און ער האָט שוין געהאַט פּרובירט איינצוטענהן מיט ראַכטשיען און אַז ער האָט געזען, אַז זיין מי איז אומזיסט, האָט ער ערשט דעמאָלט פּרובירט מיט דאַדיען, אַז ער זאָל מרוצה ווערן אָפּצוגטן ראַכטשיען. דאַדיע האָט אים אַפילו שוין געהאַט צוגעזאָגט, אַז ער וועט

קומען אין דער באַשטימטער צייט זיך גטן. ווען נישט דאָס וואָלט ער געווען נישט באַמיט דעם סופר מיט די עדות. ער איז ביי זיך געווען כמעט ווי זיכער, אַז אַלעס איז שוין אָראַנזשירט צווישן יינגן פּאָר פּאָלק פון פריער און אַז עס וועט נישט זיין קיין שום מניעה מצד דעם פּאָרל. אַצינד אַז ער זעט אַז דער ענין איז נאָך נישט געווען קלאָר האָט ער פּרובירט צוריקדרייען דעם גאַנצן עסק:

— אפשר וואָלסטו רחלע — בעט זיך דער דיין ביי ראַכטשיען — זיך דאָך מיישב געווען?...

דערויף האָט ראַכטשיע געענטפערט מיט אַ טראַציקער, עקשנותדיקער און מיט אַ קלאָר דעצידירנדיקער שטימע:

— איך קאָן מיט אים נישט הויזן צוזאַמען!...

דאַדיע, זעענדיק אַז ער האָט נישט קיין ברירה האָט סוף כל סוף צוגעשטימט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו די אַנוועזנדע און אין איט־לעכנס אויגן האָט ער אַרויסגעלייענט איינס און דאָס זעלבע: „גט זיך, גט זיך!“ נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט ער אַ רעזיגנירטער זיך געווענדעט דירעקט צו ראַכטשיען:

— ראַכטשיע — זאָגט ער מיט אַ האַלב בעטנדיקער און האַלב באַפעלערשער שטימע — איידער איך גט זיך פון דיר וויל איך דיך און דאָס קינד קושן!...

— דאָס קינד איז דיין ווי מיין — טענהט ראַכטשיע מיט אַ שוואַכער און אַן אַנטשלאָסענער שטימע — אָבער פּאַר דיר בין איך שוין אַ פרעמדע. נא קוש דאָס קינד! — האָט זי אים איבערגעגעבן דאָס מיידעלע וועלכע האָט מיט אַ שמייכעלע אויפן רונדן לויטערן געזיכט געשטרעקט אירע הענטלעך צום פּאָטער.

דאָ איז שוין דער סופר געוואָרן אומגעדולדיק און ער האָט זיך געוואָלט אַריינמישן בכדי אונטערצואיילן די פּראָצעדור פון גט, אַז דאַדיע האָט נישט קיין רעכט צו באַלעסטיקן אַ פרוי און פאַרלאַנגען פון איר אַ קוש בשעת ער האַלט זיך אין גטן. אָבער דער דיין האָט אים צוריק־געהאַלטן, אַז ער זאָל זיך נישט מישן ווייל מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן צי אַזאַ צוגאַנג וועט נישט צוטיילמאָל באַווירקן אַז די וואָגשאָל פון חרטה זאָל איבערוועגן לטובת דעם שלום; מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן צי אַזאַ צוגאַנג וועט נישט צוטיילמאָל וויכער מאַכן אַ פאַרשטיינערט האַרץ...

און דאַדיע האָט טאַקע נישט אויפגעגעבן און צום לעצטן מאָל נאָכאַמאָל פּרובירט זיין מזל:

— ראַכטשיע איך האָב דיך און דאָס קינד אַזוי שטאַרק ליב, איך וואָלט פאַר אייךביידן געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. אפשר וואָלסטו זיך דאָך מיישב געווען און צוּוואַרטן מיטן גט...

נאָר אַזיווי דאַדיע האָט געזען, אַז זיינע רייד האָבן נישט קיין פּעולה אויף ראַכטשיען און אַז ס'איז סתם דברים בטלים האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איידער איך גיב דיר אין האַנט אַריין דעם גט זייַנען מיר נאָך אַלץ מאַן און ווייב. דעריבער שווער איך דאָ פאַר דעם ראש בית דין, פאַרן סופר און די עדות, אַז אימפאַלס דו לאָזט זיך נישט פון מיר דיך און דאָס קינד אַרומארמען און אייך ביידן קושן דעמאָלט וועל איך דיך קיינמאָל נישט אָפּגטן!...

ראַכטשישע איז פאַר אַ וויילע געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט קושן פון אַ מאַן אין דער עפנטלעכקייט, אין דער אַנוועזנהייט פון אַנדערע. אַצינד ווייל עס דאַדיע, וועלכער האַלט זיך פון איר אין גטן, אויספּרעסן פון איר אַזאַ וואָס. „צי איז ער משוגע אָדער סתם חסר־דעה"? טראַכט זי ביי זיך. אין אַ ווייל אַרום האָט ראַכטשיע מיט אַן אויפפאָדערנדיקן טאָן געזאָגט אָט וואָס:

— איך לאָז זיך פון דיר קושן דאַדיע, בתנאי אַז דו זאָגסט מיר צו, דאָ פאַרן ראש בית דין, דעם סופר און די עדות, אַז דו וועסט אונדזער קינד אויסגעבן, ווען די צייט וועט קומען, בלויז פאַר אַ מאַן אַ תלמיד־חכם און אַ בעל־יראת־שמים!...

— איך זאָג דיר עס צו! — האָט דאַדיע אָן שהיות דרייסט געענטפערט.

מיט טרערן אין די אויגן האָט דוד אַרומגעכאַפּט זיין ראַכטשיען און דאָס קינד און ער האָט ביידן הייס געקושט. צום שלוס האָט ער ראַכטשיען אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער איר דערלאַנגט דעם גט...

די טרעפּערקע

עס איז געווען אַ כמורנער טאָג. פונ׳ם הימל האָט געטריבט אַ דריבנע דריזלדיק רעגנדל. עס איז געווען איינער פון די טעג ווען די זון באַהאַלט זיך צווישן די כמאַרעס, נישט וועלנדיק זיך באַווייזן כאָטשבי אויף איין מינוט פון יוצא וועגן.

אין אָט דעם דאָזיקן אַש־גרויען טאָג האָט עס מאָריס וואַקסמאַן, אַ שלאַנקער און אַ פעסטגעבויעטער מאַנספּאַרשוין, געמאָסטן די סיגעטער גאַסן שלינג־שלאַנג, אָן אַ ציל, נאָר סתם אַזוי זיך. אַ פאַרטראַכטער און אַ צעטראָגענער קלאַפּט זיך מאָריס אָן דאָ אין איין מענטש און דאָ אין אַ צווייטן, ווי איינער וואָס זעט אין זאַך און טראַכט פון עפּעס אַנדערש.

אין קעגנזאַץ צו מאָריס׳עס זיג־זאַגישן גאַנג זיינען אָבער זיינע געדאַנקען קאָנצענטרירט אין איין גראַדער ליניע: „ווי אַזוי — טראַכט זיך מאָריס — וואָלט איך כאָטש נאָך איינמאָל אימשטאַנד געווען אַרויסצו־קריגן אַ גרעסערע סומע געלט פון מיין רייכן שווער?"...

מאָריס וואַקסמאַן איז אַ מאַן אין די דרייסיקער. נישט נאָר איז ער איינער פון די פּאָפּולערסטע מענער אין שטאָט, נאָר ער איז אויך איינער פון די שענסטע און עלעגאַנטסטע קאַוואַליערן וואָס מאַכן געוויינלעך אַ שטאַרקן איינדרוק אויפ׳ן אייהעלן מין. אויב מען וואָלט אַראַנזשירט אַ שיינהייטס־פאַרמעסט צווישן די מענער אין שטאָט, וואָלט מאָריס אפשר געוויגען דעם ערשטן פּרייז... ווי וואויל מאָריס איז אַ פאַרהייראַטער און אַ טאַטע פון צוויי קינדער, אַלץ איז נישט בלויז איין סיגעטער מיידל די כפרה נאָך אים. נישט נאָר איז ער צוביערהאַפט (ווי פילע פרויען דריקן זיך אויס וועגן אים) נאָר ער האָט נאָך, אַלס צוגאָב צו זיינע מעלות, אַ געשליפן צינגל. ער איז בכוח איינעם אַזוי שטאַרק צו פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז דער יעניקער זאָל אים נאָכדעם גלויבן באמונה שלמה, אַז אַ זאַך וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן איז נאָר אָט וואָס געשען. אויב עמעצן זאָל זיך פאַר׳גנב׳ען אין די געדאַנקען אַ חשד און חושד זיין מאָריס׳ן, אַז ער איז אַ פרויען יעגער, אַ דאָן־זשואַן, וועט דער יעניקער זיך נישט האָבן טועה געווען.

מאָריס׳עס ווייבל, בעסי, איז אַ בת־יחידה ביי אַ פאָטער אַ גביר־אדיר. זי פאַרמאָגט אירע אייגענע מעלות. זי איז שיין, אַטראַקטיוו און זי באַזיצט

פּיינע און אײדעלע מאַניערן. עס פּאַסט זיך טאַקע אין רומפּל אַרײַן. אַ מאַן ווי מאָריס וואַקסמאַן פאַרדינט זיך אַזאַ זיווג.

עס איז אָבער אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז מאָריס און בעסי לעבן צווישן זיך ווי קאַץ און מויז.

בעסי פילט בחוש, אַז מאָריס פאַרראַט זי, אַז ער פלירטעוועט אַרום מיט פּרויען אַלערליי, פאַרהייראַטע און אומפאַרהייראַטע; אַז ער איז אַ קאָרטן־שפּילער און אַז ער פאַרשפּילט אין די „געמבלינג־קאַסינאָס" זיין לעצטן גראָשן. וויפל מאָל מאָריס קומט אַהיים ווי אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה פילט שוין בעסי אינטואיטיוו, אַז זי וועט אויפּסניי מוזן אָנקומען צו איר רייכן פאָטער מיט אַן אויסרייד:

„פּאַפּאַ — זאָגט בעסי צו איר פאָטער מיט איר פולן בת־יחידישן שאַרם — מאָריס האָט שוין נאָכאַמאָל אינוועסטירט זיין לעצטן גראָשן. פּאַפּאַ, טאָמער מען וועט אים נישט באַצייטנס אַרויסהעלפן דעמאָלט שטייט אים אין קאָן צו פאַרלירן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל. פּאַ, דו מוזט זען עפּעס טאָן, דו מוזט אונז ראַטעווען!"...

פאַרלאָזט זיך נאָר אויף בעסין! זי טויג זיך זייער גוט אויס צו איר פאָטער. זי חנפה'ט אים און זי לאַסטשעט זיך צו אים ווי אַ קעצל. בעסי נעמט איר פאָטער אַרום און זי בעט אים אַזוי לאַנג, ביז — ביז דער בידנער פאָטער פילט, אַז ער האָט קיין ברירה און אַז ער מוז געבן.

בעסיס פאָטער, ר' יענקל זעלדיס, לאָזט זיך גאָר אָפּט איבעררײדן פון זיין בת־יחידה: „סיי־ווי־סיי — טראַכט ער ביי זיך — וועט מיין גאַנץ פאַרמעגען אַריינפאַלן אין מיין גן־עדנ'ס (ער מיינט זיין אײדעמס) הענט אַריין!" נו, שטופּט ער און שטויסט ריינס אויף אומריינס און ווי ווייט מעגלעך העלפט טאַקע ר' יענקל מאָריס'ן מיט נייע און נייע סומען געלט. אָבער אין איין שיינעם טאָג האָט זיך ר' יענקל געכאַפּט, אַז מאָריס איז אַ לעכערדיקער זאַק און אַז עס וועט פיל געזונטער זיין, אַז ער, יענקל זעלדיס, זאָל זיך אָפּלאָזן פון דעם מאָריס'ן און אויפהערן אָנצושטאָפּן אים. דער אַלטער (ווי מאָריס רופט זיין שווערס נאָמען ווען ער הערט נישט) האָט אַ זאָג געגעבן עד כאן! און ער האָט געהאַלטן וואָרט, נישט צו געבן מאָריס'ן אַ צעבראָכענעם גראָשן.

▼

שפּאַצירט עס אַציגד מאָריס איבער די סיגעטער גאַסן אַרויף און אַראָפּ קלערנדיק און טראַכטנדיק: „וויאַזוי וואָלט איך נאָך כאָטש איינמאָל געקאָנט באַוועגן בעסין, אַז זי זאָל אַריבערגיין צום אַלטן, צו איר פאָטער, און

דאָס זי זאָל נישט אַוועקגיין פון אים ביז זי וועט נישט דערהאַלטן פון אים אַ באַדייטנדע סומע געלט״.

„ווען בעסי זאָל נאָר וועלן — האַלט ער אין איין טראַכטן — ווען בעסי זאָל נאָר וועלן וואָלט זי אַן פיל שווערקייטן געקאָנט פועל׳ן ביים אַלטן, אַז ער זאָל נאָך איינמאָל, נאָר נאָך איינמאָל, פּרובירן״.

ווייסט אָבער מאָריס זייער גוט, אַז בעסי וועט שוין מער נישט גיין בעטן קיין געלט פון איר פאָטער פון זיינעט וועגן. אויך ווייס ער, מאָריס, זייער גוט, אַז בעסי האָט אים אויפגעהערט גלויבן, אַז ער האָט זי נאָך אַלץ ליב. אָבער מיט איין זאַך איז מאָריס זיכער ביי זיך: „בעסי — טראַכט ער ביי זיך — איז נאָך אַלץ משוגע נאָך מיר; זי איז גרייט מיר מוחל זיין אַלע עבירה׳ס; נישט נאָר וועט זי מיר מוחל זיין פאַר וואָס איך האָב איר די לעצטע צייטן היפּש איגנאָרירט און איך האָב זיך לעצטנס אָנגעברענגט אַן אַן איבערדייס פיל טעג און בעכט אין די קאַסינאָס, נאָר אפילו ווען זי זאָל וויסן, אַז איך זינדיק אונטער מיט אַנדערע פרויען — אפילו דאָס וועט זי מיר מוחל זיין״.

און אין אמת׳ן האָט ער, מאָריס, קיין טעות נישט געהאַט. בעסי האָט אים אַלעמאָל מוחל געווען פאַר זיינע עבירה׳ס און מיסטאָמען ביז זי איז נישט געוואָר געוואָרן, אַז ער איז פאַראינטערעסירט בלויז אין איינער — „אַ מיאוסקייט צוליב וועלכער משיח קאָן נישט קומען״:

„זאָל ער זיך אויפהענגען מיט זיין ווענוס צוזאַמען — טראַכט ביי זיך בעסי אַן אויפגערעגטע צוליב איר אומגליקלעכער דאַליע מיט מאָריס׳ן — מער וועט ער ביי מיר גאָרנישט פועל׳ן! איינמאָל פאַר אַלעמאָל — גענוג איז גענוג!״

ווער נאָך אַזוי ווי טאַקע ער אַליין, מאָריס, ווייסט, אַז בעסי איז הונדערט פּראָצענטיק גערעכט; אַז ער איז עס טאַקע פאַרקאָכט ביז איבער די אויערן אין אָט דער דאָזיקער מיאוסקייט. ווער נאָך ווי ער אליין ווייסט עס אַזוי גוט, אַז טאַקע צוליב אָט דער דאָזיקער ווענוס מוז ער עס האָבן אַזוי שנעל ווי מעגלעך אַ גרעסערע סומע געלט...

„ווי אַזוי זשע טאַקע קומט עס די קאַץ אַריבערן וואַסער? — פרעגט ביי זיך זעלבסט מאָריס נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל די זעלבע קשיא. — וויאַזוי וואָלט איך עס דאַך געקאָנט איבערצייגן בעסין, אַז אַצינד איז נישט דאָס וואָס געווען; אַז אַצינד ברויך איך אַ באַדייטענדע סומע געלט פאַר אונזער אַקעגנזייטיקן צוועק; פאַר אַ צוועק וואָס אונזער גאַנץ פאַמיליע־צוזאַמענלעבן מיט אונזער גאַנצער צוקונפט איז אָפּהענגיק דערין?...

מיט דעם דאָזיקן געדאַנק אין זינען מעסט עס מאָריס די סיגעטער גאַסן אָט איז ער אין דער הויפּט־גאַס, אָט איז ער אין דער אידישער גאַס, אָט פאַרקירעוועט ער זיך פּלוצלינג אין געריכטס געסל וואָס איז נישט ווייט פונם אידישן בית־עולם, ביז ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין אַלע זיינע גלידער. ער שטעלט זיך אָפּ פאַר אַ ווײַלע. שטייענדיק אַ פּאַרמאַטער־טער האָט ער זיינע בליקן געווענדעט צו אַ שילדל וואָס אָקעגן איבער דער גאַס מיט דער פאָלגנדער אויפשריפט:

„ווערראַ גראַציאַנאַ, טרעפפערקע. לעזט אייערע פּראָבלעמען אויפ׳ן פּרעציזטן אופן. אַ וואקס־גיסערין וועלכע לייענט אַרויס אייער צוקונפט פון געגאָסענעם וואקס ווי איינער לייענט אַן אָפן בוך״.

מאָריס האָט סתם אַזוי זיך, פון לאַנגווייליקייט וועגן, דורכגעלייענט דאָס דאָזיקע שילדל אומציילקע מאָל נישט אין זין האָבנדיק דעם אינהאַלט. פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט, וואָס דער עצם באַדייט פונ׳ם שילדל מיינט.

מאָריס האָט געכאַפּט אַ בליק צום הימל, האָט ער דערזען, אַז דער הימל האָט זיך אינצווישן צייט אויסגעלייטערט און אַז די זון קוקט אפיר פון צווישן דער מאַסע פון אָנגעזאַמלטע כמאַרעס. מאָריס׳ן דאַכט זיך אויס, אַז די זון שמייכלט עס גראַד אים אין פּנים אַריין. פּונקט אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אַ נייער געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מוח: „עס וואָלט געווען אַ סברא — טראַכט ער ביי זיך — זיך סתם אַ כאַפּ אַריין צו טאָן פון טשיקאַוועסט צו אָט דער דאָזיקער „נבואה־זאָגערין״ און סתם זיך דורכ־ריידן מיט איר״...

▼

די טרעפפערקע, ווערראַ גראַציאַנאַ, ווי זי רופט זיך, איז זיך נישט נוהג צו טרעפן דורך די אויסגעפּרואווטע זנאַכערישע מיטלען ווי אַ שטייגער פּאַלמעסטרי (חכמת־היד) — אַ מיטל וואָס „נביאים און נבואות״ זיינען זיך נוהג אַנצוואווענדן ביים וואַראַזשען:

„עס זיינען שוין פאַראַן צופיל טרעפּערס פון דעם סאָרט — האָט ווערראַ גראַציאַנאַ אָפּגעמאַכט ביי זיך אין די געדאַנקען — זיי זיינען שוין צו וואָכעדיק; זיי מאַכן שוין מער נישט דעם געהעריקן איינדרוק אויפ׳ן עולם; דער פּובליקום איז שוין געקומען צום שכל; מען לאָזט זיך שוין נישט אַזוי גרינג כאַפּן אויף דער וועגטקע דורך פּאַלמעסטרי; מען קוקט דערויף היינט צו טאָג ווי אויף עפּעס אַ טשעפּוכא״...

צו אָט די דאָזיקע לאָגישע אויספירן איז די טרעפפערקע דערגאַנגען. דעריבער האָט זי זיך מיישב געווען, אַז זי האָט בעסערע שאַנסן צו מאַכן

אַ סוקסעס, ווען זי זאָל ווערן אַ טרעפּערקע פון אַן עקסקלוסיוון סאָרט וואָס וועט זיין ניי און במילא מער אינטריגירנדיק:

„איך וועל ווערן אַ וואַקס־גיסערין!"...

ווערא גראַציאַנא האָט עקספּערימענטירט, גיסנדיק פליסיק צעלאָזטן וואַקס אין אַ טעפּל וואַסער, און צו איר גרויסער איבערראַשונג האָט זי נאָכדעם באַמערקט, אַז דער וואַקס האָט אָנגענומען אויסטערלישע פאָרמען וועלכע קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אויף פאַרשידענע אופנים:

„אפשר קאָן מען טאַקע דורך אַ קאָמבינאַציע אַזאַ איינטרעפן בלינדערהייט? — טראַכט די טרעפּערקע — אפשר זיינען טאַקע אויף אַן אמת די אויסטערלישע פאָרמען און פיגורן פון דעם צעגאָסענעם וואַקס סימנים פון איינעמס צוקונפט?... צי איז דען נישט איטלעכנס צוקונפט צוגעגליכן צו רויער מאַטעריע וואָס מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן וואָס פאַר אַ סאָרט צורה זי וועט עס געשטאַלטיקן?"

ווערא האָט געוואוסט, אַז אייניקע מענטשן ווענדן אָן אַ זאַבאַבאַנע פון בליי־גיסן ווען אַ קינד דערשרעקט זיך. דהיינו, מען גיסט צעלאָזטן בליי אין אַ טעפּל וואַסער. נאָכדעם ווערט דער צעלאָזטער בליי געוויינלעך פאַרוואַנדלט אין אויסטערלישע פיגורקעלעך וואָס זעען צוטיילמאָל אויס ווי הינט, קעץ, פערד צי סתם עפּעס אַ לאַפּיטוט אָדער אַ נישטריינעס. איז פון די דאָזיקע פיגורקעס האָט מען נאָכדעם אַן אָנונג פון וואָס דאָס קינד זאָל זיך האָבן דערשראָקן...

אַזוי אַרום איז עס נולד געוואָרן, אַז אונזער טרעפּערקע, ווערא גראַציאַנאַ, זאָל עס ווערן אַ וואַקס־גיסערין.

דער צערעמאָניאַל פון ווערא'ס וואַקס־גיסן באַשטייט דערין וואָס זי פאַרלאַנגט פון אירע קליענטן אַ האָר פון קאָפּ. אויף דער האָר גיסט זי דעם צעלאָזענעם וואַקס אין אַ טעפּל מיט וואַסער און בשעת מעשה פאַרגלייזט זי אירע אוואַלע שוואַרצע אויגן צום הימל. זי שטייט פאַר אייניקע סעקונדן אומבאַוועגלעך, ווי גלייך זי וואָלט איבערגעגאַנגען אין אַ טראַנס אָדער אין אַ טיפער מעדיטאַציע.

אַזוי איר חדר־המיוחד, וואו זי וואַראַזשעט, ווי אויך איר קליידונג און איר האַלטונג מאַכן אַ מיסטישן איינדרוק. דער עיקר וואַרפן זיך אין די אויגן די איקאָנעס פון יעזוס'ן מיט מאַריאַ'ן און פון די אַפּאָסטאָלן. דעם וואַקס צעלאָזט זי לעבן אַ נר־תמיד'יקן לעמפּל וואָס צאַנקט אין ווינקל פון צימער. דאָס צאַנקענדיקע לעמפּל וואַרפט מיט שאָטנס אויף די ווענט וואָס זעען אויס צו זיין גייסט־געשטאַלטן. ווערא'ס לאַנגע שוואַרצע האָר

זיינען צעפלאָסן אויף אירע ברייטע אַקסל. צו איר ברוינער קאָמפּלעקציע פּאַסט זיך זייער גוט איר שוואַרצע זיידן קלייד. אויפ׳ן קאָפּ טראָגט זי אַ שוואַרץ היטעלע אויף וועלכן עס זעט זיך בולט אָן אַ פיגורקע פון אַ ווייס מלאכל מיט צעשפּרייטע פליגלעך. עס גיט דעם איינדרוק, ווי גלייך אַ מלאכל וואָלט געשוועבט איבער איר קאָפּ. איר רונדיקע פיגור וואָלט זיך ווי פאַרלאָרן אין איר פאַרעמלאָזן קלייד וועלכעס הענגט צעשוואומען אויף איר קערפּער, ווען נישט אירע ברוסטן וועלכע זעען זיך גאַנץ פּראָמינענט אָן.

אין קאָרידאָר זיצן איינצלנע פאַרשוינען און פאַרלעך לייענענדיק אילוסטרירטע זשורנאַלן און זיי וואַרטען געדולדיק אויף זייער נעקסט, פּונקט ווי פּאַציענטן וואַרטן אויף זייער ריי ביי אַ דאָקטאָר. נאָר אויב ביי די דאָקטוירים קומען געוויינלעך אַרויס די פּאַציענטן, נאָך זייער וויזיט ביים רופא, מיט זויערע מינעס, איז עס דאָ נישט חל. די וואָקס־גיסערין זשאַלעוועט נישט קיין גוטע נביאות פאַר אירע קליענטן. מענטשן וועלכע גייען אַריין אין איר צימער דערשראָקענע און פאַרביטערטע קומען נאָכדעם אַרויס געטרייסטע און מונטערע.

▼

מאָריס האָט געדולדיק (און אפשר נישט אַזוי שטאַרק געדולדיק) געוואַרט אויף זיין נעקסט. ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט. קוים האָט מאָריס געעפנט די טיר האָט ער פאַר זיינע אויגן דערזען אַ צעשטראַלט שוואַרצחנעוודיק מאָנגאָליש געזיכט מיט שיינע פלאָם פייערדיקע אָוואַלע אויגן. מאָריס האָט אין איר תיכף דערקאָנט דעם אונגאַריש־ציגיינערשן אָפּשטאָם. איר שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער איר פול פּנים און עס איז געווען געגנוג אַז מאָריס׳עס בליקן זאָלן זיך באַגעגענען מיט דער טרעפערקעס ליידנשאַפטלעכע בליקן פּנים־אל־פּנים, אַז מאָריס זאָל פילן, דאָס ער איז אַ געפאַנגענער און אַ באַזיגטער; אַז די טרעפערקע באַהערשט אים פולשטענדיק און אַז זי זעט אים דורך און דורך...

„קען איך האָבן אַ האָר פון אייער קאָפּ" — האָט אים די טרעפערקע העפלעך געפרעגט.

מאָריס איז געווען אין אַ פאַרצווייפלטן מצב, ווי איינער רעדט: „צו וואָס אַזאַ מין משוגעת?" סיי ווי סיי גלויבט ער נישט אין די פּוסטע נבואות׳ן און זאַבאַבאָנעס!...

די טרעפערקע האָט געמוזט אָנען מאָריס׳עס פאַרלעגנהייט:

„אייער האָר איז מיר דערפאַר וויכטיק, ווייל בלויז אַ זאַך וואָס איז אַ פיזישער באַשטאַנדטייל פון אייך אינדיווידועל פערזאָניפיצירט דעם וואַקס. בלויז מיט דעם דאָזיקן מעטאַד בין איך אימשטאַנד פאָרויס צו זאָגן איינעמס צוקונפט"...

מען מוז דער טרעפערקע נאָכגעבן, אַז דער דאָזיקער מעטאָד אירער האָט געווירקט. זי האָט געקראָגן אַ שם איבער דער שטאָט און זי איז געוואָרן פּאָפּולער. דער עולם איז פון אירע רייד ווי היפּנאָטיזירט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז דער אייגנאַרטיקער אופן פון דער וואַקס־גיסערין איז אַ מערקווירדיקער.

„איר זענט אַ פאַרהייראַטער" — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זי אָנגעהויבן וואָראַזשען פאַר מאָריס'ן. מאָריס איז אַזוי ווי פאַרשטמעליעט געוואָרן פון דער זיכערקייט אין איר טאָן: „פון וואַנעט ווייסט זי עס?" — קאָן ער זיך נישט געבן גאָר וואונדערן.

אָבער מאָריס איז שנעל געקומען צו זיך מיט'ן געדאַנק, אַז על פּי השכל מוז די טרעפערקע פאַרשטיין, אַז אַ מאַנספּאַרשוין ווי ער איז קומט נישט געוויינלעך צו אַ טרעפערקע ווען ער האָט נישט קיין פאַמיליע פּראָבלעמען. במילא מוז ער זיין אַ פאַרהייראַטער...

„איך בין נישט געקומען צו אייך צוליב מיר" — טענה'ט מאָריס מיט אַ נישט זיכערן טאָן — ווי צוליב דעם, אַז איר זאָלט טרעפן די צוקונפט פאַר מיין ווייב"...

▼

עס האָט נישט גענומען פיל צייט ביז מאָריס איז געקומען מיט זיין ווייב, מיט בעסין צו דער וואַקס־גיסערין. געשען איז עס אויף אַן אומ־שולדיקן אופן. מאָריס האָט גענומען זיין ווייב אויף אַ שפּאַציר און אומגעריכטערהייט האָבן זיי זיך דערזען ביים שילדל פון וועראַ גראַציאַנאַ וועלכע „לעזט איקערע פּראָבלעמען אויפ'ן פּרעציזטן אופן". און אָט איז דער טעקסט פון דער טרעפערקעס נביאות פאַר בעסין:

„דו ביסט אַלע דיינע יאָרן געווען אייפערזיכטיק אויף דיין מאַן. אַצינד ביסטו מער ווי ווען עס איז אייפערזיכטיק, ווייל דיר דאַכט זיך, אַז דיין מאַן איז פאַרליבט בלויז אין איינער... דאָס איז פאַלש!

„דו, מיט דיין מאַן, האָבן אַ גרויסע צוקונפט פאַר זיך. עס איז אמת, אַז אייער פאַמיליע־לעבן איז אין אַ גרויסער סכנה, צוליב געוויסע פּראָב־לעמען. דער עיקר, פינאַנציעלע פּראָבלעמען. אויב איר וועט איבער־קומען אייער איצטיקן פינאַנציעלן קריזיס, דעמאָלט האָט איר אַלע

שאַנסן צו דערלעבן פיל גליק די רעשט פון אייער עקזיסטענץ. עס איז אין דיינע אייגענע הענט דער אויסוואַל פון אייער גורל וואָס שייך אייער צוקונפט. איך זע פאַר מיינע אויגן אַן עלטערן מאַן וועלכער איז אימשטאַנד אייך אַרויסצוהעלפן אין אייער נויט״...

בעסי האָט נאָכדעם נישט געהאַט גענוג לויב ווערטער פאַר דער טרעפּערקע:

„זי ליזענט אַרויס פונ׳ם צעגאָסענעם וואַקס — לויבט בעטי מיט פיל באַגייסטערונג די טרעפערקע — וואָס עס טוט זיך ביי אייך אויפ׳ן האַרצן, ווי גלייך אייער האַרץ וואָלט געווען פאַר איר אַן אָפן בוך״...

❀

זכרונות

דער געפאַלענער אַקראָבאַט

אין מיין לעבן איז מיר באַשערט געווען צוויי מאָל בייצוזיין ווי מענטשן באַצאָלן מיט זייערע לעבנס פאַר'ן וועלן באַווייזן, אַז זיי קענען אויפטאָן מער ווי אַ דורכשניטלעכער מענטש. איז איידער איך וועל צוטרעטן צום עיקר־המעשה פונ'ם געפאַלענעם אַקראָבאַט קען איך נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט און נישט דערציילן ווי מיינס אַ יוגנט חבר אין אַ פאַרמעסט פון קלענערן מאַסשטאַב ווי אַן אַקראָבאַט, באַצאָלט מיט זיין לעבן פאַר'ן וועלן באַווייזן וואָס פאַר אַ בריה, אַן אויפטוער, ער איז.

מיין חבר, נחמיה ראָזנבערג, אַזוי האָט ער געהייסן, האָט געקענט גוט שפּילן שאַך און פוטבאָל (פילקע־שפּיל). איך פלעג מיט אים אָפט שפּילן ביידע „געימס" און איך מוז מודה זיין, אַז אין ביידע האָט מיך נחמיה מער־מאָל באַזיגט. חוץ דעם פלעג זיך נחמיה אַלעמאָל אויסצייי־כענען אין אַנדערע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, ווי אַ שטייגער אין וואַרפן אַ שטיין אין דער הויך צום הימל און אין סתם שפּרינגען און הויבן. ער האָט געהאַט אַן אַטלעטישע פיגור און דאָס האָט נאָך צוגעגעבן מער חשיבות צו זיינע פאַרמעסטונגען. אַליין האָט ער פון זיך געהאַלטן אַ וועלט! ער פלעג זיך אַלעמאָל רייצן מיט די יעניקע, וועלכע ער פלעגט באַזיגן, און באַזיגן פלעג ער כמעט איטלעכן. ער האָט זיך אַזוי לאַנג אויפגערימט מיט זיינע נצחונות ביז ער האָט איינמאָל אָנגעטראָפן אויף אַ ריכטיקן חברה־מאַן, אַ יונג מיט קרעפטן, וועלכער וואָלט אימשטאַנד געווען אַוועקצולייגן דריי אַזוינע ווי נחמיה ראָזענבערג איז: אַ חברה־מאַן וואָס האָט געאַרבעט ביי קליין איגנאַנצ'ן אין אייזן געשעפט, און איז געווען געוואוינט צו הויבן שווערע אייזנס. מיט דעם דאָזיקן האָט עס נחמיה זיך גערייצט ווייל יענער האָט ביי אים פאַרלוירן אַ פוטבאָל־געים.

— אַנו, נחמיה, אויב דו ביסט עס יאָ אַזאַ גרויסער העלד, באַווייז וואָס דו קענסט און הויב אויף דעם דאָזיקן שטיק אייזן דריי מאָל אַרויף און אַראָפּ מיט איין האַנט!

— דו קאָנסט זיכער זיין — רייצט זיך נחמיה מיט דעם יעניקן — אַז אויב דו ביסט עס אימשטאַנד צו טאָן קען איך עס אויך באַווייזן!

דער יעניקער האָט אויפגעהויבן אַ שטיק אייזן, אין פאָרם פון אַ דיקער רעלס, דריי מאָל אַרויף און אַראָפּ, מיט אַזאַ גרינגקייט ווי יעקב אבינו האָט אַראָפּגעקייקלט דעם שווערן שטיין פון דעם ברונעם; דאָס שטיק אייזן איז ביי אים געווען ווי אַ קינדער שפּילכל. איצט איז די רייע אויף נחמיה׳ן.

שוין ביים צווייטן מאָל אונטערהייבן דאָס אייזן האָט זיך נחמיה ווי געוואַקלט און ער האָט געוואָרפן דאָס אייזן צו דער ערד און האָט זיך אַליין אויך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד.

צו מאַכן אַ לאַנגע געשיכטע קורץ: נחמיה איז געווען אַ בן־יחיד ביי זיינע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען אין אַמעריקע און ער האָט אים און זיינע צוויי אינגערע שוועסטער געשיקט פאַפּירן צו פאָרן קיין אַמעריקע און פּונקט אין דער וואָך וועמען ער וואָלט געווען געדאַרפט עמיגרירן, איז געווען זיין לויה... נחמיה האָט נאָך זיין עקסידענט אָפּגעקרענקט פאַר איניקע מאָנאַטן און ער איז שוין מער נישט אימשטאַנד געווען צו קומען צו זיך.

איצט וועגן געפאַלענעם אַקראָבאַט:

איינע פון די מערקווירדיקסטע זכרונות וואָס האָט זיך מיר איינ־געקריצט אין זכּרון אין שייכות מיט מיין שטעטל סיגעט, איז די געשיכטע פון׳ם אַקראָבאַט שטראָהשניידער.

אין באַגינען פון די דרייסיקער יאָרן, ווען דער נאָמען דייטש איז נאָך נישט געווען דער סימבאָל פון אַלעם בייזן, איז אַ שטריק־טענצער, אַן אַקראָבאַט, מיט אַ פיין דייטש קלינגנדיקן נאָמען, הער שטראהשניידער — אָנגעקומען אין דעם שטעטל אַריין.

אין גרויסן פּלאַץ (די הויפּט־גאַס, אגב, די ברייטסטע גאַס פון׳ם שטעטל), האָט מען געצויגן אַ שטריק איבער די דעכער פון צוויי אַקעגנ־איבערדיקע הויכע געביידעס און איבער דעם דאָזיקן שטריק וועט עס דער אַקראָבאַט, הער שטראָהשניידער, נישט נאָר סתם שפּאַצירן אַהין און צוריק, נאָר ער וועט נאָך באַווייזן פאַרשיידענע אַקראָבאַטישע שטיק, ווי טאַנצן אַ וואַלץ, אַ סלאָ־פאָקס און אַ טאַנגאָ, ווי אויך אַנדערע אויס־טערלישע קונצן וועט ער באַווייזן דער הער שטראָהשניידער. ער וועט פאָרן מיט אַ ביציקלעט איבערן שטריק אַהין און צוריק, ווי אויך אַ מענטש וועט ער מיט זיך אַריבערפירן, איינמאָל אויף די פּלייצעס און דאָס צווייטע מאָל אין אַ טאַטשקע. אַ יש אומרים ווילן האָבן, אַז ער וועט אפילו מיט

זיך מיטברעגנגען אַ טישל און אַ בענקל און ער וועט זיך אַוועקזעצן אויפ׳ן שטריק און פּראַווען אַ סעודה.

עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס אַן אַקראָבאַט פון אַזאַ קאַליבער ווי דער הער שטראָהשניידער איז, זאָל זיך באַווייזן אין שטעטל און דעריבער איז עס געווען אַ גרויסע סענסאַציע און קינד און קייט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אָנצוקוקן דעם גרויסן וואונדער וואָס אַן איינפאַכער בשר ודם איז עס אימשטאַנד צו באַווייזן: קריכן איבער אַ שטריק און נישט געשטרויכלט צו ווערן!

אפילו אידן חסידים, מיט לאַנגע בערד און פיאות און ברייטע סאַמעטענע היטן מיט זיידענע זשופּיצעס, וועלכע גייען געוויינליך קיינמאָל נישט צו קיין שום ספּעקטאַקלען, זיינען איצט געקומען זיך צוקוקן צום גרויסן אויפטו. זיי האָבן זיך בלויז אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט אָפּגעזונדערט פונ׳ם איבעריקן עולם.

איך הער ווי איינער אַ איד, אַ חסיד, זאָגט צום צווייטן:

— דער רבי, זאָל לעבן, האָט געזאָגט, אַז מען זאָל זיך צוקוקן צום שטריק־גייער און מען זאָל זיך פון אים אָפּלערנען אַ מוסר־השכל אין עבודת־הבורא: ווען דער שטריק־גייער זאָל זיך נישט קאָנצענטרירן מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידין אין זיין „עבודה" און ער זאָל אָנשטאָט אינזינען האָבן בלויז דעם „שכר" וואָס ער וועט באַקומען פאַר זיין מי — וואָלט ער זיכער געשטרויכלט געוואָרן און ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון זיין מדרגה...

— עס וועט בלויז זיין אַן אויגן פאַרבלענדעניש — זאָגט איין אידענע צו אַ צווייטער. די אידענע איז אַ צעיורענע מיט אַ לאַנגער יופּע, מיט אַ טיכל איבערן־קאָפּ. זי האַלט אַ קונדס, מיט לאַנגע דיקע פיאות, וועלכער וויל זיך נאָר אַוועקרייסן פון איר — עס איז אומגלויבלעך, אַז אַ פּראָסטער בשר־ודם זאָל קענען קריכן איבער אַ שטריק פון איין זייט גאַס צו דער צווייטער און ער זאָל נישט אַרונטערפאַלן!...

— און איך זאָג דיר, אַז איך קען זיך מיט דיר אין סיי וואָס וועטן אין דער וועלט — זאָגט אַ צווייטע אידענע אויך מיט אַ שאַל איבער די פּלייצעס אין וועלכער זי האַלט איבערגעדעקט אַ קליין עופה׳לע. — איך בין ביי זיך זיכער, אַז טאָמער וועט דער הער שטראָהשיינער וואַגן צו קריכן איבערן שטריק וועט ער אוודאי אַרונטערפאַלן!...

— בייס זיך אָפּ די ליפּן, נישט די שעה זאָל זיין! הערט מען אַ קול

צווישן פובליקום, נישט זעענדיק ווער עס האָט עס געזאָגט.

און אַט דערשיינט דער הער שטראַהשניידער, אָנגעטאָן ווי אַ באַלעט־טענצער מיט ווייכע שטעקשיך און עלאַסטישע לאַנגע פּאַסנדע הויזן. ער טאַנצט אַ טאַנגאָ אויפ׳ן שטריק צום טאַקט פון דער מוזיק. ער טאַנצט מיט אַזאַ לייכטקייט און עלאַסטישקייט, אַז פיל מענטשן וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן, אַז זיי זאָלן אַזוי קענען טאַנצן אויף דער ערד.

דער עולם איז פאַרגאַפט צו זען ווי ער שפּאַנט עס אַזוי מאַעסטעטיש אויפ׳ן שטריק מיט׳ן באַלאַנסיער אין דער האַנט ווי גלייך גאַרנישט, ווי גלייך נישט אים מיינט מען עס!... מען זעט באַשיינפּערלעך, אַז דאָס וואָס מען האָט זיך אפשר נישט געגלויבט איז דאָך אַווירקלעכקייט און אַז עס איז מעגלעך!...

אינמיטן טאַנצן פאַלט פלוצים דער הער שטראַהשיינדער אויפ׳ן שטריק. דער עולם ציטערט אויף און איטלעכער, ווי איין מענטש, האָט אויסגעשריגן: יאוי!

נאָר האָט קיין מורא נישט! עס איז בלויז איינער פונ׳ם הער שטראַה־שניידערס טריקס; איינער פון זיינע אומצאָליקע אַקראָבאַטישע שטוקעס.

און איך זאָג נאָך אַלץ, אַז עס איז אַן אויגן פאַרבלענדעניש — טענה׳ט די אידענע מיט׳ן שלאָפנדיקן קינד אויף די הענט — וואָלט עס אמת געווען וואָלט ער זיכער אַרונטערגעפאַלן!...

אייניקע פון דעם אַקראָבאַט׳ס באַדינער גייען אַרום מיט פושקעס און קאַסירן איין מטבעות אַלס געצאָלט פאַר׳ן ספּעקטאַקל. אייניקע צאָלן פרייוויליק, אַנדערע דינגען זיך און ווילן לגמרי נישט צאָלן, זיי האָבן אַ רעכט צו שטיין אויף דער גאַס!...

נאָר אַזוי ווי דער עולם דערזעט דעם הער שטראַהשניידער מיט אַ צווייטן מענטש אויף זיינע פּלייצעס און ער וואַקלט זיך אויפן שטריק, ווי אַט־אַט, און ביידע וועלן אַרונטערפאַלן, פילט איטלעכער ווי גלייך זייערע אייגענע לעבנס הענגען אויף אַ האָר, דינגט מען זיך ווייניקער און מען וואַרפט אַריין דעם לעצטן גראָשן אין דער פושקע אַריין.

און אַט זעט מען באַשיינפערלעך, אַז דער הער שטראַהשניידער קומט טאַקע פּראָווען אַ װעטשערע אויפ׳ן שטריק. ער קומט מיט אַ טיש אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ בענקל אין דער האַנט און זיינע בוזימעס זענען אָנגעלאָדן מיט פלעשלעך, עסנוואַרג און כלים. דער אַקראָבאַט באַוועגט זיך גאַנץ פּאַוואָליע. צום ערשטן נעמט ער אַרונטער דעם טיש פונ׳ם קאָפּ

און לייגט אים פּאַוואָליע אַוועק אויפ׳ן שטריק. נאָכדעם נעמט ער דאָס בענקל און ער אַראַנזשירט עס אַהינטער זיך און לאַנגזאַם פּרובירט ער זיך אַוועקזעצן דערויף. און אָט דאָ איז עס געשען; די פּלאַנקעס פונ׳ם בענקל האָבן זיך אונטערגעבראָכן אונטער דער שווערער משא פונ׳ם מיטל־יעריקן אַקראָבאַט און ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן זיין גלייכ־געוויכט, צום ערשט איז געפאַלן דער טיש נאָכדעם דאָס בענקל. דער אַקראָבאַט האָט נאָך איספּעיעט צו כאַפּן זיך מיט איין האַנט אינם שטריק, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט האַלטן און ער איז אַרונטערגעפאַלן!

— אייניקע האָבן געדענקט, אַז עס איז נאָר אַ טריק פונ׳ם הער שטראָה־שניידער, אָבער ליידער איז עס געווען זיין לעצטער טריק...

היינט, צוריקקלערנדיק איבער אַ זאַך וואָס האָט פּאַסירט ווען איך בין נאָך געווען אַ חדר־אינגל, קען איך נישט פאַרגעסן די פאָלגנדע צוויי באַמערקונגען אין שייכות מיט׳ן געפאַלענעם אַקראָבאַט. די ערשטע באַמערקונג איז פון אַ אידענע:

— איך בין ביי זיך געווען זיכער די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי ער קריכט אויפ׳ן שטריק, אַז ער וועט מוזן אַרונטער־פאַלן!...

די צווייטע באַמערקונג איז פון איינעם פון די חסידים, וואָס דער רבי, זאָל לעבן, האָט געהייסן זיך צוקוקן צום שטריק־גייער און זיך אָפּלערנען אַ מוסר השכל:

— כאָטש מען קען אפשר נישט חושד זיין דעם שטריק־גייער אַז ער זאָל געווען האָבן געהאַט מחשבות זרות בשעת זיין „עבודה“ — דאָך איז ער געשטרויכלט געוואָרן!...

מיין אייגענער מוסר השכל איז אָט וואָס: אויב איינער וויל זיך דווקא באַווייזן, אַז ער איז בכוח אויפצוטאָן מער ווי אַ געוויינלעכער בשר־ודם — מוז ער ריזיקירן זיין נפש!...

❀

אַ משוגענע חתונה

אַ סענסאַציע אין שטעטל סיגעט:

עטיע די יתומה און סרוליק דער משוגענער גייען חתונה האָבן!...

— גיי שוין, גיי, משוגע מיינע שונאים — טענה'ן די אידענעס, וועלכע מען דערציילט די אויסטערלישע נייעס — האָסט נישט געטראָפן עמיצן אַנדערש פון וועמען חוזק צו מאַכן?!

— כ'לעבן, אַזאַ יאָר אויף אונז בידן, ווי עס איז נישט אויסגעטראַכט, נאָר זיי גייען טאַקע אויף אַן אמת חתונה האָבן! — אַזוי פאַרענטפערן זיך די צווייטע סאָרט ווייבער, וועלכע האָבן זיך אַליין נאָר וואָס נישט געגלויבט, אַז דאָס וואָס זיי דערציילן איצט איז טאַקע אמת.

דאָס שטעטל גייט כאַדאָראַם, איבערהויפּט אין דער צווייטער העלפט פון שטעטל, אין „אויבעריאַריש", אין דער מחזיקי־תורה שוהל, איז די סענסאַציע צום גרעסטן. אין „אויבעריאַריש" איז עטיע אויפגעוואַקסן און אויסגעהאָדעוועט געוואָרן פון קינדוויז אָן און קינד און קייט קענען עטיען ווי זיי קענען זיך אַליין. און טאַקע ר' משה פּאָפּאָוויטש, בכבודו ובעצמו, איינער פון די אָנגעזעעענסטע באַלעבאַטים פון דער מחזיקי תורה שוהל, וועט זיין דער סאַמע גלאַוונער מחותן, ער און זיין ווייב לאה, וועלן זיין די אונטערפירערס און זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו דעקן די גאַנצע חתונה הוצאות, פון זייער אייגענער קעשענע.

וואָס שייך סרוליקן, ווער אין שטאָט ווייסט נישט ווער סרוליק דער משוגענער איז?!...

— אַזאַ יאָר, ווי עס איז אַ פּאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר! — אַזוי ווילצלט מען זיך אויף סרוליקן און עטיעס חשבון.

שבת, ביים לייענען, האָט מעכל, דער שמש פון דער מחזיקי תורה שוהל, געמוזט האַלטן אין איין קלאַפּן אין שטענדער, אַז דער עולם זאָל זיך באַרואיקן און אויסהערן חיים בעל־קורא'ס לייענען. — אָבער ס'איז אַ נעכטיקער טאָג. מעכל מעג כאָטש צעזעצט און צעשפּרונגען ווערן שרייענדיק און קאָמאַנדעוועדיק מיט זיין טענאָר שטימע: „שאַ, שטיל זאָל זיין! ווער ס'וויל נישט אויסהערן ס'לייענען זאָל אַרויסגיין אין דרויסן אַרויס שמועסן!" כאָטש שריי „חי־וקים" — די סענסאַציע איז פיל

שטאַרקער פון מעכל׳ס טענאָר מיט זיין קאָמאַנדע צוזאַמען.

ווער זשע זיינען זיי עס טאַקע, סרוליק דער משוגענער און עטיע די יתומה?

סרוליק איז פונקט אַזאַ יתום ווי עטיע איז אַ משוגענע און עטיע איז פונקט אַזאַ משוגענע ווי סרוליק איז אַ יתום. אַז מען שמועסט אַ פּאָר, איז שוין גאָר נישט שייך! נאָר דער איינציקער חילוק צווישןביידע איז דער: עטיע שרייט געוואַלד, אַז זי וויל חתונה האָבן! אַלץ הייסט חתונה האָבן! זי סטראַשעט דעם גאַנצן „אויבערוואַריש״, אַז טאָמער מען וועט איר נישט טרעפן אַ חתן — זאָל זיין סיי ווער, נאָר אַבי אַ חתן! — דעמאָלט וועט זי זיך אַ מעשה אָנטאָן... סרוליק, ווידער שרייט געוואַלד, אַז מען זאָל אים צורו לאָזן, ער וויל בכלל נישט חתונה האָבן און אַז ער ווייסט בכלל נישט צו וואָס ער ברויך אַ ווייב...

גענוי פונוואַנען עטיע שטאַמט ווייסט מען נישט. מען רעדט אין שטעטל, אַז זי שטאַמט פון קעבילצע, אַ דערפל ווי אַ טל־ומטר די גרויס, אַן ערך פון פינף קילאָמעטער אַרויס פון סיגעטער שטעטל. זי איז געווען אַ בת יחידה ביי אירע עלטערן, וועלכע זיינען יונגערהייט אַוועקגעשטאָרבן און זיי האָבן עס איבערגעלאָזט עטיען אויף גאַטס באַראַט, אָן אַ פריינט און אָן אַ גואל. דרייט זיך עטיע אַרום אין „אויבערוואַריש״ און זי העלפט אַרויס די ווייבער רייביקן די הייזער, וואַשן די פּאַדלאָגעס, און וואַשן די שמוציקע וועש און אין אַנדערע שווערע הויז אַרבעטן. דערפאַר גיט מען איר אָפּצועסן און צו אַן אָפּגעטראָגן מלבוש. מיט׳ן שלאָפן האָט זי, עטיע, מערער שוועריקייטן, ווייל מען לאָזט זי נישט גערן דורכנעכטיקן אין אַ הויז, אפילו נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעטאָן אַ טאָג שווערע אַרבעט. וואַלגערט זי זיך אַרום אויף די פּאַדלאָגעס און ווינטער און אויף די שטאַלן בוידעמס אין זומער.

דערציילט מען טאַקע, אַז אויף איינעם אַ שטאַלן־בוידעם איז עס געשען, ווען דריי יונגאַטשעס האָבן זי פאַרגוואַלטיגט. די דריי חברה־לייט האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיי גלאַט אָפּגיין דער עסק און אַז עטיע די יתומה וועט נישט וויסן ווער עס האָט זי געשליירערט, אָבער אַז זי וועט זיך גאָר שעמען צו דערציילן אַזאַ זאַך... דערווייל האָט עטיע, אויף צו להכעיס די דריי פיינע יונגעלייט, באַקומען לשון און זי האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון אלף ביז תיו. די דריי אַטאַקירער האָבן זיך געשעמט צו ווייזן זייער פּנים אויף דער גאַס און איטלעכער האָט אויף

זיי געטייטלט מיט די פינגער: „אָט גייט עס איינער פונ׳ם ׳דרייער׳!״...

סרוליק דער משוגענער, פונקט ווי עטיע, איז אויך נישט פון סיגעט גופא, נאָר אַן „אַהערגעלאָפענער״, ווי דער סיגעטער עולם רופט די פרעמדע אורחי־פורחי. מען שמועסט, אַז סרוליק שטאַמט פון קרעטשיניוו, אויך איינס פון די מאַרמאַרעשער טל־ומטר־דיקע שטעטלעך, און אויך ער, ווי עטיע, איז געבליבן אַ יונגער יתום. ער ווייסט נישט פון קיין שום קרובים צו זאָגן, חוץ פון איינעם: לייזער דער בעטיזער, וועלכער זאָגט זיך אָן אַ פעטער פאַר סרוליקן. לייזער דער בעטיזער האָט אפשר אַביסל מער שכל פון סרוליקן, אָבער אויך ער איז איינער פון די אַהערגעלאָפענע שנאָרערס, אַ בעטיזער, פון בעטיזע, הייסט עס. לייזער און סרוליק זענען אַ „פּאָר״, זיי גייען צוזאַמען אַרום איבער די סיגעטער הייזער בעטלען אַ נדבה אָדער עפּעס אָפּצועסן.

דערציילט מען, אַז וואָס שייך דעם אַלט־באַקאַנטן וויץ, אַז אַ שווער, אַ שנאָרער, האָט זיך מיטגענומען זיין איידעם און אַז מען האָט געגעבן דעם שווער אָפּצועסן זאָל דער שווער האָבן געזאָגט: „איר זענט מחויב צו געבן פאַר מיין איידעם אויך צו עסן, ווייל ער איז ביי מיר אויף קעסט״ — אַז דער דאָזיקער וויץ זאָל ביי לייזער דעם בעטיזער האָבן באַקומען אַ נייעם תיקון. כאָטש סרוליק איז טאַקע נישט געווען לייזערס איידעם פונדעסטוועגן, זאָל זיך לייזער איינמאָל האָבן אַזוי אויסגעדריקט: „סרוליק איז אונטער מיין השגחה און אַן אים עס איך נישט!״...

פּרובירט צו זאָגן פאַר לייזערן, אַז ער איז אַ בעטיזער און נישט קיין סיגעטער, איז ער להשמיד ולהרוג, ער שרייט געוואַלד, אַז ער איז אַ סיגעטער מלידה ומבטן, אַ סאַמאַראָדנער סיגעטער, הייסט עס. אָבער איטלעכער ווייסט, אַז ער האָט אַלע יאָרן געוואוינט אין בעטיזע און צי׳ עס געפעלט אים יאָ צי נישט, רופט מען אים דווקא: לייזער בעטיזער!

סרוליק און עטיע האָבן זייער פיל געמיינזאַמעס צווישן זיך, זיי זיינען ביידע יתומים און זיי געהערן ביידע צו דער קאַטעגאָריע פון די שטאָט משוגעים ווי אַ שטייגער יעניקע, אַ שוואַרצער יונגערמאַן מיט אַ קייזער־בערדל, אַ בילד־שיינהייט פון אַ מאַנספּאַרשוין, אַ קראַסאַוועץ ממש, וועלכער זאָגט, אַז זיין נאָמען איז „הורו בן אזורו״; שמוקלער — וועלכער רופט זיך דאָקטאָר שמוקלער, טאַקע אַ געוועזענער דאָקטאָר (אַזוי שמועסט מען) און וועלכער רעדט בלויז הויך־דייטש; מאיר חצי־נזק — אַ איד מיט אַ האַלבער נאָז. יואל דער שטומער — אַ שטומער איד

וועלכער האָט ליב צו טשעפּן מיט הינט און אַז מען גיט אים די ברירה ער זאָל זיך אַליין נעמען אַ נדבה,קלויבט ער זיך דווקא אויס די קלענסטע מטבע... אימע די שטומע — אַ שטומע אידענע, וועלכע וויינט אויף לויות; טשאַרנע־ניעבאַרע — אַ אידענע וועלכע שפּרעכט איטלעכן אָפּ אַן „עין־הרע" און היבש אַנדערע איבער וועלכע עס וואָלט כדאי געווען זיך באַזונדערס אָפּצושטעלן און דערציילן זייערע „חפצות".

אַזוי אויפ'ן בליק איז עטיע נישט קיין מיאוס'ע מויד. וואָלט זי אַן עושר'ס אַ טאָכטער געווען וואָלטן זיך געווען געיאָוועט בעלנים וואָס וואָלטן מיט איר גערן חתונה געהאַט. זי האָט אַ ראָזעווע קיילעכדיק געזיכט מיט שטרוי בלאָנדע האָר און אַ געשניצט פאַרעמדיק נעזל מיט דינע ליפּן. זי זעט אויס צו זיין אַ קרעפּטיקע מויד מיט אַ רונדיקער פיגור און אַ רייפן בוזעם, מיט געזונטע פיס אויף וועלכע זי טענצלט אַביסל אונטערביים גיין.

סרוליק, איז היפוך צו עטיעס בלאָנדן קאָמפּלעקס, איז דווקא אַ ברונעט. ער האָט אַ קליין דאַר געזיכט מיט אַ טונקל שוואַרצער הויט ווי ביי די ציגיינער. — וואָלט ער נישט גערעדט קיין עכטן אידיש, וואָלט מען אים געקענט אפילו פאַרטוישען פאַר אַ ציגיינער. ער איז אַביסל העכער פון מיטעלן געוויקס, ער איז אַ טרוקענער, אַ דאַרער און אַ כמורנער.

אויך זיין פעטער, ליזער בעטיזער, איז אַ טונקל הויטיקער, דערפאַר, אָבער, איז ער אַ דיקלעכער מיט ברייטע פּלייצעס, מיט געזונטע פליישיקע הענט און אַביסל אויסגעקרומטע פיס.

די וויבער, פאַר וועלכע עטיע אַרבעט, האָבן זייער ווייניג נחת פון איר אַרבעט. קוים וואָס זי רירט זיך מיט אירע טענצלדיקע טריט. אָבער דאָס וואָלט נאָך געווען צום דערליידן, מ'שטייגס געזאָגט, וואָס מען קען זיך דערוואַרטן פון איר, פון עטיען? די הויפּט צרה איז דערין, וואָס זי סטראַשעט די וויבער. עס גייט אין איר אַריין אַ מין „דיבוק" און זי הויבט אָן צו רעדן פון פייער און פון וואַסער און זי נעמט זיך וויינען, אַז מען זאָל איר טרעפן אַ חתן...

— אָדער מען וועט מיר געבן אַ חתן, אַז נישט וועל איך אַריינ־שפּרינגען אין ברונעם אַריין!...

די וויבער האָבן נעבעך אַ גוטע אורזאַך מורא צו האָבן, טאָמער וועט עס טאַקע אָנפּאַקן עטיען איר משוגעת און זי וועט טאַקע דעצידירן אַריינצושפּרינגען אין דעם ברונעם, זאָל עס זיין ביי אַ שכן...

ציטערן די ווייבער אימת המות זיך אָנצוהויבן מיט עטיען און זיי זײַנען איר מוחל איר אַרבעט און זיי טרײַבן זי ווי עפּעס אַן אומרײַנס.

דערפאַר אָבער, אַז עס גייט צום יום־טוב פּסח דעמאָלט צאַצקעט מען זיך מיט עטיען ווי מיט עפּעס אַ רעכטן משרת. די ווייבער פון דער ציגײַנער גאַס (דווקא אַ אידישע גאַס) נוצן זי אויס ביז אין ביין אַרײַן. זיי, די ווייבער, פאַרגעסן אירע אַלע סטראַשונקעס און זיי לאָזן עטיען רעדן וויפיל זי וויל. דער עיקר, זי זאָל סקראָבען די פּאָדלאָגעס און די לאָקשן ברעטער. מען גליט מיט איר די איווונס און מען כשר'ט מיט איר די כלים. און כדי איר אונטערצוגעבן מוט, זאָגן מען איר באַדאַי צו, אַז מען וועט איר טרעפן אַ חתן... אַ טייל ווייבער צייגן איר מיטן פינגער אויף עפּעס אַן עלעגאַנטן יונגערמאַן אויף דער גאַס און זיי זאָגן צו איר:

— אַז דו וועסט זיך גוט אויפפירן און אַז דו וועסט מיך פאָלגן וואָס איך וועל דיר הייסן טאָן, וועל איך פּרובירן רעדן מיט „אים", אַז ער זאָל ווערן דײַן חתן!...

וועלכע פון די ווייבער עס טויגן זיך צום בעסטן אויס מיט עטיען, קריגט זי אַלס אַרבעטאָרין פאַר פּסח. קוים אָבער איז דער פּסח פאַריבער איז עטיע אויס מיוחסת און מען וואַרפט זיך מיט איר. מען וויל פון איר וואָס שנעלער פּטור ווערן.

צום בעסטן האָט זיך צו עטיען אויסגעטויגט די יואווידערין, אַ אידענע פון יואוויד (אויך אַ מאַרמאַראָשער שטעטל) קיינער האָט אין אָנפאַנג נישט געוואוסט וואָס עס ציט עס עטיען אַזוי שטאַרק צו דער יואווידערין, אַז סך הכל האָט די יואווידערין קיין איין זון נישט אין הויז... נאָר בלויז מיידלעך. נאָר שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן. זי, די יואווידערין, האָט עס גע'שדכנ'ט סרוליקן פאַר עטיען...

וואָס שייך סרוליקן, אים נוצט קיינער נישט אויס צו גאָרנישט. שוין אויפ'ן ערשטן בליק קען מען זען, אַז ער איז אַ לא־יוצלח. אַ פאַרשוין, וואָס קען פאַר אַ קאַץ קיין עק פאַרבינדן, אַ קוק־מיך־אָן און ריר־מיך־נישט־אָן! אַזוי זומער ווי ווינטער טראָגט ער עפּעס אַ גרינעם אָפּגע־בליאַקעוועטן שפּיציקן הוט, וועלכער איז אַזוי גרויס אויף זײַן קאָפּ, אַז ער פאַלט אַריבער זײַנע אויערן. ער טראָגט שטענדיג אַ שאַל אַרום האַלז און שווערע האָקי הויזן מיט וויקלען אַרום זײַנע פיס, ווי אַ רומענישער סאָלדאַט. אויף זײַן פּנים וועט מען קיינמאָל קיין שמייכל נישט זען. ער טשעפּעט קיינעם נישט און ער דאַנקט גאָט, אַז מען לאָזט אים צורו.

אין היפּוך פון סרוליקן איז זיין פעטער, לייזער בעטיזער, דווקא אַ לוסטיגער דלות. זיין פּנים איז אַלעמאָל פול מיט שמייכלען. ער האָט דווקא האָלד צו טשעפּען די אידישע מיידלעך. ער שטעלט זיך אַוועק אונטער זייערע רוקענס און ער מיאוקעט ווי אַ קאַץ. די מיידלעך טאַנצן אונטער פאַר שרעק און לייזערן טוט עס דווקא אַ גרויסע הנאה און ער לאַכט אין די פויסטן פון גרויס שמחה. ווען קיינער זעט נישט טוט ער אַ רוק זיינע פליישיקע הענט צו עטיעס בוזים...

וואָלט חלילה געגען אַ חלי־רע אין שטעטל וואָלט מען געוועז עטיען און סרוליקן פאַרשלייערט אויפ׳ן בית־עולם (בכדי אָפּצושרייען די גזירה), אויף קהל׳ס חשבון. עס איז שוין געהאַט פאַרגעקומען אַזאַ חתונה מיט יאָרן צוריק (נישט אין מיינע צייטן) ווען עס האָט געהאַט געבושעוועט אַן עפּידעמיע אין שטעטל. דאָס ווייבל וועלכע מען האָט פאַרשלייערט אויפ׳ן בית עולם האָט מען אַלע יאָרן גערופן „קהל׳ס אידענע"...

נאָר אַזוי ווי איצט, אין די דרייסיקער יאָרן, איז, ברוך השם, קיין שום חלי־רע נישט פאַראַן אין שטעטל איז דעריבער קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז מען זאָל טאַקע אויף אַן אמת עטיען פאַר׳קנס׳ענען, חוץ פאַר איינער, דער יואווידערין, וועלכע האָט אונטערגעטראָגן דעם שדוך. זי האָט זיך געשטעלט אין דער לענג און אין דער ברייט, רק מען זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל זי חתונה מאַכן.

די יואווידערין האָט פאַר פּסח געגאַרט צו זיך עטיען זי זאָל ביי איר אַרבעטן און זי האָט עס עטיען אָנגעוויזן אויף סרוליקן:

— אַז דו וועסט זיין אַ וואוילע מויד, און אַז דו וועסט טאָן אַלץ וואָס איך וועל דיר הייסן, דעמאָלט וועל איך רעדן מיט סרוליקן, אַז ער זאָל זיין דיין חתן!...

זייט דעמאָלט האָט זיך עטיע אָנגעהויבן איינצורעדן, אַז סרוליק איז איר חתן. אים, סרוליקן האָט איטלעכער געפרעגט, וואָס עס מאַכט זיין כלה, זיין עטיע, אַזוי אַרום איז סרוליק געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אַ חתן און אַז עטיע איז זיין כלה...

— סרוליק — חוזק׳ן פון אים די יונגע צוציקעס — דו וועסט אין קורצן חתונה האָבן און דו וועסט האָבן אַן אייגענע ווייב מיט אַן אייגענער היים, דו וועסט זיך אַזש מחיה זיין!...

— אַז מען האָט חתונה גיט מען געגוג צו עסן? — פרעגט סרוליק די חברה־לייט גאַנץ ערנסט.

— נו, אודאי — טענה'ן צו אים די יונגע לצים — צי מען גיט געגנוג צו עסן? מען וועט דיר געבן אַ גאָלדענע יויך, אַן אויסגעפּרעגעלטע יונגע הון מיט פרישע בולקעס. וועסט קענען פּאַקן, אויף ביידע באַקן, אויף וואָס די וועלט שטייט!...

— טאַקע?! — פרעגט סרוליק אַ שטאַרק פאַרוואונדערטער, ווי אַ שטייגער באַנטשע שוויג — איז עס טאַקע אמת?

און אַז מען זאָגט אים צו, אַז מען וועט אים געבן גוט אָפּצועסן, איז ער מסכים — זאָל באַדאַי זיין אַ חתונה, כאָטש ער האָט נישט קיין חשק דערצו, נאָר אַבי עסן צו דער זעט!

די ווייבער פון דער ציגיינער גאַס האָבן אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך, אַז מען קען שוין מער נישט אויסהאַלטן פון עטיען און מען מוז זי פאַר'קנס'ענען צו סרוליקן. חוץ דעם וואָס עס איז סתם אַ צער בעלי חיים, קען זי זיך סתם אַ מעשה אָנטאָן. מען מוז זי חתונה מאַכן איינמאָל פאַר אַלעמאָל!

איז ווער וועט עס צוזאַמענשטעלן די חתונה, ווער וועט דעקן די הוצאות, ווער וועלן עס זיין די אונטערפירערס און וואו וועט דאָס פאַר־פאָלק וואוינען נאָך דער חתונה?

דאָ איז די יואוידערין אַרויסגעקומען מיטן געדאַנק, אַז זי וועט זיך דורכשמועסן מיט די פּאָפּאָוויטשעס.

משה און לאה פּאָפּאָוויטש זיינען אַ קינדערלאָז פאַרפאָלק. זיי זיינען באַקאַנט אין שטאָט, אַז זיי זאָגן קיינמאָל נישט אָפּ צו טאָן אַ איד אַ טובה; עס איז ביי זיי אַן אָפענע טיר, וואו אַן אָרעמאַן קען אַלעמאָל אָפּעסן צו דער זעט און באַקומט נאָך דערצו אַ נדבה מיט אַ ברייטער האַנט. די יואוידערין איז ביי זיך זיכער, אַז די פּאָפּאָוויטשעס וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון אַזאַ מצוה, ווי הכנסת כלה.

די יואוידערין האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט. זי האָט אַזוי לאַנג איינגע'טענה'ט מיט די פּאָפּאָוויטשעס, דער עיקר מיט לאה'קע פּאָפּאָוויטש, ביז זיי האָבן מסכים געווען.

איז ווער עס האָט נישט געזען עטיען, אין איר ווייסן זיידענעם כלה קלייד, און ווער עס האָט נישט געזען איר געזיכט, ווי זי האָט עס געשיינט פאַר שמחה, אין טאָג פון איר חתונה — דער האָט קיינמאָל נישט געזען ווי די שכינה רוט אויף אַ כלה'ס געזיכט... מען קען זיך ממש נישט פאָר־שטעלן קיין גליקלעכערע כלה אויף דער וועלט! אויך דער חתן, סרוליק,

האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. ער איז געווען אויסגעצוואָגן, ער האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן קראַוואַט און אַ פּאַסנדיקן הוט מיט אַ נייעם שווארצן אָנצוג. דאָס ערשט מאָל אין לעבן האָבן עס אים מענטשן געזען אָנגעטאָן מיט לייטן גלייך, אָן אַ הוט איבער די אויערן, אָן אַ שאַל איבערן האַלז און אָן וויקלען אַרום זיינע פיס.

קיין חתונה־בריוולעך האָבן די פּאָפּאָוויטשעס נישט אַרויסגעשיקט איינצולאַדענען אַן עולם צו דער חתונה, אָבער קיין מענטשן האָבן נישט געפעלט. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אורחי פורחי, וועלכע האָבן זיך געפילט אַלס די גלאַוונע מחותנים ביי דער חתונה. איבערהויפּט ווייסנדיק, אַז די פּאָפּאָוויטשעס פראַווען די חתונה, האָט איטלעכער אָרעמאַן געוואוסט, אַז עס איז די בעסטע געלעגנהייט צו עסן אַ בעסערן ביסן...

עס האָט זיך שטאַרק אָנגעזען טשאַרע־ניעבאַרע, וועלכע איז געקומען צו לויפן און אָפּגעשפּראָכן אַן עין הרע פאַר עטיען און סרוליקן; אימע די שטומע, וועלכע האָט געוויזן, אַז זי קען נישט נאָר וויינען אויף די לוויות, נאָר אַז מען וויל, קען זי דווקא טאַנצן אויך; דניאל דער מיניסטער, אַ איד וואָס טענה׳ט, אַז טאָמער וואָלט ער געווען מיניסטער וואָלט ער איבערגעאַנדערשט די גאַנצע וועלט; יצחק מיטן בינדל, אַ איד וואָס טראָגט אַ קראַוואַט, סיי ער האָט אַ העמד און סיי נישט; שרייבער דער מגיד — אַ איד וואָס האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן און ווען ער איז בגילופין פראַוועט ער מגידות אין מיטן דער גאַס. אָבער דער סאַמע גלאַוונע מחותן איז געווען סרוליקס פעטער — לייזער דער בעטיזער!

נאָך דער חופּה האָט מען אויסגערופן דרשה געשאַנק. איז ווער עס האָט צוגעזאָגט אַ טיש אָדער אַ בענקל פאַר׳ן פאַרפאָלק. אין משך פון איניקע מינוטן איז דאָס פאַרפאָלק אויסגעשטאַט געווען מיט איינריכטונג. די יואווידערין האָט צוגעזאָגט פרייע וואוינונג אין איינע פון אירע ליידיקע חורבה׳דיקע צימערן, פאַר אַ יאָר צייט.

אַ כאַליאַסטרע קליינוואַרג, האָט דאָס פאַרפאָלק באַגלייט ביז דער ציגיינער גאַס, ביז צו דער יואווידערינס הויז.

— — — — — — — — — — — — —

מען האָט דערוואַרט, אַז נאָך דער חתונה זאָל עטיע זיין אַ גליקלעכע פרוי. אָבער מען האָט געקענט דערקענען אויף איר ,אַז זי איז שוין גאָרנישט גליקלעך.

— ווען כ'וואָלט געוואוסט אַז סרוליק איז נאָר דער נאָמען פון אַ מאַן.. — טענה'ט זי צו דער יואוידערין — דעמאָלט וואָלט איך מיט אים קיינמאָל נישט געווען חתונה געהאַט...

עס איז נישט פאַריבער אַ יאָר און עטיע האָט געבוירן אַ קינד, אַ מיידעלע. איטלעכער, אין „אויבעריאַריש" האָט געוואוסט, אַז נישט סרוליק איז דער אמת'ער טאַטע פונ'ם קינד — נאָר לייזער בעטיזער!...

אַ „רעוואָלט״ אין סיגעט

איינע פון די גרעסטע צרות מיט וועלכע דאָס שטעטל סיגעט האָט זיך געראַנגלט אַלע יאָרן, איז געווען די „גאַבעללאַ״, אַ נאָמען אַזאַ פאַר קהל׳ס טאַקסע. די „טובים״ האָבן געהאַלטן אין איין העכערן די טאַקסע און כאָטש שריי חי־וקים, כאָטש פּראָטעסטיר און דעמאָנסטריר וויפיל דו ווילסט, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. דאָס שעכטן איז וואָס אַמאָל אַלץ טייערער געוואָרן און דערמיט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, זיינען די פּרייזען פון כשר׳ן פליש כסדר געשטיגן.

ווען די סיגעטער אידן זיינען נישט אַזוינע גרויסע קבצנים און ווען דער אָרימער מיטל־קלאַס (וועלכער האָט אגב אויסגעמאַכט ביינציק פּראָצענט פון דער צוועלף טויזענטיקער אידישער באַפעלקערונג) זאָל האָבן געקענט זיך דערלויבן צו עסן מערער פלייש, וואָלטן אפשר די „קהלס־לייט״ נישט געהויבן די טאַקסע, ווייל די הכנסה פון פאַרקויף פון פלייש וואָלט אפשר געקלעקט צו דעקן די הוצאות פון די סיגעטער כלי־קודש. זיינען אָבער די סיגעטער אידן געווען גרויסע אָרימעלייט און אַ פיצל פלייש האָט מען זיך נישט פאַרגינען צו עסן משבת לשבת (אָנשטאָט פלייש האָט מען אַ גאַנצע וואָך געגעסן מאַמעליגע מיט פאַסאָליעס). זיינען די הצטרכות׳ן פון דער קהילה כסדר געוואַקסן איז עס אויסגעגאַנגען צום אָרעמאַנס קאָפּ, ווייל ווער נאָך ווי דער אָרעמאַן פילט עס דעם עול פון אַ הויכער טאַקסע?! שמועסן טאַקע די מיטל־קלאַס אידן צווישן זיך:

— מען קאָן זיך שוין אויפסניי איינציען דעם פּאַסיק, ווייל די „גאַבעללאַ״ איז שוין נאָכאַמאָל געהעכערט געוואָרן.

— עס איז שוין באַלד נישטאָ וואָס איינצוציען!...

— מען וועט שוין היינט־מאָרגן נישט אימשטאַנד זיין צו עסן אַ שטיקל פלייש אַפילו בלויז לכבוד־שבת.

— פאַרוואָס טוט איר אויך נישט דאָס וואָס איך טו? כאַפּט זיך אַריבער קיין טשאַרדע (אַ דאָרף לעבן שטעטל) און קויפט דאָרטן פלייש וויפיל איר ווילט, פאַר האַלב פּרייז!

— ער איז גערעכט, אַזאַ יאָר אויף אונז!...

— אויך איך טו דאָס זעלבע, וואָס, איך מוז דווקא אָנשטאָפּן די

סיגעטער „כלי קודש״? מען האָט זיי שוין אויפסניי געהעכערט דאָס געהאַלט!

— אָבער, וואָס טוט מען מיט'ן איסור?

— איסור, שמיסור! וואָס איז, דער טשאַרדער שוחט איז נישט אַזאַ פרומער און אָפּגעהיטענער איד ווי די סיגעטער שוחטים זיינען?!

אַזוינע און ענלעכע שמועסן הערט מען אויף שריט און טריט, סיי אין די שוהלן און אין די בתי־מדרשים און סיי אויף דער גאַס, וואו עס קומען זיך נאָר צוזאַמען עטלעכע אידן. אויך די אידענעס אויפ'ן מאַרק נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דאָזיקע דיסקוסיעס, ווייל ווער נאָך ווי זיי פילן עס דעם טעם פון נישט האָבן וואָס אָפּצוקאָכן פאַר'ן הויז־געזינט?

פון דעם אויבן דערמאָנטן שמועס קאָן מען זיך שוין אַליין מערקן, אַז אידן וועלכע ווילן דווקא עסן כשר פלייש (וועלכע סיגעטער אידן ווילן דען נישט עסן קיין כשר פלייש?!) זיינען אַלץ עובר אויף אַן איסור, עסנדיק כשר פלייש...

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? גאַנץ איינפאַך! דער סיגעטער אַב בית דין האָט אַרויסגעגעבן אַן „איסור שחיטת־חוץ״. דאָס הייסט, אַז פלייש וואָס איז געשאָכטן געוואָרן אויף כשר אַרויס פונ'ם סיגעטער תחום־המושב איז אסור ווי חזיר!... אַזוי אַרום האָט זיך דער בית־דין באַוואָרנט אַז דער עולם זאָל קיין ברירה נישט האָבן און אויב ער, דער עולם, וויל עסן כשר פלייש, על פי הדין, מוז מען באַצאָלן די געשוואָלענע פרייז וואָס קהל'ס קאַך־לעפל האָבן פיקסירט...

אין אָנפאַנג האָבן די אָרעמעלייט פּרובירט זיך צוגעוואוינען צו די צרות און זיי האָבן נעבעך איינגעהאַלטן די פּאַראַנדקעס אין שייכות מיט'ן איסור. אָבער מיט דער צייט איז זיי דער איסור אַזוי דערעסן געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך גענומען רעוואָלטירן: „סטייטש דער בית־דין וויל אויפ־האַלטן אַ תקנה וואָס דער רוב פון ציבור קאָן עס נישט נאָכקומען?!״... אַזוי אַרום האָט דער עולם אָנגעהויבן צוביסלעך אונטערצווזינדיקן און מען איז געפאָרן קויפן פלייש אַזש ביז קיין בערבעשט, שוגאַטאַג, קרע־טשיניוו, ריבע און סעפינקע (דערפלעך אַרום שטעטל, מיט אַ גאַנץ באַדייטנדן דיסטאַנץ) אַבי נישט צו באַצאָלן די הויכע פרייזן פון דער סיגעטער טאַקסע.

די „קהלס־לייט״ האָבן אין אַכט גענומען, אַז דער עולם האַלט נישט

אין דעם איסור, האָבן זיי זיך מיישב געווען, אַז מען וועט מוזן אָנווענדן דראַסטישע מיטלען. מען האָט געדונגען שומרים, וועלכע זאָלן שטיין אויף דער וואַך טאָג און נאַכט און זיי זאָלן האָבן אַ רעכט אָפּצושטעלן איטלעכע פור און זען צו עס איז אין איר נישט פאַראַן קיין פלייש. די שומרים האָבן אויך געהאַט אַ רעכט אָפּצושטעלן איטלעכן פאַרשוין מיט אַ פּאַקעט אין די הענט און עס בודק׳נען, צי איז נישט טיילמאָל דערין פאַראַן קיין פלייש. אַפילו ווען דאָס קליינע „באַנדל" איז אָנגעקומען פון שוגאַטאַג אָדער פון רינע, האָבן די שומרים געהאַט דאָס רעכט צו באַזוכן דעם עולם, ווי גלייך זיי וואָלטן געווען אמת׳ע „אָפּצאָל-באַאַמטע". קהל האָט באַקומען די אויטאָריטעט פון די לאָקאַלע מאַכטהאָבער צו שטעלן שומרים אין און אַרום דער שטאָט כדי צו פאַרשטאַרקן דעם „איסור שחיטת-חוץ"...

די שומרים איז געלונגען אַוועקצונעמען ביי די סיגעטער אָרעמע אידן איטלעכע וואָך הונדערטער קילאָ פלייש און אַליין פלעגן זיי פאַר־קויפן דאָס פלייש אויף כשר... נישט נאָר איין אידישע פאַמיליע איז נעבעך געבליבן אָן אַ כזית פלייש לכבוד שבת!

אַ דאַנק דעם דאָזיקן שריט פון די „קהלס-לייט" מיט די שומרים, איז דער איסור נאָך מער פאַרהאַסט געוואָרן און אַ רוב סיגעטער אידן האָבן אויף להכעיס נישט איינגעהאַלטן דעם איסור. מען האָט זיך גענומען שוואַרצן פלייש אויף רעכטס און אויף לינקס; מען האָט געשוואַרצט ווי נאָר עס איז מעגליך געווען; מען האָט געשוואַרצט פון די נאָענטע און פון די ווייטע דערפער, אַבי עס זאָל זיין „שחיטת-חוץ"!... איי, וואָס טוט מען מיט׳ן איסור? — ווער האָט עס געהייסן דעם סיגעטער בית־דין צו אסר׳ן כשר פלייש?! זאָל מען אַראָפּנעמען דעם איסור וועט דאָס פלייש פון די אַרומיקע דערפער זיין כשר, בחזקת הכשרות; דאָס פלייש וועט אַפילו כשר זיין למהדרין מן המדרין!...

אין סיגעט האָט זיך געפונען אַ איד אַ רעבעל מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל ווייס. דער דאָזיקער איד האָט געשטאַמט פון אַ דורות-לאַנגער רביישער משפחה; אַ איד אַן עושר, איינער פון די סאַמע גרעסטע סיגעטער נגידים. און דווקא ער, וועלכער האָט מער ווי סיי-ווער געקאַנט אויסשטיין די הוצאות פון דער געהעכערטער טאַקסע, דווקא ער איז עס געוואָרן דער ראש-המדברים, דער הויפּט רעוואָלוציאָנער, אַקעגן דעם איסור שחיטת־חוץ. ר׳ ישראל ווייס האָט אַרום זיך אָרגאַניזירט אַ גאַנצע מחנה רעבעלן,

וועלכע זיינען אַוועק אין הויף פון דער אַלטער שוהל. אגב איז דאָס שוהל־הויף געווען דאָס הויף פון דער סיגעטער קולטוס־געמיינדע און איז געווען אין שכנות מיט׳ן הויז פונ׳ם סיגעטער רב. האָבן דאָרט די רעוואָלוציאָנערן געהאַט אַ גינסטיקן פונקט וואו צו דעמאָנסטרירן זייער פּראָטעסט קעגן איסור. אַרום ר׳ ישראל ווייס האָט זיך צוזאַמענגענומען אַ פיל גרעסערער עולם ווי ער האָט זיך אַליין געקאָנט פאָרשטעלן, אַ פול הויף מיט מענטשן. דער עולם האָט געשריגן ווי אין אַ כאָר:

— סיגעטער רב, נעמט אַרונטער דעם איסור שחיטת־חוץ!...

— רבי, מיר קענען נישט צאָלן אַזאַ הויכע פּרייז פאַר כשר פליש!

ר׳ ישראל ווייס האָט אייניקע מאָל דורכגעפירט די דאָזיקע דעמאָנס־טראַציעס אָבער ער האָט גאָרנישט גע׳פועל׳ט.

עס וועט מיר נאָך אויסקומען, ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, צו שרייבן וועגן דעם מערקווירדיקן איד מיט׳ן נאָמען ר׳ ישראל ווייס. נאָר אַצינד וועל איך זיך באַנוגענען בלויז מיט דער באַמערקונג, אַז די „קהלס־לייט" האָבן באַשטימט ביי אַן אסיפה אַז מען דאַרף ר׳ ישראל׳ן באַשטראָפן פאַר זיין „עזות"! קהל האָט אים פאַראורטיילט אַלס „חסר־דעה" פאַר פינף יאָר. דאָס הייסט, אַז פאַר אַ משך פון פינף יאָר זאָל ר׳ ישראל ווייס נישט האָבן קיין רעכט צו שטימען אין קהל׳ס וואַלן; ווי אויך וועט ער נישט האָבן קיין רעכט דערוויילט צו ווערן אַלס איינער פון די „טובים" אָדער אַלס ראש־הקהל. עס זיינען געדרוקט געוואָרן ספּעציעלע „מכריז ומודיעס", וועלכע זיינען אַרויסגעקלעבט געוואָרן אין אַלע בתי־מדרשים פון שטעטל, אין די דאָזיקע „מכריז ומודיע׳ס" האָט דער סיגעטער בית־דין געוואָרנט דעם עולם, אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון ר׳ ישראל ווייס וועלכער איז פאַרדאַמט געוואָרן פאַר זיינע „מעשים טובים" פון אַלע „חרדים ויראים לדבר ד׳..."

אַז דער עולם האָט געזען, אַז גאָרנישט העלפט נישט און אַז די „קהלס־לייט" חלום׳ען נישט אַפילו אויפצוגעבן דעם איסור שחיטת־חוץ, האָט מען אָנגעהויבן אַלץ מערער צו שוואַרצן פליש... מען האָט געוואוסט, אַז דער איסור איז חל נאָר אויף אידן... ווייל קיין גוים וועט מען דאָך נישט בדקנ׳ען. האָט מען געדונגען גוים אַז זיי זאָלן ברענגען מיט זיך פליש אין זייערע טאָרבעס. די אָרימעלייט זיינען געוואָרן אַזוי היסטעריש, אַז זיי זיינען נישט געווען צו איבערקלויבעריש ביי ווען זיי קויפן עטליכע קילאָ פליש לכבוד שבת, אַבי דער יעניקער זאָל נאָר זאָגן, אַז

דאָס פלייש איז שחיטת־חוץ...

נו, נו, האָבן עס טאַקע איניקע לייכטזיניקע חברה אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיי האָבן פאַרקויפט טריפה פלייש... מען האָט געכאַפּט איינע, אַ אידענע, וועלכע פלעגט סתם קויפן טריפה פלייש ביי די גוישע קצבים און עס פאַרקויפן אויף כשר... עס איז געוואָרן אַ בהלה צווישן די אידן... אויף אַזאַ לייכטזיניקייט האָט מען זיך גאָרנישט געריכט! דאָ האָבן די קהל׳ס־לייט געהאַט אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו רייצן זיך מיט די יעניקע וועלכע האָבן נישט איינגעהאַלטן דעם איסור. נישט נאָר איין איד האָט זיך געקלאַפּט „על־חטא״ און נישט ווייניק האָבן גע׳כשר׳ט זייערע כלים...

— — — — — — — — — — — — —

עס איז מיר מערער מאָל אויסגעקומען זיך אַריינצוטראַכטן אינ׳ם ענין פונ׳ם איסור, ווי אַזוי האָט עס בכלל געקאָנט פּאַסירן, אַז אין אַזאַ „עיר ואם בישראל״ ווי סיגעט איז געווען, אַ שטאָט וואָס האָט אַרויס־געגעבן פון זיך אַזוינע וועלטס גאונים, ווי דעם „ערך־שי״, דעם „קנטרס־הספיקות״, דעם „ייטב־לב״, דעם „קדושת־יום־טוב״, דעם „עצי־חיים״ און טאַקע דעם היינטיקן סאַטמאַרער רב, — ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַזאַ שטאָט מיט פרומע אידן זאָל אין אַ גרויסער מערהייט האָבן איגנאָרירט אַן איסור?! אין אַ שטאָט וואָס אַ מערהייט אידן האָבן געטראָגן שטריימלעך אין שבת און אידן האָבן בכלל מדקדק געווען נישט עובר צו זיין אויף וואָס נישט איז וואָס איז שייך אידישקייט, כחוט־השערה, — ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז די זעלבע אידן זאָלן עובר זיין בפרהסיא אויף אַן איסור?! אידן, חסידים, וואָס האָבן געטאַנצט אויפ׳ן טיש ביי זייער רבי זאָלן פונדעסטוועגן נישט האָבן איינגעהאַלט זיין איסור?!...

דער איינציקער ענטפער קאָן אפשר זיין, אַז דער סיגעטער רב אַליין, וועלכער האָט אונטערגעשריבן דעם איסור, זאָל אַליין אויך נישט האָבן געהאַלטן צו שטאַרק דערפון, ער האָט בלויז געמוזט אונטערשרייבן דאָס וואָס קהל׳ס קאָך־לעפל האָבן באַשטימט. אַז דער סיגעטער רב האָט נישט צו ערנסט גענומען דעם איסור האָב איך אַרויסגעדרונגען דערפון, וואָס אין פורים האָט דער רב נישט געשטערט די ישיבה בחורים וועלכע האָבן געשפּילט אין אַ „פורים־שפּיל״ די ראָלע פון די קעגנער פונ׳ם איסור...

דער סיגעטער עולם האָט געמוזט פילן, אַז דער גאַנצער איסור איז נישט געמיינט „לשם־שמים״. ווייל אונזערע חכמים האָבן אונז געוואָרנט

(בבא־בתרא, דף ס׳ ע״ב): „שאין גוזרין גזרה על הצבור אל אם כן רוב צבור יכולין לעמוד בה״ — אַז מען טאָר נישט גוזר זיין אַ גזרה, וואָס אַ מערהייט זיינען נישט אומשטאַנד אויסצופאָלגן. אַ מערהייט סיגעטער אידן זיינען טאַקע נישט געווען אומשטאַנד אויסצופאָלגן דעם איסור...

אַ מוסר השכל קאָן מען זיך טאַקע אַרויסלערנען פון דעם אויבן דערמאָנטן איסור, וועלכער איז נישט געווען געמיינט „לשם־שמים״ — אַז נישט נאָר האָט דער עולם נישט איינגעהאַלטן דעם איסור, וועלכער וואָלט בכלל נישט געדאַרפט זיין קיין איסור, נאָר אַ דאַנק דעם איסור זיינען אידן געשטרויכלט געוואָרן און איינגעהאַנדלט טריפה פלייש...

❀

אַ ליטעראַרישע ווינקל אין שטעטל

ווען אַ אידישער היסטאָריקער וואָלט זיך גענומען די מי אויסצו־פאָרשן דאָס אידישע לעבן אין שטעטל סיגעט, וואָלט ער געהאַט פאַר זיך אַ אידיש פאָלק אין מיניאַטור...

דער באַדייט פונ'ם וואָרט סיגעט, אין אונגאַריש, איז „אַן אינזל". איז נישט נאָר פון אַ געאָגראַפישן שטאַנדפונקט איז סיגעט אַן אינזל, נאָר אויך פון אַ אידיש־גייסטיקן שטאַנדפונקט איז סיגעט אין דער בחינה פון אַן „עם לבדד ישכון"...

כדי צו מאַכן מיינע ווערטער קלאָרער:

סיגעט איז אַרומגערינגלט מיט וואַסערן פון אַלע זייטן, דעריבער איז טאַקע דער נאָמען „סיגעט" זייער טרעפלעך צוגעפּאַסט פאַר'ן שטעטל. דאָס שטעטל, צופוסנס די קאַרפּאַטן, איז נישט נאָר אַרומגערינגלט מיט די וואַסערן טיסאַ, איזאַ און ראַנאַ, נאָר אויך מיט אַ קייט בערג, די סאָלאָוואַן בערג, וועלכע גיבן אגב דעם שטעטל אַ זייער פּראַכטפולן אויסזען. די סאָלאָוואַן בערג מאַכן דעם איינדרוק ווי אַ כאַפּטע ריזן וואָלטן זיך אַרומגעאָרעמט און טאַנצן אַ קאַראַהאָד אַרום דעם שטעטל...

פון אַ אידיש־גייסטיקן שטאַנדפונקט איז מאַרמאַראָש סיגעט די איינציקע שטאָט אין טראַנסילוואַניע וועלכע רעדט אַ ליטישן אידיש און וועלכע האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אידישע דיכטער און שרייבער, ווי אַ שטייגער דעם פלאַם פייערדיקן חובב־ציון הערש־לייב גאָטליב ווען דר. טעאָדאָר הערצל, בכבודו ובעצמו, האָט געהאָלפן אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן אַרויסצוגעבן אַ העברעאישע און אַ אידישע צייטשריפט אין סיגעט; דעם היסטאָריקער און געלערנטער הרב יקותיאל יהודא גרינוואַלד, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען אַזוי אין היסטאָרישע פאָרשונגען ווי אויך אין הלכה ספרים. זיין ספר „כל בו על אבילות" געהערט היינט צו דער קאַטעגאָריע פון הלכה־ספרים; דעם דיכטער יוסף האָלדער, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין בוך לירישע לידער „אָפּט זינגט זיך"; משה קאַפּלער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ אידיש בוך מיט זכרונות וועגן סיגעט אונטער דעם נאָמען „פאָלק און אידנטום" און הערצל אפשאָן, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך מיט'ן

נאָמען „דעם וויזשניצער רביס הויף" און וועמען דר. שלמה ביקל רופט אָן אין זיין מייסטער־בוך „רומעניע" מיט'ן נאָמען: דער סיגעטער „שלום עליכם".

און להבדיל בין החיים: דער שרייבער יחזקאל רינג, וועמעס צווי ביכער „דער פאַרבלנדזשעטער ניגון" און „אויפן הימל אַ יאַריד" האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם צווישן די רומעניש־אידישע ליטעראַרישע קרייזן. דער דיכטער בערל שנאַבל און וואָלף טאַמבור, דער ביבליאָגראַף נפתלי בן מנחם, דער זשורנאַליסט הלל דאַנציג, דער שריפטשטעלער י. ל. ברוכשטיין, דער סאָציאָלאָג דר. ישראל רובין און אחרון אחרון חביב — מיין פריינט אליעזר וויזל, וועלכער האָט מיט זיין בוך וועגן גרויזאַמען חורבן „און די וועלט האָט געשוויגן" ממש מרעיש־עולמות געווען...

און נאָך מיט איין זאַך קען זיך סיגעט איבערנעמען: אין סיגעט איז אין איין צייט, אין די דרייסיקער יאָרן, דערשינען דער רייכסטער מאַנאַטלעכער אידישער זשורנאַל אין רומעניע אונטער דער רעדאַקציע פון י. ד. איזראַעל און א. מ. הירש אונטער'ן נאָמען „אויפגאַנג" (נישט „אויפקום" — ווי דר. ש. ביקל רופט אָן דעם סיגעטער זשורנאַל אין זיין בוך „רומעניע", זייט 365 — א. ב.).

דעריבער טאַקע איז סיגעט ווערט אָנגערופן צו ווערן מיט'ן נאָמען „אינזל", ווייל סיגעט איז ווי אָפּגעזונדערט געווען פונ'ם אַנדערן כלל אידן פון טראַנסילוואַניע, וועלכע האָבן נישט גערעדט קיין געלייטערטן אידיש ווי די סיגעטער אידן און וועלכע קענען זיך נישט איבערנעמען מיט'ן האָבן אַרויסגעגעבן אידישע בעלי־מחברים ווי די אויבן דערמאָנטע.

מיט'ן וואָרט „אידישע" מיין איך צו זאָגן אַזוינע וואָס האָבן טאַקע געשריבן אויף פּראָסט מאַמע־לשון און האָבן אַזוי אַרום באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט זייערע חיבורים. ווען מען זאָל מיך אַ שטייגער אַ פרעג טאָן איך זאָל געבן אַ דעפיניטיוון כאַראַקטעריסטיק איבער סיגעט, וואָלט איך, נישט טראַכטענדיק צופיל, געזאָגט אָט וואָס:

אַ שטאָט מיט אידן, וועלכע האָבן אַ סך מעלות און ווייניק חסרונות...

איינע פון די הויפּט מעלות פון סיגעט איז וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַן אינטעליגענטע יוגנט; אַ סך תלמידי חכמים און ווייניק עמי־הארצים.

אונטערן וואָרט „אינטעליגענטע יוגנט" מיין איך צו זאָגן, אַזוינע יונגעלייט וואָס חוץ אין די הלכות פון אביי ורבא זיינען זיי אויך געווען באַהאַוונט אין וועלטלעכער וויסנשאַפט. אפילו די איינפאַכע „אויבעריאַ־

רישע" עמך־אידן זיינען אויך געווען איבערגעגעבן פאַר אידישקייט בלב ונפש... טאָמער האָט זיך צומאָל פאַרגלוסט אַן אַנטיסעמיט צו איזדעקעווען זיך איבער אַ אידן, אָדער אויב עס האָט זיך אַזאַ איינעם סתם פאַרגלוסט צו מאַכן אַ שפּאָטישע באַמערקונג וועגן אַ איד, האָבן די „עמך" אידן דעם יעניקן מכבד געווען מיט אָנגעבראָכענעם האַלדז אין נאַקן, אַזוי אַז דער יעניקער האָט נאָכדעם פאַרזאָגט, פאַר קינדער און קינדס־קינדער !...

נישט אומזיסט האָבן עס די קוזיסטישע סטודענטן פון יאַס (וועלכע האָבן געהאַלטן אין קומען קיין סיגעט אויף אַ „וויזיט", אין די דרייסיגער יאָרן, בכדי צו פּאָגראָמירן די אידישע באַפעלקערונג, ווי אַזוי זיי האָבן זיך נוהג געווען) אין דער לעצטער מינוט זיך מיישב געווען און זיי זיינען נישט געקומען! דער הויפּט קוזיסט אין סיגעט, מאַנעלאַכע, האָט זיך ממש געבעטן „רחמים" ביי די קוזיסטן, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט נישט קומען...

מילא, דאָס וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט תלמידי חכמים פון ערשטן גראַד, איז עס כמעט ווי אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. ווייל סיגעט האָט פאַר־מאָגט אַ ישיבה אָנגעפירט פון דער סיגעטער „דינאַסטיע" פאַר עטלעכע דורות און סיגעט האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע דורות רבנים און דיינים איבער גאַנץ אונגאַרן. אין שטעטל האָבן אַלע יאָרן געוואוינט רביים פון פאַרשיידענע באַזונדערע גזע'ס, און אויף איטליכן יום טוב פלעגן שטראָמען טויזנטער חסידים צו זייערע רביים. עס איז כמעט נישט געווען אַ אידיש הויז אין שטאָט וואָס זאָל געווען נישט האָבן עטלעכע געסט, חסידים, וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען זיך פראַווען צו זייערע רביים לכבוד יום טוב. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז סיגעט זאָל אויך פאַרמאָגן אַן אינטעליגענטע יוגנט וואָס זאָלן חוץ פון די ד' אמות של הלכה אויך זיין באַהאַוונט אין וועלטלעכער וויסנשאַפט, אַז סך־הכל האָט סיגעט נישט פאַרמאָגט קיין איין עפנטלעך קולטורעלן אַנשטאַלט פון וואַנען דער נייער דור זאָל קענען שעפּן זיין גייסטיקע תיונה?! עס זיינען געווען בלויז געציילטע אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבן געלערנט אין גימנאַזיע און אין דער זעלבער צייט אויך נישט פאַרלאָזט זייער אידיש וויסן. זיי זיינען געווען יוצאים מן הכלל און פראָפאָרציאָנעל „אחד מני אלף". זייער ווייניק אידישע קינדער זיינען בכלל געגאַנגען אין גימנאַזיע, און טאָמער איז שוין איינער געגאַנגען שטודירן אין גימנאַזיע איז ער מייסטנס געווען פון אַ האַלב־אַסמילירטער משפחה וואָס האָט געלערנט אידישקייט

אויפ׳ן שפּיץ־מעסער...

אַזוינע טאַלאַנטפולע שרייבער ווי יחזקאל רינג, בערל שנאַבל און וואָלף טאַמבור האָבן אפילו נישט געלערנט אין אַן עלעמענטאַרער פּובליק סקול נאָר זיינען ממש פון דער ישיבה אַרויס פּאַרטיקע שרייבער...

פון וואַנען זשע האָבן עס די יעניקע, און אַנדערע ווי זייערס גלייכן, געשעפּט זייער וועלטלעך וויסן, אַז נישט נאָר קיין אידיש בוך האָבן זיי נישט געטאָרט נעמען אין זייערע הענט אַריין, ווייל ס׳איז געווען אַ טריפה פסול, נאָר אפילו אַ אידישע צייטונג האָבן זיי נישט געטאָרט לייענען? עס איז געווען צו באַקומען אין סיגעט טעגלעך די וואַרשעווער צייטונגען „מאָמענט״ און „היינט״ אָבער לייענען האָט מען זיי נישט געטראָט, מען האָט די דאָזיקע צייטונגען געמוזט קויפן בגניבה... (אין טראַנסילוואַניע איז סיגעט געווען די איינציקע שטאָט וואו עס זיינען געווען צו באַקומען די וואַרשעווער אידישע צייטונגען, דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז עס זיינען געווען בעלנים אויף דעם דאָזיקן מין. — אויך דערמיט איז סיגעט געווען אַן אויסנאַם)...

איז אויב סיגעט האָט דאָך פאַרמאָגט אַן אינטעליגענטע יוגנט, איז עס פאַר זיי, פאַר דער יוגנט, אָנגעקומען מיט דער גריבער גאַל צו נאַשן אַביסל וועלטלעך וויסן, אַביסל „השכלה״... — דער איינציקער וועלכער האָט אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב און ממשות׳דיק געהאָלפן דער סיגעטער יוגנט צוצוקומען צו אַ וועלטלעך ספר, איז עס געווען ר׳ ישראל ווייס. טאַקע דער יעניקער, וועלכער האָט רעוואָלטירט קעגן דעם סיגעטער בית־דין פאַר׳ן „איסור שחיטת־חוץ״.

ר׳ ישראל האָט געטאָן קלוגער ווי פרומער, דערמיט וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט אַן אייגן בית המדרש׳ל טאַקע ביי זיך אויפ׳ן הויף און אין אָט דעם דאָזיקן בית המדרש׳ל, וואו מען האָט געדאַוונט, האָט ער איינגעאָרדנט אַ ביבליאָטעק מיט טויזנטער ווערטפולע ספרים — דאָס רוב אידישע און העברעאישע. חוץ פאַרשיידענע אויסגאַבן פון תנ״ך, ש״ס ופוסקים און מגידות ספרים האָט ר׳ ישראל צוזאַמענגעקויפט אַ שלל מיט אידישע און העברעאישע ספרים פון בעסטן סאָרט, אָנגעהויבן פון די העברעאיש־אידישע קלאַסיקער און איבערזעצונגען פון דער וועלט־לעכער ליטעראַטור אין אידיש און אין העברעאיש, האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין צוקויפן די לעצטע אויסגאַבן פון „שטיבל פאַרלאַג״ און אַנדערע.

נישט נאָר האָט זיך ר׳ ישראל נישט געשעמט מיט׳ן „מכריז־ומודיע״

פונ׳ם סיגעטער בית־דין, וועלכער האָט ר׳ ישראל׳ן פאַראורטיילט אויף פינף יאָר „חסר דעה״ (ד. ה. נישט צו האָבן קיין דעה אין קהל׳ס ענינים), נאָר דער „מכריז־ומודיע״ האָט באַקומען אַ תיקון, טאַקע ביי ר׳ ישראל ווייס אין בית המדרש. ר׳ ישראל האָט אים איינגעראַמט און עס אַוועק־געשטעלט פערמאַנענט אויף אַ בכבוד׳יק אָרט, אַז איטלעכער זאָל עס קענען לייענען אַלעמאָל...

ביי ר׳ ישראל ווייס אין ביבליאָטעק האָט איר געקענט געפינען פאַרשיידענע יקר־המציאות׳ן מיט כתב־יד׳ן פון אויסערגעוויינלעכן אַנטיקוואַרן באַדייט.

קיין געלט האָט ביי אים נישט געשפּילט קיין ראָלע, וויל ווי שוין דערמאָנט אין אַן אַנדער קאַפּיטל, איז ער געווען אַ איד אַ נגיד.

נישט נאָר איז ביי אים געווען אַן אָפענע טיר, און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט געקענט צו אים אַריינקומען אין שוהלעכל אַריין און לייענען וואָס איינעמס האַרץ האָט נאָר באַגערט, נאָר ר׳ ישראל פלעגט אויך מכבד זיין דעם עולם מיט כיבוד. האָט זיך טאַקע דער עולם יונגוואַרג געקוויקט מיט ר׳ ישראל׳ס כיבוד און זיי האָבן טאַקע פאַרביסן און „איינגעביסן״ די אידישע און העברעאישע ליטעראַטור...

אַז עס איז אַראָפּגעקומען קיין סיגעט דער באַרימטער אידישער דיכטער יעקב שטערנבערג, וועלכער איז געווען דער רעזשיסער פון דעם „סידי טאל אנסאמבל״, האָט ער, יעקב שטערנבערג, אַדרעסירט די סיגעטער יוגנט טאַקע ביי ר׳ ישראל ווייס אין ביבליאָטעק. געווען איז עס אומגעפער אין 1937. ביי דער געלעגנהייט האָט ער פאַרקויפט זיין נאָר־וואָס דערשינען בוך לידער „שטאָט אין פּראָפּילן״ ווי אויך דר. שלמה ביקל׳ס בוך „אין זיך און אַרום זיך״.

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אין סיגעט האָבן די דאָזיקע צוויי זייער חשוב׳ע בעלי־מחברים געהאַט פיל לייענערס ווי אַ שטייגער פּראָפּאָרציאָ־נעל אין אַזוינע שטעט ווי בוקאַרעסט, טשערנאָוויץ און קישינעוו...

דערמאָנענדיק סידי טאלס אַנסאַמבל, קען איך נישט פאַרבייגיין, נישט צו דערמאָנען איר גרויסן דערפאָלג וואָס זי האָט געהאַט אין סיגעט. נישט וויזניק ישיבה בחורים האָבן זיך בגניבה אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער אַריין צו כאַפּן אַ בליק אויף דער קינסטלערין בעת אירע אינטערפּרעטאַ־ציעס. ווער שמועסט דאָס מוסרהשכל׳דיקע ליד פון דער „שיכורטע״

איז ממש געוואָרן אַ „שלאַגער" אין שטעטל פאַר יאָרן. אָט איז דאָס ליד פון דער „שיכור׳טע":

דער קינדערשער שכל,
דער נאַרישער געדאַנק,
פאַרדרייט אונז דאָס מוח׳ל
דערנאָך טוט אונז באַנג — —
פאַרשלעפּט אין אַ בלאָטע
און גאָרנישט מען זעט
מען האָט שוין חרטה
אָבער עס איז שוין צו שפּעט.
חלומ׳ט נישט פון גליקלעך ווערן,
קוקט זיך אין מיר איין.
וועט איר טאַטע און מאַמע הערן,
וועט איר גליקלעך זיין!...

אוודאי איז עס ר׳ ישראל׳ן נישט גלאַט אָפּגעלאָפן זיין עסק. די חסידים האָבן אפילו געשמועסט צווישן זיך, אַז מען וואָלט ר׳ ישראל׳ן באַדאַרפט מחרים זיין... „ס׳טייטש סראָל וויס שמד׳ט אויס די גאַנצע שטאָט!"... אָבער ר׳ ישראל האָט זיך ווייניק וואָס וויסנדיק געמאַכט. כאָטש אַליין פלעגט ער אויך קומען צום רב׳ס טישן ווען דער רב פלעגט פּראַווען זיינע סעודות און טיילן שיריים; ער האָט אפילו מנדב געווען אַ שיינעם מאָדערנעם אָרון־קודש אין דער נייער אויסגעבויטער שול פון סיגעטער רב.

די חסידים האָבן זיך דאָך אין אים נוקם געווען. ער האָט איינקע מאָל קאַנדידירט אין קהל׳ס שטאָט־וואַלן, פאַר ראש הקהל, און ער איז אַלעמאָל דורכגעפאַלן. די חסידים, וועלכע האָבן געהאַט די מערסטע שטימרעכטן אין די קהל׳ס וואַלן, האָבן געשטימט פאַר סיי וועמען, אַבי נישט פאַר ר׳ ישראל וויס.

אַזוי ווי ר׳ ישראל׳ס ביבליאָטעק איז געווען אַ פּריוואַט־אייגנטום האָט מען געקענט לייענען ביכער פון זיין ביבליאָטעק נאָר אויפ׳ן אָרט. אָבער די סיגעטער יוגנט, וועלכע איז אַלץ מער רייף געוואָרן קולטורעל, האָט געפילט אַ גרויסן דורשט נאָך אַ אידיש בוך, האָבן זיך עטלעכע אינטעליגענטן ווי טאָקע יחזקאל רינג, בערל שנאבל און דר. בעני קאַץ,

אַן אַדוואָקאַט, זיך מיישב געווען, אַז די צייט איז רייף געוואָרן, דאָס סיגעט זאָל האָבן איר אַן אייגענע אידישע ביבליאָטעק.

— עס איז אַ בושה און אַ חרפה — האָט די יוגנט גערעדט צווישן זיך — אַז אַ דערפל ווי סעפּינקע וועלכעס פאַרמאָגט נישט קיין פינף פראָצענט יוגנט ווי סיגעט, זאָל יאָ האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק און סיגעט נישט !...

די אויבנדערמאָנטע דריי, האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע צו גרינדן אַ אידישע ביבליאָטעק. זיי האָבן צוזאַמענגערופן אייניקע יונגע־לייט, מיך אויך צווישן זיי, און מען האָט געגרינדעט אַ קאָמיטעט. עס איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז די יוגענט זאָל זיך צוזאַמענקומען אין אַ זונטיק באַכמיטאָג, ווען עס וועלן אַרומגערעדט ווערן די איינצלהייטן וועגן דער גרינדונג פון דער אידישער ביבליאָטעק.

יחזקאל רינג איז געווען דער פאָרזיצער און ער האָט געעפנט די זיצונג. ער האָט קוים צייט געהאַט צוצוטרעטן צום סדר היום ווי דער סיגעטער רב ר׳ יקותיאל יהודא טייטלבוים מיט זיין גבאי ר׳ נחום הערש כהן זיינען ווי פונ׳ם הימל אַראָפּגעפאַלן אינ׳ם לאָקאַל וואו די זיצונג איז פאָרגעקומען.

איך בין נאָך געהאַט געווען אַ האַלבער ישיבה־בחור... און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי פריקרע איך האָב זיך געפילט אויפ׳ן האַרצן באַגעגענדיק זיך פנים אל פנים מיט׳ן סיגעטער רב ביי דעם דאָזיקן מיטינג...

יחזקאל רינג האָט פּרובירט איגנאָרירן דעם ענין און זיך נישט וויסנדיק מאַכן, וואָס דער רב איז געקומען אַלס אַן אומגעבעטענער גאַסט צו דער זיצונג. ער האָט געוואָלט ווייטער אָנפירן די זיצונג. דער סיגעטער רב האָט אים אָבער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און ער האָט זיך גענומען שרייען:

— רשע, דו ווילסט אויס׳שמד׳ן סיגעט !...

אַזוי ווי יחזקאל רינג האָט ווייטער געוואָלט רעדן, איז דער גבאי, ר׳ נחום הערש, צוגעשפּרונגען מיט אַ באַוועגונג, ממש דורס צו זיין אַט דעם דאָזיקן „רשע" יחזקאל רינג, וועלכער איז געהאַט געווען אַ תלמיד ביים סיגעטער רב... דער גבאי האָט זיך געוואָלט באַנוצן מיט אַ נישט אידישער זאַך, מיט די „ידים"...

פאַר דער מלחמה, אין ענד פון די דרייסיקער יאָרן, אַז מען האָט

געוואַלט אָפּהאַלטן אַ זיצונג אָדער סתם ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַ גרעסערן מאַסשטאַב, האָט מען געמוזט האָבן אַן אויטאָריזאַציע פון די מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע פלעגען צושיקן אַ קאָמיסאַר, וועלכער זאָל האָבן די אויפזיכט איבערן מאָסן צונויפקום. אויך ביי דער איצטיקער געלעגנהייט האָט זיך געפונען אַ קאָמיסאַר, וועלכער האָט געוואָלט באַרואיקן, אין אָנפאַנג, דעם רב און דעם גבאי, אַז זיי זאָלן נישט שטערן די אסיפה. נאָר דאָ האָט דער רב אָנגעווענדט זייער אַ דראַסטיש מיטל... ער האָט אויס־געשריגן אויף אידיש:

— די פאַרשוינען זיינען אַלע קאָמוניסטן!...

דער קאָמיסאַר, אַז ער האָט דערהערט פונ׳ם „ראַבין" אַזאַ וואָרט ווי „קאָמוניסטן" האָט ער זיך דערשראָקן און ער האָט געשטערט די ווייטער־דיקע אָנפירונג פון דער זיצונג. אפילו די השתדלנות פונ׳ם אַדוואָקאַט דר. בעני קאַץ האָט אויך נישט געהאָלפן.

און אַט אַזוי איז סיגעט פאַרבליבן אָן אַ אידישער ביבליאָטעק, וואו אַ אידיש קינד וואָלט געקענט קריגן אַ אידיש בוך צום לייענען!...

געווידמעט מיין יוגנט-חבר פישל פערלשטיין הי״ד.

די סיגעטער השכלה־עפּאָכע

ווען איך וואָלט זיך געקליבן שרייבן אַ ראָמאַן וועגן דער סיגעטער „השכלה־עפּאָכע" וואָלט איך געהאַט אַן ערשט קלאַסיקן סוזשעט פאַר אַ דראַמע. קיין טיפן און אויסערגעוויינלעכע כאַראַקטערן וואָלטן מיר ניט אויסגעפעלט. מאַטעריאַל וואָלט איך געהאַט לרוב!...

ניט אין דער צייט פון משה מענדעלסאָן האָט די השכלה עפּאָכע בעגינען אין סיגעט און ניט ביים ראַנד פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט די השכלה עפּאָכע דערגרייכט איר קלימאַקס אין סיגעטער שטעטל.

די סיגעטער השכלה עפּאָכע קאָן מען באַצייכענען פון הערש ליב גאָטליב (1829־1930) ביז צום סאַמע ראַנד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה...

ווען איך וואָלט געזוכט אַ הויפּט העלד וועלכער זאָל פּערזאָניפיצירן מיין ראָמאַן אין שייכות מיט דער סיגעטער השכלה עפּאָכע, וואָלט איך אויסגעקליבן ניט קיין אַנדערן ווי מיין אַ יוגנט־חבר מיט׳ן נאָמען פישל פערלשטיין...

ווער הערש ליב גאָטליב איז געווען, ווייסן אַ סך מענטשן אויסערהאַלב סיגעט, ווייל חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ וועלט־באַרימטער בדחן ווי אַ שטייגער אליקום צונזער, איז ער אויך געווען אַן ערשט קלאַסיקער הומאָריסט און אַ גאַנץ באַדייטנדער דיכטער וועמעס לידער זיינען אַן אוצר פון פאָלקלאָר. ער איז אויך באַקאַנט ווי אַ אידיש־און העברעאישער שרייבער וועלכער האָט רעדאַגירט אַ אידישע און אַ העברעאישע צייט־שריפט אין סיגעט און אויסערהאַלב סיגעט. מ׳קאָן אויף אים זאָגן, אַז ער איז געווען דער סיגעטער „טרובאדור". דער „טאַטע" פון דער סיגעטער השכלה. הערש ליב גאָטליב איז ממש געוואָרן אַ לעגענדאַרע פיגור ביי זיין לעבן. אין גאַנץ עסטרייך־אונגאַרן האָט מען געזונגען זיינע לידער און מען האָט נאָכדערציילט זיינע וויצן און מען האָט אימיטירט זיין בדחנות. עס איז געווען באַקאַנט אַז דער סיגעטער רב ווי אויך אַנדערע רביים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס און זיי האָבן אים ניט נאָר גערודפט, נאָר זיי האָבן אים אויך באַיקאָטירט, וואָס שייך זיין בדחנות... ער האָט

זיך ניט געטאָרט באַווייזן אויף אַ חתונה וואו דער סיגעטער רב איז געווען דער בעל מסדר קידושין...

הערש ליב גאָטליבס נאָמען איז מערערע מאָל דערמאָנט געוואָרן אין די ליטעראַרישע אויסגאַבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. הרב יקותיאל יהודא גרינוואַלד ווידמעט אַ גאַנץ קאַפּיטל פאַר אים אין זיין היסטאָריש ווערק „טויזנט יאָר אידיש לעבן אין אונגאַרן" ווי אויך דר. ש. ביקל האָט אים מערערע מאָל דערמאָנט. אויך אין זיין בוך „רומעניע" ווערט ער גאַנץ פּראָמינענט דערמאָנט פון דר. שלמה ביקל.

אָט איז הערש לייב גאָטליב'ס מאָטאָ:

וואָס איז דאָס לעבן? אַביסל טרערן אַביסל שפּאַס,
אַ סך זאָרג, אַביסל ליבע און אַביסל האַס,
אַביסל אַ לאַך, אַביסל אַ זיפץ, אָפּט אויך אַ קלאַג —
די פירהאַנג פאַלט און אַ גוטן טאָג!...

אָבער וועגן פישל פערלשטיין האָט קיינער ניט געשריבן און זיין נאָמען איז עד היום ניט באַקאַנט אויסערהאַלב סיגעט...

אַ סך סיגעטער וועלן מיט מיר מסכים זיין, אַז וואָס עס איז שייך סיגעט, איז פישל פערלשטיין ווערט אָנגערופן צו ווערן אַלס דער לעצטער „מאָהיקאַנער" פון דער סיגעטער השכלה עפּאָכע... נאָר וועגן דעם אַביסל שפּעטער אין דאָזיקן קאַפּיטל.

ווער עס האָט אַמאָל אין זיין לעבן באַזוכט סיגעט און ער האָט זיך צוגעקוקט צום אָרט לעבן פון דער אידישער גאַס דער האָט געקאָנט דערקאָנען, אויפן ערשטן בליק, אַז דאָס שטעטל איז דיפערענט פון אַנדערע אידישע שטעטלעך און אַז דער דאָמינירנדער כוח דאָרט איז דער חסידיזם. ווער עס פירט זיך חסידיש און ווער עס דענקט חסידיש, דער איז עס דער נאָרמאַלער טיפּ פונם שטעטל. ווער עס נויגט אָבער אָפּ פון דאָזיקן דרך דער איז „מחוץ למחנה", דער יעניקער קוקט אויס צו זיין עפּעס אַ מאָדנע בריאה, אַ „דייטש". איז דער „דייטש" אַן עם־הארץ נו, פון אַזאַ איינעם איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן!... טאָמער אָבער איז דער יעניקער אַ שטיקל תלמיד חכם, און אַלץ פירט ער זיך מעשה „דייטש", דעמאָלט איז דער יעניקער מסתמא ניט מיט אַלעמען... עס קאָן גאַנץ גריילעך געמאָלט זיין, אַז דער יעניקער איז גאָר געכאַפּט פון דער „סטרא אחרא" ,רחמנא ליצלן!...

לויט דעם שטייגער לעבן, ווי סיגעט האָט זיך געפירט, וואָלט סיגעט

כדאי געווען אָנגערופֿן צו ווערן „ירושלים־דטראַנסילוואַניע..." איך ווייס ניט צי סיגעט האָט אַמאָל באַקומען אָט די דאָזיקע אָנערקענונג, אָבער זי איז עס ווערט געווען...

איך בין אָבער דערמיט ניט אויסן צו געבן דעם פֿאַלשן איינדרוק אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז באַשטאַנען פֿון לויטער חסידים. ניין, עס זיינען געווען גאַנץ אַ היפּשע צאָל „דייטשן" טאַקע צווישן די עקסטרעם פֿרומע אָרטאָדאָקסישע קרייזן. נאָר די אמתע „דייטשן" זיינען געווען די „ספֿרדים" וועלכע זיינען געווען געאַסר'ט פֿונם סיגעטער רב. דאָס הייסט, אַז מען האָט ניט געטאָרט עסן פֿון זייער שחיטה. זיי, די „ספֿרדים", האָבן זיך געהאַט אַ באַזונדערן רב הרב ר' שמואל דאַנציג, הי"ד, און אַ באַזונדערע שוהל, די ספֿרדישע שוהל. אין אַמעריקע וואָלטן די סיגעטער גע'אסר'טע „ספֿרדים" באַלאַנגט צום אָרטאָדאָקסישן לאַגער...

עס האָבן אויך ניט אויסגעפֿעלט קיין געמישטע חתונות אין שטעטל... ניט נאָר איין מיידל פֿון חסידישע עלטערן האָט עס אַרומגעפֿלירטעוועט אַרויס פֿון דער שטאָט, אין „מיל־גאָרטן", מיט אָפֿיצירן צי מיט סתם שקאַצים... עס זאָל זיך אַזוי ניט טרעפֿן, ווי עס האָט זיך געטראָפֿן! ווער שמועסט וועגן סתם ישיבה בחורים מיט מיידלעך, זייערס גלייכן, די זיינען געווען לרוב וועלכע האָבן זיך באַגעגנט בסוד־סודות, ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן.

אין זומער פֿלעגט דער „שטראַנד" ביי דער איזא (אַ פֿריי פּלאַץ צום באָדן זיך) זיין איבערפֿולט מיט קינדער פֿון חסידישע עלטערן. די מיידלעך פֿלעגן האָבן אַ גינסטיקע געלעגנהייט צו באַווייזן זייערע געטאָקטע פֿיגורן אין זייערע פּאַסנדע און מאָדערנע באָד־קאָסטיומען. אומזיסט האָבן עס די חסידים געשריגן געוואָלט אַז „ס'גייט אָן אַ מורא־דיקער תערובות ביי דער איזא" און אומזיסט האָט זיך עס ביים באָרטן פֿונם וואַסער אַרומגעדרייט אַ ישיבה־בחור, אַ משגיח פֿונם סיגעטער רב (אַליין וואָרפֿנדיק תאווהדיקע בליקן אויף די ווייבערשע פֿיגורן) כדי אכטונג צו געבן, אַז די ישיבה בחורים זאָלן זיך ניט געפֿינען צווישן „תערובות"...

אפֿילו משומדים האָבן זיך אויך געפֿונען אין שטעטל. עס איז געווען באַקאַנט, איינער אַ מעדיקער מיטן נאָמען דר. נאַדאר, וועלכער האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט אַ גויה. ווען דער דר. נאַדאָר איז געוואָרן אַ חולה מסוכן און ער האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן האָט ער

זייער שטאַרק געוואָלט צוריק ווערן אַ איד... זיין איינציקער באַגער איז געווען אַז מען זאָל אים מקבר זיין אויפן אידישן בית עולם. זאָל באַדאַי זיין אונטערן פּלויט, נאָר אויפן אידישע בית עולם!... נאָר זיין פּלוניתטע האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט צו אים און ווען ער איז געשטאָרבן האָט מען אים באַגראָבן אויף אַ גאַנץ „בכבודיק" פּלאַץ אויף דער גוישער סעמעטערי.

וועגן אַט דעם משומד דר. נאַדאַר ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט איינמאָל עקזאַמינירט אַ שטערבלעך קראַנקע פרוי און ער האָט זי, סתם אַזוי זיך, געפרעגט וויאַזוי זי פילט. דערויף האָט אים די פּאַציענטין געענטפערט: „אויף אַלע משומדים געזאָגט געוואָרן!" דערויף האָט איר דר. נאַדאַר צוריק געענטפערט: „חוץ איינעם..."

בכלל האָבן אין סיגעט נישט געמאַנגלט קיין אידישע דאָקטוירים און אידישע אַדוואָקאַטען. עס זיינען געווען באַקאַנט די אידישע דאָקטוירים, בערקאַ, פּיש, יונגער, קאָוואַטש, ווייס, לעבאָוויטש, שטערנבערג, בערגער, גוטמאַן און שרעטער.

וואָס שייך אַדוואָקאַטן, האָט סיגעט געהאַט אַ מזל צו זיי אַז זיי האָבן מייסטנס באַלאַנגט צו די ציוניסטישע קרייזן, ווי אַ שטייגער דר. אבריש פריד, דער פּרעזידענט פון די סיגעטער ציונים, דר. בעני קאַץ און דר. אָסקאַר ווייס.

עס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט קיין טראַגישע ראָמאַנען, ווי אַ שטייגער דער פאַל פון לילי פוקס, איינע פון די שענסטע סיגעטער אידישע מיידלעך (בכלל האָט סיגעט געהאַט אַ שם, אַז זי פאַרמאָגט מער אידישע „קראַסאַוויצעס" ווי סיי וועלכע אַנדערע טראַנסילוואַניער שטאָט), וועלכע האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטיש אידישער היים און זי האָט זיך „פאַרליובעט" אין אַ רומענישן לייטענאַנט און מען האָט זיי ביידע געטראָפן געשאָסן אויף טויט אויפן פרייען פעלד ערגעצוואו אַרויס פון דער שטאָט...

צוליב זיינע דיפערענצן מיט זיינע קינדער האָט מען איינעם, אַ חסידישן איד, געטראָפן אויפגעהאָנגען אויף זיין גאַרטל, וועלכן ער פלעגט נוצן בעת'ן דאַווענען...

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך איניקע ענלעכע טראַגעדיעס. אָבער אַזוי די טראַגעדיעס ווי די אַנדערע איינצלהייטן וועלכע איך האָב אויסגערעכנט, זיינען אַלע געווען יוצאים מן הכלל...

נאָר אין אַ חסידיש שטעטל וואו עס קאָנען פאָרקומען אַזוינע אויס־נאָמען מוז אויך זיין אַן „אינצווישן", אַ מיטל־פּונקט צווישן די צוויי

עקסטרעמען, און דער מיטל פּונקט איז טאַקע געווען. די יוגנט וועלכע האָט געעפנט די אויגן צו זען, אַז חוץ די ד׳ אמות של הלכה איז אויך פאַראַן אַן אַנדערע וועלט מיט אַנדערע מנהגים, — איז געווען דער מיטלפּונקט צווישן עקסטרעמען חסידיזם און מאָדערניזם! — דער דאָזיקער נייער דור האָט פּלוצלינג דערפילט אַ גרויסן בלויז אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס שייך וועלטלעכע לימודים, און בכדי אויסצופילן דעם דאָזיקן בלויז האָט זיך די יוגנט אין אַכט גענומען אַז זי וועט מוזן שווער האָרעווען און קעמפן...

אין אַ שטאָט ווי אפילו תנ״ך איז נישט געווען ״כשר״ איז עס דער יוגנט נישט גרינג אָנגעקומען. צום אַלעס ערשטן האָט די סיגעטער יוגנט זיך צוגעכאַפּט צו אידישע און העברעאישע ספרים, צו ספרי חיצוניים, אָדער טריפה פסולס, ווי די חסידים פלעגן עס אָנרופן די ספרי־חול. נאָר עס זאָגט זיך פיל גרינגער ווי עס האָט זיך געטאָן, ווייל נישט נאָר איז אָנגעקומען מיט דער גרינגער גאַל צו קריגן אַ אידיש אָדער העברעאיש בוך, נאָר אַז מען האָט עס שוין יאָ געהאַט האָט מען נישט געוואוסט וואו עס אַהינצוטאָן, ווייל מען האָט עס געמוזט לייענען בגניבה...

איך האָב שוין אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל באַשריבן, ווי דער סיגעטער עולם יונגוואַרג פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין אַ ליטעראַריש ווינקל ביי ר׳ ישראל ווייס אין ביבליאָטעק, כדי צו זעטיקן זייער גייסטיקן אַפּעטיט, אָבער נישט איטליכער האָט געקאָנט ריזיקירן צו באַווייזן זיך ביי ר׳ ישראל ווייס אין ביבליאָטעק, ווייל אַ טייל האָבן זיך פשוט געמוזט היטן אַז מען זאָל חלילה נישט האָבן קיין שמץ פאַרדאַכט, אַז זיי האָבן אַ דריסת הרגל ביי ר׳ ישראל ווייס אין ביבליאָטעק...

אַ מאָדנע זאַך, דווקא די חסידישע ווייבער האָבן זיך יאָ דערלויבט צו לייענען אידישע ״מעשה־ביכלעך״, וועלכע די חסידים פלעגן אָנרופן אַלס ווייבערשע מעשות אָדער ״שטותים״. אין דער קאַטעגאָריע פון די ווייבערשע מעשות האָבן געהערט שמ״ר׳ס ראָמאַנען, די מעשה בשלשה אחים, די שבחי בעל־שם טוב, די וואונדערלעכע מעשות פון שפּאַלער זיידע און פיל אַנדערע. פיל לייענערס וועלן איבערראַשט זיין זיך צו דערוויסן, אַז שלום־עליכם׳ס יום־טוב׳דיקע דערציילונגען און י. ל. פּרץ׳ס ״חסידיש״ און זיינע ״פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ האָבן אויך געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון ווייבערשע מעשות... מסתמא האָבן זיך די חסידים נישט געכאַפּט ווער עס איז אַזוינס י. ל. פּרץ און שלום עליכם.

די „שטותים" זיינען אויך חל געווען אויף אונגארישע ראמאנען, וועלכע די חסידישע מיידלעך האבן זיך דערלויבט צו לייענען אומגע־שטערט. בכלל האבן די חסידישע מיידלעך געהאט א סך א בעסערע מערכה ביי זייערע עלטערן וואס שייך וועטלעכע לימודים. די חסידים, אלע כמעט אן אויסנאם, האבן דערלויבט זייערע טעכטער צו גיין אין די פאבליק שולן. אפילו אזא עקסטרעמער פרומער איד ווי ר' מרדכי פערל־שטיין, פישל פערלשטיינ'ס פאטער (איבער וועלכן עס וועט זיין די רייד אין דאזיקן קאפיטל), אפילו ער האט עס נישט געשטערט זיינע מיידלעך צו גיין אין די סקולס.

אבער וואס עס איז שייך אז בחורים זאלן לייענען א אידיש אדער א העברעאיש בוך, דאס איז געווען א מורא'דיקע זאך! א בחור וואס האט געלייענט צייטונגען און ביכער, מעג ער זיין ווי פרום, דער איז שוין אונטערן חשד פון אפיקורסות...

אויך קיין לינקע חברה, קיין קאמוניסטן, האבן נישט אויסגעפעלט אין שטעטל. נישט נאר צווישן ארעמען מיטל־קלאס האבן זיך געפינען די קאמוניסטישע יונגווארג, נאר אפילו צווישן די יוגנטלעכע פון די פארמעגלעכע שיכטן האבן זיך געפונען פון דאזיקן מין. נישט ווייניק קינדער פון חסידישע עלטערן זיינען געווען געכאפט צווישן די קאמוניס־טישע רייען און נישט ווייניק האבן געהאט פאליס־רעקארדס, אלס לינקע, וועלכע די פאליציי האט געהאלטן אויפן אויג. עס איז אפילו פארגעקומען א פאל, אין אן ערשטן מאי, האט מען פלוצלינג דערזען, אז אויפ'ן דאך פון דער מחזיקי תורה שוהל, פלאטערט א רויטער פאן...

וואס שייך ציוניסטישע ארגאניזאציעס, — עס האט כמעט נישט עקזיסטירט קיין ציוניסטישע פראקציע וואס זאל געווען נישט זיין אקטיוו אין שטעטל, אנגעהויבן פון די שומר הצעיר און ענדיקנדיק מיט די רעוויזיאניסטן און אגודיסטן. קיין גוטע רעפוטאציע, ביי די חסידים, האבן די ציוניסטן נישט געהאט. ביי די „חסידי אנשי מעשה" איז א שומר הצעיר אדער אן אגודיסט געווען איינס און דאס זעלבע. דער סיגעטער רב, אין זיינע דרשות, פלעגט שימפן אויף אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס, אן אן אויסנאם.

עס פלעגן קיין סיגעט קומען, פון צייט צו צייט, אויף א וויזיט פערזענלעכקייטן פון העכערן סארט ציוניסטישע כלל טוערס ווי א שטייגער הרב מאיר בערלין (בר־אילן) און הרב יהודא לייב פישמאן (מימון).

אַז אזוינע פערזענלעכקייטן פלעגן קומען, דעמאָלט האָט קיין עולם נישט געפעלט וואָס זאָל זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו זייערע רייד. די סאַמע עליטע פון שטעטל, משמנה ומסלתה, פון דער סיגעטער אינטעליגענץ, פלעגן זיך צוזאַמענקומען אין מאַסן בכדי איבערצוגעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון ארץ ישראל. ביי אַזאַ צונויפקום האָט מען געקאָנט זען, אַז לא אלמן ישראל, אַז סיגעט פאַרמאָגט אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל אינטעליגענטן. טאַקע דאָס אַליין, וואָס אַזוינע פערזענלעכקייטן, ווי די אויבן דערמאָנטע, האָבן זיך גענומען די מי צו באַזוכן סיגעט, שוין דאָס אַליין איז דער בעסטער סימן, אַז מען האָט געוואוסט, אַז עס איז דאָרטן פאַראַן צו וועמען צו קומען...

ווען דער אידישער היסטאָריקער וועט זיך אָפּשטעלן איבער די ציוניסטישע טעטיקייטן פון טראַנסילוואַניער אידנטום, וועט סיגעט פאַר־נעמען אַ גאַנץ בכבוד׳יק פּלאַץ...

נישט גרינג איז עס דער סיגעטער יוגנט אָנגעקומען צו אָרגאַניזירן זיך בכדי צו פּראָגרעסירן וואָס שייך אידישע טעטיקייטן פון מאָדערנערן סאָרט, אָבער עס איז דאָך געשאַפן געוואָרן אַ באַריער צווישן נעכטן און היינט. עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פרילינג שוואלבן, די ערשטע פּיאָנערן...

די אַקטיווסטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין שטעטל איז געווען דער מזרחי, וועלכער האָט געקאָנט שטאָלצירן מיטן אינטעלעקט פון זיינע מיטגלידער מער ווי סיי וועלכע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דער מזרחי האָט פאַרמאָגט צווישן די רייען אַזוינע אינטעלעקטן ווי משה קאָפּלער, שמואל ווידער, ישראל דוד איזראַעל, אייזיק באַש און בנימין בלייער; להבדיל בין החיים — דוד אַפּעל, אברהם איזראַעל, שמואל שטיין, שמואל שטערן, זכריה מענדעל ליכטענשטיין, יהושיע רייך און דוד שיין. ווי אויך פיל פיל אַנדערע, וואָס ווען איך זאָל אַלע וועלן אויסרעכענען, דעמאָלסט וואָלט די רשימה פאַרנומען צופיל פּלאַץ.

דערמאָנענדיק דעם נאָמען דוד שיין, קאָן איך נישט פאַרבייגיין נישט צו מאַכן די פאָלגענדע באַמערקונג:

דוד שיין האָט ווי געהאַלטן דעם פולס פון׳ם טראַנסילוואַניער אידנ־טום. ער איז ווייניק באַקאַנט צווישן די אידישע שרייבערס, ווייל ער האָט בכלל ווייניק געשריבן אידיש. דערפאַר אָבער איז ער געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די אונגאַריש־אידישע עלעמענטן, אויף וועלכען לשון,

אונגאַריש, ער האָט געשריבן און שרייבט עד היום.

אונגאַריש איז געווען דער לשון פון 90 פּראָצענט אידן אין טראַנ־סילוואַניע. דער „אוי־קעלעט" (נייער מזרח), אַזוי האָט געהייסען די אונגאַרישע צייטונג, וועלכע דוד שיין האָט רעדאַגירט אין טראַסילוואַניע, פאַר היפשע יאָרן, איז געווען די רייכסטע צייטונג (אין אינהאַלט) אין גאַנץ טראַנסילוואַניע. שוין פון דעם נאָמען אַליין „אוי־קעלעט" קאָן מען שוין פאַרשטיין, אַז די צייטונג איז געווען אָריענטירט אויף אידישע און ציוניסטישע אינטערעסן. דוד שיין, מיט זיין אונגאַרישער צייטונג, האָט פיל געלייסטעט פאַר'ן טראַנסילוואַניער אידענטום, וואָס שייך קולטור און אינפאָרמאַציע, ווייל ער האָט גערעדט „כלשון עמו", ווי דער רוב מנין און רוב בנין פון דעם טראַנסילוואַניער אידנטום האָט גערעדט. איז אויב אַ איד האָט געוואָלט געפינען צווישן די שורות דאָס וואָס די צענזור האָט נישט דורכגעלאָזט, אָבער אויב אַ איד האָט געוואָלט געפינען אַ טרייסט וואָרט אויף די אידישע צרות, וועלכע האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג — דעמאָלט האָט ער געמוזט אָנקומען צום „אוי־קעלעט", דאָרטן האָט ער די אַלע זאַכן געטראָפן.

אויב דער אידישער היסטאָריקער וועט וועלן שאַפן מאַטעריאַל איבער די טעטיקייטן פון טראַנסילוואַניער אידנטום צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, וועט ער, דער אידישער היסטאָריקער, מוזן אָנקומען צום „אוי־קעלעט".

לויט דר. שלמה ביקל אין זיין בוך „רומעניע" זאָגט, איז עס געווען דוד שיין, וואָס האָט געקריגט הערצל אָפּשאַן (וועלכער האָט אַרויס־געגעבן אַ בוך מיט'ן נאָמען „דעם וויזשניצער רבינ'ס הויף") מיט'ן נאָמען „דער סיגעטער שלום עליכם". איך ווייס נישט אויף וויפיל דער נאָמען „שלום עליכם" פּאַסט זיך פאַר הערצל אפּשאַן בכלל, ווייל הערצל אפּשאַן איז געווען ווייט פון צו זיין אַ הומאָריסט... אויב איך וואָלט שוין יאָ געוואָלט קרוינען דעם קדוש הערצל אָפּשאַן מיט אַ נאָמען פון אונזערע קלאַסיקער, וואָלט איך אים געווען ענדערשט אָנגערופן: „דער סיגעטער מענדעלע מוכר ספרים"...

אַלעס וואָס איך האָב ביז אַצינד אויסגערעכנט, איז אָנגעגאַנגען אינ'ם פּראָצעס פון דער סיגעטער השכלה עפּאָכע, אין אַ צייט ווען דער נייער דור האָט זיך אָנגעהויבן צו קירעווען אין נייע דירעקציעס און

האָט אָנגעהויבן צו פילן דעם אָטעם פון דער מאָדערנער צייט... די חסידישע עלטערן האָבן אָנגעהויבן איינצוזען, אַז אויב זיי ווילן נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט זייערע אייגענע קינדער, וועלן זיי, די עלטערן, מוזן נאָכלאָזן די לייצעס... דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן מאָדערנע זין און טעכטער לעבן זייערע חסידישע עלטערן.

עס זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע עקסטרעמיסטן וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט רעכענען מיט דער נייער ווירקלעכקייט, אַ מין „יהרג ולא יעבר" עקסטרעמיסטן, וועלכע האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן אויף אַ האָר אפילו וואָס עס איז שייך פרומקייט.

צווישן די דאָזיקע זייער פרומע אידן האָבן עס געהערט אַזוינע ווי ר' לייביש רינג (יחזקאל רינג׳ס פאָטער) און ר' מרדכי פּערלשטיין, פישל פּערלשטיינ׳ס פאָטער. אויב דער ערשטער האָט זיך דאָך אָביסל געבויגן און נישט ווילנדיקערהייט האָט ער דאָך געמוזט שלום מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז זיין זון, יחזקאל (וועלכער איז געוואָרן אַ אידישער בעל מחבר) וועט עס נישט גיין אויפ׳ן אויסגעטראָטענעם וועג פון זיינע אבות-אבותיו, האָט אָבער דער לעצטער, ר' מרדכי פּערלשטיין אויף קיין שום אופן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם שטראָם פון צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט!

וואָלט געווען פישל פּערלשטיין געגאַנגען אויפ׳ן אויסגעטראָטענעם וועג פון זיינע עלטערן און ווען ער וואָלט זיך געווען געפירט באַשיידן און פרום ווי זיין פאָטער, דער הייסער מונקאַטשער חסיד, ר' מרדכי פּערלשטיין, וואָלט ער העכסטענס געווען נאָך איינער ווי די רעשט סיגעטער בחורים פון עקסטרעם חסידישן קרייז.

האָט אָבער פישל זיך פאַרקירעוועט אין אַ דיפערענט דירעקציע, איבעררייסענדיק די טראַדיציע פון זיין פרומער משפחה, וועלכע איז געווען איינע פון די פרומסטע אין שטאָט, און ער האָט עס אָנגעהויבן צו גיין אויף נייע וועגן, לאָזנדיק זיך מיט׳ן שטראָם פון דער מאָדערנער צייט — האָט ער טאַקע געהאַט אויסצושטיין מערער רדיפות פון איטלעכען אין שטעטל, פון נישט קיין אַנדערע ווי טאַקע פון זיין אייגענער משפחה. זיינע אייגענע געשוויסטער האָבן נישט געטאָרט שטיין מיט אים אין וואָרט, וויל אַזוי האָט זיין פאָטער, ר' מרדכי פּערלשטיין, גוזר געווען! פאַר יאָרן האָט פישל נישט געטאָרט איבערטרעטן די שוועל פון זיינע

עלטערנס הויז.

איך קלויב זיך אַצינד נישט צו דערציילן קיין קאַפּיטלעך מעשיות פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ענלעכע מעשיות אין גאַליציע און אין פּוילן בעת דעם סאַמע קלימאַקס פון דער „השכלה־עפּאָכע". ניין, נישט קיין מעשיות פון פאַריקן יאָר־הונדערט, קלויב איך זיך צו דערציילן אַצינד, נאָר אַ מעשה שהיה אין די שפּעטע דרייסיקער ביז צום סוף פון 1940 אין סיגעט, ביז צום סאַמע ראַנד פון דער באַגינונג פון דער צווייטער וועלט מלחמה. איך האָב מורא, אַז אויב דער אידישער היסטאָריקער וועט אַמאָל וועלן אַנאַליזירן אין אַ סך הכל די „השכלה־עפּאָכע" אין מזרח אייראָפּע, וועט ער זיך מוזן אָפּשטעלן אין סיגעט!

פישל'ס צרות האָבן זיך אָנגעפאַנגען אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר און ווען מען האָט אים שוין אפילו געהאַט גערעדט שידוכים... זיין פאָטער האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט, לייענענדיק ח. נ. ביאַליק'ס שירים. זיין פאָטער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם בילד פון'ם מחבר און ער האָט דערזען פאַר זיינע אויגן אַ מגושמ'דיקע צורה אין בלויזן קאָפּ... וואָלט דאָס בוך כאָטש נישט געווען געשריבן אין אותיות מרובעות, וואָלט נאָך געווען האַלבע צרות — אַז דער פאָטער האָט אָנגעהויבן צו בלעטערן דאָס בוך איז אים ממש געוואָרן פינסטער פאַר די אויגן און ער איז שיר נישט געפאַלן חלשות:

— פישל, רחמנא ליצלן, ס'איז אַ טריפה פסול!...

אייגנטלעך איז דערמיט אַליין ר' מרדכי פערלשטיין נישט געווען קיין גרויסער אויסנאַם פון די איבעריקע סיגעטער חסידישע טאַטעס, וועלכע האָבן, פּונקט ווי ער, געשטערט זייערע קינדער צו לייענען אידישע אָדער העברעאישע ביכער. נאָר בעת אַנדערע טאַטעס האָבן זיך מיט דער צייט דאָך אונטערגעגעבן דעם דרוק פון דער מאָדערנער צייט האָט אָבער ר' מרדכי נישט געוואָלט נאָכגעבן כחוט־השערה.

— אַ כפרה, מיינע שונאים, — האָט ער גע'טענה'ט — אָדער פישל וועט זיין אַ „מענש", אָדער איך וויל פון אים נישט וויסן!

פישל, קענענדיק זיין פאָטער, דעם ראַפינירטן מאַנופאַקטור און שיך־הענדלער, און וויסנדיק, אַז זיין פאָטער איז נישט ווי די איבעריקע חסידישע טאַטעס פון'ם „עץ־החיים" בית המדרש (וואו די עקסטרעם חסידישע אידן האָבן געדאַווענט), האָט פּרובירט זיך צו האַלטן אין דער מעלה, ער האָט פּרובירט זיך אויסצובאַהאַלטן פון זיין פאָטער מיט זיינע

ספרי חיצוניים. אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן! קוים האָט זיין פאָטער געוואָרפן אויף אים אַ חשד, אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה... האָט ער אים אונטערגעשטעלט שפּיאָנען וועלכע האָבן אים נאָכשפּיאָנירט אויף שריט און טריט. אפילו אין דער „עץ החיים" שוהל, וואו פישל פלעגט פאַרברענגען זיינע טעג און נעכט אין לערנען, אפילו דאָרטן האָט אים משה׳לע דער שמש נאָכשפּיאָנירט... און משה׳לע האָט געהאַט וואָס צו דערציילן!

אין איינעם אַ טאָג באַגעגנט דער פאָטער פישל׳ען אויף דער גאַס מיט אַ בוך אונטערן אָרעם:

— וואָס האָסטו אונטערן אָרעם?! — פרעגט דער פאָטער זיין זון מיט חשד.

— אַ ספר. — האָט פישל געענטפערט אומדערצידירט.

— אַ ספר! וואָס פאַר אַ ספר?!

דער פאָטער האָט תוך כדי דיבור אַרויסגעכאַפּט דאָס ספר פון אונטער פישעל׳ס אָרעם, ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דער ערשטער זייט, האָט ער דערזען אַ בילד פון אַ גאַנץ בכבוד׳יקן איד, מיט אַ גאַנץ רוחניות־דיקער צורה נאָר אין בלויזן קאָפּ... ער לייענט: „מענדעלי מוכר ספרים".

— זייט ווען איז דער „מין" מענדעלי מוכר ספרים ביי דיר אַ „ספר"?!

דער פאָטער איז געוואָרן אויסער זיך פון כעס, און ער האָט פישל׳ען אויסגעפּאַטשט אין מיטן גאַס.

באותו היום האָט פישל, צו להכעיס זיין פאָטער, זיך אָפּגעשאָרן זיינע לאַנגע פּיאות און ער האָט אַוועקגעשליידערט זיין חסידיש אַטלאַסענס קאַפּעליוש מיט זיין לאַנגן רעקל און ער האָט זיך אָנגעטאָן „מעשה דייטש".

געשען איז עס געוויס אין 1938 אין סיגעט!

ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז ר׳ מרדכי פּערלשטיין נישט געווען דער איין און איינציקער וועלכער האָט געשטערט זיין זון צו לייענען ספרי חיצונים, אָבער דאָך איז ער געווען מער עקסטרעם ווי סיי ווער אין שטאָט. ער האָט זיך געהאַט זיין ווערסיע אין שייכות דערמיט:

— איינער קאָן נישט האָבן קיין שלעכטע קינדער ווען ער אַליין איז נישט קיין בעל־חוטא — איז אויב איך בין אַ בעל־חוטא, וועל איך טאָן ווי עס שטייט אין דער הייליקער תורה: „ובערת הרע מקרבך". איך וועל טאַקע אָנהויבן ביי זיך, איך וועל אויסראָטן און אויסוואָרצלען די זינד ביי זיך אין הויז!

און ר׳ מרדכי פּערשטיין האָט געהאַלטן וואָרט. מיט אַן אייזערנער פויסט האָט עס ר׳ מרדכי געקעמפּט אַקעגן זיין זון. נישט נאָר האָט ער אים נישט געלאָזט איבערטרעטן די שוועל פון זיין הויז, נאָר ער האָט נאָך געוואָרנט די איבעריקע קינדער, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין מגע־ומשא מיט פישל׳ן, ווייל אפילו זיין אָטעם קאָן אויך שאַטן!

אין איין שיינעם טאָג, והילד איננו. פישל איז אויסן געווען די צייט פון סיגעט. וואו איז פישל פלוצלונג נעלם געוואָרן?!

אַזוי די עלטערן ווי דער עולם אין „עץ החיים״ בית המדרש האָבן, שטילערהייט, מורא געקראָגן, אַז פישל זאָל נישט זיין קיין „מאבד עצמו לדעת״, מען זאָל אים חלילה נישט טרעפן קיין אויפגעהאָנגענעם אויף אַ גאַרטל צי גאָר חלילה נאָך ערגער...

נאָך ערגער, האָט געקענט הייסן, דער פאַל מיט מעכל דעם מגיד, וועלכער איז געווען אַן איידעם ביי אַ מאַרמאַרעשער רב, אַ יונגערמאַן אַ חריף און אַ בקי אין ש״ס ופוסקים, וועלכער איז אַרומגעפאָרן פון שטעטל צו שטעטל פּראָווען מגידות און אין איין שיינעם טאָג איז מען געוואויר געוואָרן אַז מעכיל דער מגיד האָט זיך, רחמנא ליצלן, גע׳שמד׳ט און ער איז נאָך געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין דעם אַנטיסעמיטישן קרייז פון דער רומענישער צייטונג „פּאַרונקא ווּרעמיע״, אין בוקאַרעסט.

צי ער האָט זיך טאַקע אויף אַן אמת׳ן גע׳שמד׳ט, איז נישט וויכטיג, אָבער דער עולם איז געווען זיכער, אַז ער האָט זיך גע׳שמד׳ט. אַ סימן, ער איז אַ מיטאַרבעטער אין אַן אַנטיסעמיטישער צייטונג.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָט דעם מעכיל דעם מגיד, ווי ער פלעגט עס דרשנ׳ען און ווי ער פלעגט עס באַזאַלצן זיינע רייד מיט משלים און מיט אַ „מורי ורבותידיקן״ ניגון, וועלכער פלעגט זיך צעגיין איבער אַלע אברים. עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין מיין זכרון איינער פון זיינע משלים:

„מורי ורבותי, בכדי צו אילוסטרירן די היינטיקע אַנטיסעמיטישע לאַגע איבער דער וועלט, אין שייכות מיט אונזערע תפילות צום רבונו של עולם, וועל איך אייך ברענגען אַ משל: עס איז געווען אַ דאָקטאָר, אַ גרויסער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט געהאַט אַן איין און איינציקן זון, אַ בן יחיד, וועלכער איז פאַרשלאָפט געוואָרן און איז געווען שטרעבלעך קראַנק, האָט מען אים געמוזט זאָפאָרט אָפּערירן. אַזוי ווי עס פירט זיך ביי דאָקטוירים, אַז אַ פאָטער מאַכט נישט קיין אָפּעראַציע איבער זיין זון,

האָט דער פאָטער איבערגעגעבן זיין זון צו אַ צווייטן דאָקטאָר, אַז ער, דער צווייטער דאָקטאָר, זאָל עס דורכפירן די אָפּעראַציע. אַז דער זון האָט געזען ווי די דאָקטוירים גרייטן עס צו די מעסערס און די איבעריקע מכשירים און אינסטרומענטן צום אָפּערירן, האָט זיך דער זון, דעם דאָקטאָרס בן יחיד, געווענדט צו זיין פאָטער בזה לשון:

„טאַטעניו, טאַטעניו, שנייד דו מיין פלייש, ווייל אַז דו וועסט שניידן מיין פלייש וועסטו אויך מיטפילן מיין ווייטאָג. אָבער אַז אַ פרעמדער וועט שניידן מיין פלייש, וועט ער דאָך נישט מיטפילן מיין ווייטאָג!"

דער נמשל האָט געזאָלט זיין, אַז די אידן בעטן זיך ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל אונז שניידן, אויב ער וויל אונז ליידן אָנטאָן פאַר אונזערע זינד און ער זאָל אונז נישט איבערגעבן אין די הענט פון אַ היטלער, ימח שמו, ווייל, אַז דער רבונו של עולם וועט אונז שניידן, איז „עמך אנכי בצרה", פילט ער מיט אונזער ווייטיק, אונזער גלות, ווייל די שכינה איז אין גלות מיטן אידישן פאָלק, מה שאין כן, אַז היטלער, ימח שמו, טוט אונז אָן צרות, פילט ער נישט מיט אונזער ווייטיק!

און אָט דער דאָזיקער מעכיל דער מגיד איז עס דווקא געוואָרן אַ משומד און אַן אַנטיסעמיט אויך נאָך דערצו.

(אין יאָר 1962, בשעת איך האָב פאַרעפנטלעכט מיינע זכרונות אינעם „קענעדער אָדלער", האָב איך נישט געוואוסט, אַז מעכיל איציק ווידער לעבט אין ישראל און אַז ער איז גאָר געוואָרן אַ בעל־תשובה... ער איז מיט איניקע יאָרן צוריק געשטאָרבן אין ישראל און אַזוי די העברעאישע ווי די אידישע פרעסע האָבן דערמאָנט דעם פענאָמען מעכיל איציק ווידער).

נאָר נחזור לענינינו, וואָס שייך פישל פערלשטיין. ער איז נישט פון די יעניקע וואָס כאַפּן זיך אויפהענגען אָדער נאָך ווייטער דערפון איז ער, אַז ער זאָל חלילה גיין זיך שמד'ן. פישל איז סתם אַנטלאָפן קיין טשער־נאָוויץ. ער איז געפאָרן שטודירן, ער איז געפאָרן נאָשן אַביסל השכלה!

איך ווייס נישט גענוי וויפיל פישל האָט שטודירט און וואָס ער האָט שטודירט אין טשערנאָוויץ, אָבער איין זאַך ווייס איך יאָ, פישל איז אַהיימגעקומען פון טשערנאָוויץ אַ רעציטאַטאָר פון אידישע לידער.

אַז לייבו לעווין, דער באַרימטער רומעניש־אידישער רעציטאַטאָר האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין סיגעט און אַז ער האָט געהערט פישל'ן רעציטירן אידישע לידער, איז ער שטאַרק באַגייסטער געוואָרן און ער האָט אים

פּאַראויס געזאָגט אַ גרויסע קאַריערע אין דער צוקונפט אויף דעם דאָזיקן געביט. אין אמת׳ן האָט פּישל געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט פאַר רעציטאַציעס און אינטערפּרעטאַציעס פון אידישע לידער. זיין דיקציע איז געווען אַזאַ קלאָרע, אַז איטלעכעס וואָרט האָט זיך אַריינגעגעסן אין האַרצן ווי עס וואָלט געווען געהאַקט פון גראַניט. ער האָט געהאַט אַ זייער אָנגענעמע שטימע און אין זיין קול נגינה פלעגט ער אַריינפלעכטן תנועות פון דעם מונקאַטשער רבי׳נס נוסח. אויסער זיין נאַטירלעכן טאַלאַנט האָט ער נאָך באַזעסן די קונסט פון וויינען, טאַקע וויינען בדמעות שליש, בעת ער פלעגט רעציטירן אַ טרויעריק ליד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס פּישל׳ס פאָטער האָט אַ נאָמען געגעבן אַ לשון קודש׳דיגן נאָמען פאַר טשערנאָוויץ „צערני־ובוז״, — „מיין צער און שאַנד״.

איינע פון די אויסטערלישע זאַכן וועגן פּישל׳ן: קיין גרויסער קראַסאַוועץ איז ער נישט געווען, אָבער ער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ביים איידעלן מין. נישט איין סיגעטער מיידל איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכן האַרץ זייענדיק פאַרליבט אין אים...

▼

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט דער מזרחי פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין סיגעט, וואָס שייך דעם אינטעלעקט פון זייערע מיטגלידער, אָבער עס וואָלט געווען אַן עוולה פון מיין זייט, אַז איך זאָל נישט באַמערקן, אַז אויפ׳ן צווייטן אָרט איז געווען די אגודה.ביידע אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אַן אייגען בית המדרש און ביידע האָבן עס געהאַט די מערסטע צאָל מעמבערס און אויך אויפ׳ן קולטורעלן געביט האָבן די צוויי אָרגאַניזאַציעס געהט וואָס אויפצואווייזן. זיי האָבן באַוויזן אַז אַפילו אויפ׳ן טעאַטער געביט קענען זיי זיין טעטיק. איטליכן פורים פלעגט דער מזרחי מאַכן אַ „פאַרשטעלונג״ אויף דער בינע פונ׳ם גרעסטן לאָקאַל וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט, אין „טאַרנאַ־טשאַרנאַק״. דאָס לאָקאַל איז אַלע מאָל געווען איבערפולט מיט הונדערטער צושויערס און די „שוי־שפּילערס״ האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט נישט ווייניק טאַלאַנט. איבערהויפּט האָט זיך עס אויסגעצייכנט אויף דעם דאָזיקן געביט שמואל שטיין, י. ד. איזראַעל (דער רעדאַקטאָר פון „אויפגאַנג״), האָט אַלעמאָל געשפּילט די „פּרויען־ראָלן״, ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ גאַנץ רייצענדע מויד, — איך געדענק צוויי פון די פּיעסעס וואָס מזרחי האָט געהאַט פאַרגעשטעלט: „אַ מיליאָנער

אויף צרות" און „הערצעלע מיוחס".

וואָס שייך די אגודה: יחזקאל רינג, זייענדיק אַן אגודיסט, האָט אַליין פאַרפאַסט די פּיעסן און ער האָט טאַקע אַליין געשפּילט די הויפּט־ראָלן. די פרויען־ראָלע פלעגט שפּילן וואָלף טאַמבור (אַ אידישער שרייבער). איך געדענק צוויי פון די פּיעסן וואָס די אגודה האָט אַראַנזשירט: „יענקל בעל תשובה" און „מרדכילי דער ישיבה־בחור".

די אַלע פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען נאָר אין פּורים. און הפלא־ופלא, יחזקאל רינג'ס פאָטער, ר' לייביש רינג, בכבודו ובעצמו, איז אויך געקומען שעפּן נחת פון זיין זון יחזקאל און ער איז געקומען מיט זיין שטריימל און זשיפּיצע (פּורים פלעגן די סיגעטער אידן טראָגן בגדי שבת) אין „פּאָלגאַרי־קער", אין לאָקאַל וואו די פאָרשטעלונגען פלעגן פאָר־קומען, און ער, ר' לייביש, פלעגט זיך צוקוקן צו זיין זון יחזקאל ווי ער שפּילט די ראָלע פון „יענקל בעל תשובה" אָדער „מרדכילי דער ישיבה־בחור". ר' לייביש רינג איז געקומען מיט אַן אויסרייד, אַז דעריבער קומט ער צו די פאָרשטעלונגען, ווייל ער וויל האָבן השגחה, אַז קיין פרויען זאָלן זיך נישט אַריינבאַקומען אינ'ם לאָקאַל, כדי עס זאָל נישט זיין קיין תערובות נשים ואנשים. האָט עס טאַקע פּאַסירט אַז איינמאָל האָט ר' לייביש רינג זיך צעשריגן, אַז ער האָט געזען אַ פרוי' אויפ'ן באַלקאָן, — צי עס איז טאַקע געווען אמת צי נישט, אָבער מען האָט געמוזט דעם ענין גוט חוקר ודורש זיין!

אָבער אין אמת'ן האָט עס פאַר ר' לייביש רינג פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל פאַרגעניגן צוקוקנדיק זיך צום שפּיל און ער האָט געהאַט מער עונג פּורים פון אַלע אַנדערע „עץ־החיים" מעמבערס, וועלכע האָבן נישט פאַרפעלט צו קריטיקירן ר' לייביש'ן פאַר זיין „קלות" צו גיין זיך צוקוקן צו עפּעס „אַ קאָמעדיע".

וואָס שייך ר' מרדכי פּערלשטיין, ביי אים איז די אגודה אויך געווען טריף. דאָס וואָס מען לערנט דאָרטן אַ דף־היומי, איז ביי אים גאַנץ אַ קליינער אויפטו:

— ווער הייסט זיי לערנען בלויז איין דף גמרא אַ טאָג?!...

אפילו דאָס וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי מנחם העלער, דעם סיגעטער ראש בית־דינ'ס, ר' שלמה העלערס זון, איז געווען דער אָנפירער פון דער אגודה, אפילו דאָס האָט די אגודה נישט גע'כשר'ט אין די אויגן פון די עקסטרעמיסטן. אַזוי ר' שלמה העלער ווי זיין חסידישער זון מנחם,

זיינען געווען גרויסע תּלמידי חכמים און זיי זיינען געווען אַ שם דבר נישט נאָר אין סיגעט גופא, נאָר אין אַלע סביבות פון סיגעט האָט מען פאַר זיי געהאַט גרויס דרך ארץ.

נאָך מיט איין זאַך מעג זיך סיגעט גרויס האַלטן. די סיגעטער אידן האָבן געהאַט מער דרך ארץ פאַר אַן אָפּגעהיטענעם איד, אָדער אַ איד אַ תּלמיד חכם, ווי פאַר די גרעסטע נגידים. אַזוינע אידן ווי ר׳ ישעיה וויס, אַ איד אַ בקי אין ש״ס ופּוסקים, ר׳ מאַניש דער סופר, אָדער ר׳ יאָסעלע, לעהר שוחט, פאַר די דאָזיקע אידן און פילע אַנדערע ווי זייערס גלייכן, האָט סיגעט געהאַט גרויס אָפּשיי און זייערס אַ וואָרט האָט מען ממש אויפגעכאַפּט און עס איבערגעגעבן מפּה־לפּה.

וואָס שייך אידיש טעאַטער, איז סיגעט אַלע מאָל געווען אויסגע־הונגערט אויף דעם דאָזיקן געביט. איז וויפיל מאָל עס האָבן זיך געיאַוועט אידישע אַקטיאָרן אין שטעטל האָבן זיי אַלע מאָל געהאַט גרויס דערפאָלג.

עס האָט געלונגען דעם שרייבער פון די שורות צו אַראַנזשירן אַ „פאָרשטעלונג״ אין סיגעט אַזוי שפּעט ווי פּורים 1940. די אידישע לאַגע איז שוין נישט געווען קיין צו גינסטיקע אין רומעניע, מען האָט שוין נישט געקראָגן קיין אויטאָריזאַציע פון די מאַכט אָרגאַנען פאַר אַט דער אַרטיקער פאָרשטעלונג. עס האָט געדויערט לאַנג ביז מען האָט שוין יאָ גע׳פּועל׳ט, עפּעס אַ שטיקל דערלויבעניש און ווען מען האָט שוין געקראָגן די דער־לויבעניש, איז עס ערשט געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן, און דאָך איז מיר געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַ גרופּע יוגנטלעכע אין עלטער צווישן 16 און 18 יאָר. — האָבן מיר געשפּילט אַן אַ דערלויבעניש, צוויי „איינאַקטער״. „עולם הבא״ פון שלום עליכמ׳ען און „בריליאַנטן״ פון טונקעלער. מיר האָבן געמוזט שפּילן בחדרי חדרים, דאָך האָבן זיך באַטיי־ליקט עטלעכע הונדערט צושויער. דער דערפאָלג איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב געמוזט ריזיקירן מיט צוויי עקסטראַ פאָרשטעלונגען. — עס האָבן זיך באַטייליקט אין די שפּילן די ברידער אייזיק און מתתיהו דאַווי־דאַוויטש, נתנאל דאַווידאָוויטש, בוזי טראַכטענבערג, רחל לאָוטער, בלאַנקאַ איידזיקאָוויטש (מיין זיווג) מיט איר ברודער אָסקאַר. דאָדי ווינער האָט באַגלייט די מוזיק מיט אַן אַקאָרדיאָן.

דער ראַפּאָרט פאַרשפּעטיקט טאַקע מיט היפּשע יאָרן. — אָבער סיגעט האָט אין יענער צייט נישט געהאַט קיין אידישע צייטונג, איז זאָל זיין שפּעטער איידער קיינמאָל! נאָר צום באַדויערן זיינען די גרעסטע טייל

פון די שווישפּילערס אומגעקומען פון די נאַציס.

און אחרון אחרון חביב, — פישל פערלשטיין האָט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט געקאָנט באַווייזן פאַר אַ גרעסערן פּובליקום וואָס ער קאָן. ער, פישל, האָט ממש „גע'גנב'עט" די פאָרשטעלונג מיט זיין דערפאָלג אלס רעציטאַטאָר.

— — — — — — — — — — — — —

אַזוי ווי איך האָב אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל מיט'ן „טאַטע" פון דער סיגעטער השכלה עפּאָכע הערש לייב גאָטליב און ענדיק מיט מיין יוגנט חבר פישל פערלשטיין, וויל איך נאָר נאָך אַזוי פיל באַמערקן, אַז צופעליקערווייז, האָט דער שרייבער פון די שורות געהאַט אַ מערקווירדיקן שייכות אי צו הערש־לייב גאָטליב און אי צו פישל פערלשטיין.

וואָס איז שייך דעם ערשטן:

ווען מיין ברודער גרשון האָט חתונה געהאַט, אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן, איז דער שרייבער פון די זכרונות פיר יאָר אַלט געווען. עס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז הערש לייב, שוין אַ זקן אין די ניינציקער, איז געווען דער מאַרשעליק ביי מיין ברודערס חתונה. וואָלט מען עס געווען נישט אַזוי פיל מאָל ווידערהאָלט אין די משפּחה קרייזן, אַז הערש לייב איז געווען דער מאַרשעליק און ווען מיין ברודערס חתונה וואָלט זיך מיר געווען נישט איינגעקריצט אין מיין זכרון, וואָלט איך מסתמא פאַרגעסן אין הערש לייב'ן. אָבער אַזוי ווי איך געדענק מיין ברודער'ס חתונה, האָב איך זיך נאָכדעם אויך דערמאָנט אינ'ם מאַרשעלעק. אַזוי ווי הערש לייב האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין בדחנות און ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, האָט זיך מיין ברודער, אברהם שמואל אָנגערופן:

— ר' הערש לייב איר האָט פאַרגעסן אויסצושפּילן אַ מזל טוב פאַר אָט דעם דאָזיקן מחותן!

— איך געדענק נישט גענוי וואָס פאַר אַ מזל טוב דער הויכער און גרייז־גרויער הערשט לייב האָט מיר אויסגעשפּילט, אָבער איך געדענק אויסגעצייכנט גוט, אַז דער עולם האָט געקוויטשט פאַר געלעכטער און אַז אויך איך האָב מיטגעלאַכט, און אַז מיין ברודער האָט מיר אַריינגערוקט אין הענטל עפּעס פּאַפּירן געלט איך זאָל דערמיט מהנה זיין הערש לייבן און אַז הערש לייב האָט מיר געגעבן אַ קניפּ אין דער באַק און אַ קוש אין שטערן און מיר אָנגעוואונטשן אַ מזל טוב.

צווישן דער משפּחה האָט מען נאָך דעם גערעדט, אַז מיין ברודערס

חתונה איז געווען פון די לעצטע אויף וועלכער הערש לייב איז געווען דער בדחן. אויב דאָס איז אמת, דעמאָלט בין איך געווען פון די לעצטע וועמען הערש לייב האָט אויסגעשפּילט אַ מזל טוב.

וואָס שייך מיין חבר פישל פּערלשטיין:

צווישן אַלע ראָמאַנסן אין וועלכע פישל איז געווען פאַרוויקלט אין סיגעט, האָט ער זיך אויך פאַרוויקלט מיט איינער צו וועלכער איך בין נישט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק. — אַז ער איז עס געוואויר געוואָרן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער פילט אַ חבר׳שן חוב צו מיר, און אַז ער איז באַרייט צו אָפּפערן זיינע ליבעס געפילן און אויפגעבן זיין ראָמאַנס. — איך, פון מיין זייט, האָב אויך געזאָגט דאָס זעלבע...

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן ביידע מקריב געווען אונזערע ליבעס געפילן אויפ׳ן מזבח פון „אמור" און מיר האָבן ביידע אויפגעגעבן אונזער „וועגוס".

און נאָך עפּעס: מיין חבר האָט מיך געבעטן, אַז ווען איך וועל אַמאָל שרייבן מיינע זכרונות וועגן סיגעט (אַז איך וועל שרייבן זכרונות וועגן סיגעט איז ער געווען הונדערט פּראָצענט זיכער) — דעמאָלט זאָל איך זיין נייטראַל, און איך זאָל קיינעם נישט דן זיין לכף חובה. — טייערער חבר! איך בין דיך נישט דן לכף חובה און איך בין דיינע עלטערן נישט דן לכף חובה, איך שרייב בלויז טריקענע פאַקטן, זכרונות, — וועמען איך בין יאָ דן לכף חובה, איז די נאַציס ימח שמם וזכרם וועלכע האָבן אַוועקגערויבט דיין לעבן און דאָס לעבן פון דיינע עלטערן. ה. ינקום דמם!

❀

צוויי בעלי־עבֿרה׳ניקעס

אויב פישל פערלשטיין (וועלכן איך האָב אין פאַריקן קאַפּיטל פאָר־געשטעלט אַלס פּראָטאָטיפּ אין שייכות מיט דער סיגעטער השכּלה עפּאָכע) איז געווען איינער פון מיינע אינטערעסאַנטסטע חברים אין פּעריאָד פון מיין בר־מצווה ביז צו מיין צוואַנציק יעריקער עלטער, דעמאָלט קען איך באַצייכענען מיין חבר מלך קיש אַלס מיין אינטערעסאַנטסטן חבר צווישן מיינע חדר׳שע יאָרן און מיין בר־מצווה.

מלך קיש איז אויסגעוואַקסן אַלס אַ באַרימטער מאַרשעליק אין סיגעט און איז שנעל באַרימט געוואָרן אין גאַנץ טראַנסילוואַניע. שוין אַלס 15־16 יעריקן בחור פלעגט מען אים רעזערווירן אויף חתונות פון נאָענט און פון ווייט. דער עולם האָט פון זיין בדחנות אַנגעקוואָלן און זיך אַמוזירט ווי אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, בעת דער וועלט באַרימטער בדחן הערש לייב גאָטליב האָט געלעבט און וועלכער האָט געטראָגן די בדחנ׳ישע קרוין, פאַר יאָרן און יאָרן, אין גאַנץ עסטרייך־אונגאַרן.

אָבער איך קלויב זיך איצט נישט צו דערציילן קיין איינצלהייטן פון מלך קיש, דעם מאַרשעליק, נאָר פון מלכ׳ן דעם מזיק, אַלס חדר־איינגל.

אַזוי דער שרייבער פון די שורות ווי מלך קיש זיינען אין זייערע קינדערשע יאָרן געשטרויכלט געוואָרן און זיי האָבן עובֿר געווען אויף צוויי געבאָטן פון די עשׂרת הדיברות. די צוויי געבאָטן וועלכע מיר האָבן עובֿר געווען, זיינען געווען „גניבֿה" און „חילול שבת". (וועגן „לא תחמוד" וועל איך בעסער נישט רעדן...). נאָכדעם ווי מען האָט אונז געכאַפּט ביי דער האַנט אין ביידע עבֿירות האָבן מיר גרויס חרטה געקראָגן און מיר זיינען געוואָרן גרויסע בעלי־תשובֿה אויף אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן אַזש געוואָלט אַראָפּברענגען משיח׳ן מכוון זייענדיק דעם שם־המפורש...

די דאָזיקע איבערלעבענישן זיינען איינע פון די קאָמישסטע אין מיין לעבן און איך וויל, אַז דער חשובֿ׳ער לייענער עולם זאָל זיך טיילן מיט מיר אין דעם הומאָר פון די קאָמישע סיטואַציעס.

נאָר איך וויל זיך באַצייטנס רעכטפאַרטיקן, אַז וואָס שייך אונזערע אָפּגעטוענע עבֿירות, איבער וועלכע עס וועט זיין די רייד אין דאָזיקן קאַפּיטל, איז מיין יצר הרע געווען מלכ׳קע, ער איז עס געווען דער

איניציאַטאָר פוןביידע אָפּגעטוענע עבירות...

איך ווייס נישט צי איך האָב נאָך געהאַט אַ חבר מיט וועלכן איך זאָל געווען האָבן געגאַנגען אין איין חדר צוזאַמען פאַר אַזויפיל יאָרן ווי מיט אָט דעם מלכ׳קע מזיק, אָנגעהויבן פון דרדקי מלמד, ר׳ זלמן לייב שטויב, ביז צו די סאַמע ישיבה־יאָרן.

דערמאָנענדיק דעם נאָמען ר׳ זלמן לייב שטויב, קען איך נישט פאַרבייגיין און נישט דערציילן איינעם פון די טראַגי־קאָמישסטע עפּיזאָדן אין מיין לעבן אין שייכות מיט אָט דעם מערקווירדיקן דרדקי מלמד.

איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען דעם אלף־בית ביי ר׳ זלמן לייב׳ן ווען איך בין דריי יאָר אַלט געווען. ר׳ זלמן לייב איז געווען אַ איד מיט אַ הדרת־פּנים, ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ חסידישער רבי איידער אַן איינפאַכער מלמד. בעת ער פלעגט רעדן און דערמאָנען דעם נאָמען פון השם־יתברך פלעגט ער פאַרגלייזן זיינע אויגן כלפּי מעלה און עפּעס מכוון זיין... ער איז געווען איינער פון די פרומסטע און אָפּגעהיטנסטע מלמדים אין סיגעט, אַ איד אַ גרויסער ירא־שמים, וועלכער האָט גענומען זייער ערנסט זיין פאַך, זיין מלמדות.

אַזוי ווי דער דאָזיקער מלמד האָט געזען, אַז ער וועט האָבן אַ שווערע אַרבעט, אַ שווערע קנעלונג, מיך אויסצולערנען דעם אלף־בית און צו מאַכן פון מיר אַ לייט, האָט ער געראָטן מיין פאָטער, אַז ער זאָל מיך אַרויסנעמען פון חדר, ווייל לא די וואָס איך וויל אַליין נישט לערנען בין איך נאָך דערצו מבטל אַנדערע קינדער אויך. מיין פאָטער האָט דערפון נישט געוואָלט הערן. האָט דער בידנער ר׳ זלמן לייב פּרובירט און פּרובירט צו מאַכן פון מיר אַ לייט, אָבער כאָטש האַק און בראָק, עס איז אַ נעכטיקער טאָג, איך וויל נישט צולייגן דעם קאָפּ. ער האָט אפילו פּרובירט דורכן „מלאך" מיר אַראָפּצוואַרפן צוקערקעס פונ׳ם הימל... אַז ר׳ זלמן לייב האָט געזען, אַז גאָרנישט העלפט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און אין סאַמע מיטן טאָג איז ער איינמאָל אַריבערגעלאָפן צו מיין טאַטן און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל גלייך קומען און מיך אַהיימ־נעמען, ווייל נישט איך וויל לערנען און נישט איך לאָז אַנדערע קינדער לערנען, אַן עכטער ירבעם בן נבט!...

אַז מיין טאַטע מיט ר׳ זלמן לייב׳ן האָבן פּרובירט צו ברעכן מיין עקשנות מיט גוטן און מיט בייזן און אַז גאָרנישט האָט נישט געהאָלפן האָט פּלוצים ר׳ זלמן לייב אָנגעווענדעט אַ דראַסטיש מיטל, ער האָט

אַרויסגעגעבן אַן אורטייל: „אין גיהנום!"...

און אומר ועושה. אין ספינקער קלייזל, וואו דאָס חדר איז געווען און וואו ר' זלמן לייב איז געווען שמש, איז געווען אַ הרובעלע. האָט ר' זלמן לייב אַראָפּגענומען דאָס אויבערשטע דעקל פונ'ם הרובעלע און אָנגעפילט דאָס הרובעלע מיט צייטונג־פּאַפּיר און ער האָט אונטער־געצונדן דאָס פּאַפּיר, אַזוי אַז דער פלאַם פונ'ם פּאַפּיר האָט אַרויסגעפלאַ־טערט אין דער הויך. ער האָט מיך אויפגעהויבן איבערן פלאַם, אַזוי אַז כ'זאָל פילן די היץ פונ'ם „גיהנום"... אַזוי דער מלמד ווי מיין טאַטע האָבן מיך ביידע געפרעגט אין איין קול און אין איין לשון:

— וועסטו לערנען, אָדער דו ווילסט בעסער ברענען אין גיהנום?...

אַלע קליינע קינדער האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל און אַז זיי האָבן שפּעטער נישט געוואָלט לערנען איז געווען גענוג, אַז מען זאָל זיי שרעקן מיטן גיהנום, אַז זיי זאָלן נאָכדעם באַקומען מער חשק צום לערנען...

מיין חבר פישל פּערלשטיין, וועלכער איז געווען עלטער פון מיר מיט קנאַפּע צוויי יאָר, האָט אויך דעמאָלט געלערנט מיט מיר צוזאַמען אין חדר און ער האָט עס בעסער געדענקט דעם דאָזיקן עפּיזאָד פון גיהנום און נישט נאָר איינמאָל פלעגט ער מיך אַלץ דערמאָנען דערין אויסשרייענדיק אין גוטמוטיקייט: „אין גיהנום אַריין!"... טאַקע אָט דעם דאָזיקן פישל'ען האָב איך עס צו פאַרדאַנקען וואָס ער האָט מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפגעפרישט מיין זכרון אין שייכות מיטן גיהנום.

ווי שטאַרק געלייטערט איך בין עס אַרויסגעקומען פון יענעם גיהנום וועלן די חשוב'ע לייענער זען, לייענענדיק ווייטער.

נאָר וואָס עס איז שייך ר' זלמן לייבן, איך האָב ביי אים געלערנט גאַנצע זיבן זמנים (דריי און האַלב יאָר) אָן אַן איבעררייס. אָנגעהויבן פון אלף־בית און ענדיקנדיק אַ גמרא־אינגל. ווען איך בין געוואָרן אַ ישיבה־בחור האָט ער זיך געריימט מיט מיר, אַז איך בין איינער פון זיינע ערשטע תלמידים, אַ תלמיד אַ מוסטער, וועלכער האָט ביי אים געלערנט מער יאָרן ווי סיי וועלכער אַנדערער פון זיינע הונדערטער תלמידים. נאָכדעם, אַז איך בין געכאַפּט געוואָרן אין דער „השכלה" האָבן פיל סיגעטער אידן מיר פּרובירט צו זאָגן מוסר, אָבער ר' זלמן לייב האָט זיך נאָך אַלץ געריימט מיט זיין „מוסטער תלמיד"... איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם פאָלגנדיקן פאַל:

פונקט דעם טאָג ווען איך האָב געהאַט מיין 20־יעריקן געבוירנטאָג (האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה), איז ר׳ זלמן לייב אַריבער־געקומען צו מיר אַהיים און ער האָט מיר געזאָגט:

— אליעזר, אליעזר, ווייסטו וואָס אַ טאָג היינט איז? היינט איז כ׳ אָב, היינט צוואָנציק יאָר צוריק ביסטו געבוירן געוואָרן. וויל איך דיר אָנווינטשן, אַז דיינע עלטערן זאָלן פון דיר פיל נחת האָבן און זאָלסט זיין אַן ערלעכער און אַ פרומער איד.

קיינער פון מיינע נאָענטסטע האָבן זיך נישט געמאַכט קיין ווען פון מיין געבוירנטאָג און מיין צוואָנציק־יעריקן געבורטסטאָג. אַליין האָב איך אויך נישט געוואוסט, אַז אין דעם דאָזיקן טאָג איז עס כ׳ אב די אידישע דאַטע פון מיין 20־טן געבוירנטאָג. אָבער מיין מלמד, וועלכער האָט מיך אַמאָל דן געווען „לשרפה״, ער, ר׳ זלמן לייב שטויב, האָט אין זיין „מוסטער תלמיד״ נישט פאַרגעסן...

איז אויב איך האָב אַמאָל, אין מיינע קינדערשע יאָרן, געהאַט פאַר־איבל און אַ שווער האַרץ אויף דעם דאָזיקן ר׳ זלמן לייב׳ן, האָב איך איצט געפילט ווי אַרומצוכאַפּן זיך מיט אים און זיך קושן מיט אים. איבערהויפּט זעענדיק די פאָטערלעכע ליבע וועלכע האָט אַרויסגעשטראַלט אין די בליקן פון זיינע גרויסע טרויעריקע אויגן צו זיין תלמיד, נישט געאַכט דערויף וואָס צווישן מיר און אים איז ממש געווען אַ תהום מיט דיפערענצן, האָב איך ערשט געקענט אָפּשאַצן זיין צוגעבונדנקייט צו מיר. האָב איך ממש געפילט, אַז ווי גלייך צווישן מיר און אים זיינען אָפּגעווישט אַלע גרעניצן פון מיינונגס־פאַרשיידנקייטן און חלוקי דעות... און אפשר האָט טאַקע ר׳ זלמן לייב זיך געפילט אַביסל שולדיק אַנטקעגן מיר, וואָס ער האָט עס אַמאָל מיך פאַראורטיילט „אין גיהנום!״ און ער האָט עס איצט געוואָלט זיך אויסקויפן זיין שולד געפיל אַנטקעגן מיר. ווער ווייסט?...

רעדנדיק וועגן ר׳ זלמן לייב׳ן קען איך נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט און אים נישט נעמען פאַר אַ מוסטער ווי אַזוי אַ גאַנצע פאַמיליע, פון קליין ביז גרויס, קען עס זיין איינגעשפּאַנט אינם יאָך פון פרנסה און אַלץ זאָל די פאַמיליע לעבן אין גרויס דחקות.

ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז ר׳ זלמן לייב געווען אי מלמד און אי שמש. זיין עלטערער זון, יוסף מרדכי, איז געווען זיין באַהעלפער; זיין צווייטער זון, ישראל בער, איז געווען אַ חזר־בחור, ער האָט געלערנט

מיט פינף־זעקס ישיבה בחורים גמרא און תוספות. אויך איך בין געהאַט געווען זיין תלמיד־; זיין ווייב, איידל, האָט געהאַט אַ בודקע אין וועלכער זי פלעגט פאַרקויפן פאַרשיידענע שמאַכטעס, וואַרעמענדיק זיך, אין ווינטער ביי אַ טאָפּ מיט קוילן; די צוויי טעכטער, בלומע־עלקע און רייזל פלעגן אויך אַרויסהעלפן דער מוטער אין איר פּרנסה. אפילו דער צען־יעריקער חיים־בנימין, דער מוזיניק, פלעגט אויך אַרויסהעלפן דער מוטער אין דער פּרנסה. פונדעסטוועגן האָט די פאַמיליע געלעבט אין גרויס דחקות! איצט קען מען האָבן אַ ביישפּיל ווי שווער עס איז אָנגעקומען אַ סיגעטער איד צו פאַרדינען אויף צו לעבן.

איצט וואָס עס איז שייך מלך קיש, מיט אים צוזאַמען בין איך עס דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון די חדר'שע יאָרן, אָנגעהויבן טאַקע ביי ר' זלמן לייב'ן און ביי אַנדערע מלמדים, און דאָס איז אפשר די אורזאַך דאָס מיר זיינען געווען די בעסטע חברים צווישן זיך, ווי נאָר מיר האָבן געהאַט אַ פרייע מינוט האָבן מיר זיך געשפּילט צוזאַמען, זיך געשלאָגן צוזאַמען און זיך פאַרטיידיקט צוזאַמען, ווען עמיץ פון די אַנדערע קינדער האָט זיך געוואָלט איזדעקעווען איבער אונז. נאָר די דראַמאַטיש־סטע געשעענישן צווישן אונז האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אונזער עלטער ווען מיר זיינען אַלט געווען אַרום 9־10 יאָר. מיר האָבן צוזאַמען געלערנט יענעם זומער ביי ר' אברהם הערש אָדלער, אַ מלמד, וועלכן די קינדער האָבן גערופן מיט אַן אונגאַרישן נאָמען, „טיזאָלטאָ" (פייערלעשער). דער דאָזיגער נאָמען איז אים פאַרבליבן נאָך פון קיר"ה'ס צייטן, פון די צייטן פון פראַנץ יאָזעף. עס איז געווען אין שטאָט אַ פייערלעשער, וועלכער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי דער ר' אברהם הערש, אַ נידעריקער, אַ ברייט־ביינערדיקער מיט אַ קיילעכדיק לבנה־פּנים, נאָר אָן אַ באָרד. און צוליב דעם דאָזיקן פייערלעשערס ענלעכקייט צו ר' אברהם הערש'ן, וועלכער האָט דווקא געהאַט אַ ברייטע באָרד מיט דיקע פּיאות, האָט מען אים אָנגעקלעפּט דעם נאָמען „טיזאָלטאָ" און מיט דעם נאָמען איז ער שוין פאַרבליבן. ר' אברהם הערש איז געווען אַ בקי אין זיין פאַך, אין זיין מלמדות. ער איז געווען מלמד שוין פאַר'ן צווייטן דור, דאָס הייסט, אַז פיל פון זיינע תלמידים'ס פאָטערס זיינען שוין געהאַט געווען זיינע תלמי־דים. אַ איד אַ גרויסער שלעגער... קיין שום מלמד האָט אין מיינע קינדערשע יאָרן נישט געקענט ברעכן מיין עקשנות מיט שלאָגן נאָר מיט גוטע רייד, אָבער דער איינער, ר' אברהם הערש איז אימשטאַנד געווען

צו ברעכן מיין עקשנות מיט שלעק, ער האָט מקיים געווען דעם „הכה תכה“ אַזוי ווי אין פּסוק שטייט!...

אין איין שיינעם טאָג קומט צו מיר מלך קיש און טראָגט מיר אונטער אַן עסק:

— שווער ביי די ציצית, אַז מיר וועלן זיין חברים ביז ווי לאַנג מיר וועלן לעבן! קוש די ציצית און שווער!...

— איך שווער!...

— מיט אַלעם, וואָס מיר וועלן אַמאָל פאַרמאָגן, וועלן מיר זיין שותּפים, אפילו מיט אונזערע יאָזנס אויך! קיש די ציצית און שווער!

מיט די יאָזנס האָט מלך געמיינט דער עיקר מיינע צוויי רעפטלעך ברויט באַשמירט אָדער מיט זיסן ליקער אָדער מיט פּאַווידלע, וואָס איך פלעג זיך מיטנעמען איטלעכן טאָג אין חדר אַריין און צו וועלכע מלך האָט געהאַט אַלעמאָל אַ גרויסן יצר הרע און נישט איינמאָל האָט עס אים געלונגען אויסצונאַרן פון מיר מיין יאָזן.

— טאָמער גנב׳עסטו אַמאָל עפּעס אין דער היים, איז אויך העלפט דערפון מיין! „קיש די ציצית און שווער!...

אַזוי אַרום זיינען מיר געוואָרן חברים, מיט אַן אָפּמאַך, געקנופּט און געבונדן...

אין איינעם אַ טאָג קומט צו מיר מלך און ער זאָגט מיר, אַז ער האָט מיר צו פאַרטרויען אַ גרויסן סוד, נאָר איידער ער געטרויעט מיר דעם סוד, נישט געקוקט אויף אונזער אָפּמאַך, בין איך מחויב צו קישן דריי מאָל די ציצית און שווערן, אַז איך וועל דעם סוד קיינמאָל פאַר קיינעם נישט דערציילן. דעם סוד האָט ער אַ נאָמען געגעבן: „דער סוד פון רפאל המלאך“...

וואָס פאַר אַ סוד איז עס?

ער האָט גע׳גנב׳עט אַ זילבערן זייגערל וואָס איז ווערט היפּשע עטלעכע הונדערט ליי און אַזוי ווי ער האָט געשוואוירן אַז מיר זיינען שותּפים במילא בין איך שוין אויטאָמאַטיש אַ שותּף אין דער דאָזיקער אַפּערע, דעריבער איז נישט מער ווי יושר, אַז איך זאָל אים העלפן אויפזוכן אַ קונה אויפ׳ן זייגערל און נאָכדעם וועלן מיר זיך צעטיילן מיטן געלט.

— פון וועמען איז עס דיר געלונגען צו גנב׳ענען אַזאַ טייער זייגערל?

— עט, בע, עס איז נישט דיין עסק! אַבי מיר האָבן עס און מיר וועלן עס מירטשעם פאַרקויפן, וועלן מיר לעבן אַ גוטן טאָג!...

ווען איך בין געוואויר געוואָרן וועמעס דאָס זייגערל איז, דעמאָלט איז שוין געווען צו שפּעט חרטה צו האָבן און כאָטש איך האָב נישט געהאַט גאָרנישט צו טאָן מיט דער גניבה אַליין אַליין, בין איך פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ שותף. עס זעט אויס, אַז מיין אָפּמאַך מיט מלכ׳ן איז געווען אַ „לעגאַל״ גילטיקער אָפּמאַך!

די גניבה איז פאָרגעקומען נישט ערגעץ אַנדערש ווי ביים סיגעטער רב אין דער שוהל און דאָס זייגערל איז געווען נישט קיין אַנדערנס ווי ליפּעלעס, דעם סלאָטווינער רב׳ס זונדל׳ס, דעם אַלטן סיגעטער רב׳ס דעם „עצי חיים׳ס״ אַן אייניקלס.

ומעשה שהיה כך היה:

אין די צוואנציקער יאָרן איז דאָס סיגעטער הויף ווי די גאַנצע שטאָט שטאַרק שווער געטראָפן געוואָרן. דער יונגער סיגעטער רב, ר׳ חיים צבי טייטלבוים, דעם איצטיקן סאַטמאַרער רב׳ס ברודער, איז פּלוצים נפטר געוואָרן. די משפּחה ווי די גאַנצע שטאָט איז געווען איינגעהילט אין טרויער, האָבנדיק פאַרלאָרן די קרוין פון׳ם קאָפּ. טאָמער איז דאָס ווייניק געווען, איז אין משך פון געציילטע וואָכן די יונגע רביצין אויך נפטר געוואָרן. זי, די רביצין, האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ די פּטירה פון איר גרויסן מאַן, דעם „עצי חיים״, און זי האָט עס נישט געקאָנט אויסהאַלטן מער. אַזוי אַרום איז פאַרבליבן אַ שטוב מיט יונגע קיילעכדיקע יתומים. מען האָט טאַקע געקרוינט דעם יונגן פערצן יעריקן בחור, זלמן לייב׳ן, פאַר׳ן מרא דאתרא, אָבער ביז ער וועט נישט חתונה האָבן, וועט דער סיגעטער רב׳ס שטול שטיין אַ ליידיקע, אַ פאַר׳יתומ׳טע. ווען עס איז געהאַט פאָרגעקומען די לויה פונ׳ם סיגעטער רב האָט דער שרייבער פון די זכרונות זיך געהאַלטן ביים פאַרטוך פון זיין מוטער, אָבער אַזוי ווי אויף דער לויה איז געווען קינד און קייט, בין איך אויך נישט אויסגע־געבליבן. איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן דעם ווינטער־דיקן טאָג, ווען פרויען און מענער האָבן געוויינט אין אַ מאַסן געוויין אויף דער דאָזיקער לויה: איך האָב אין מיין לעבן איבערגעלעבט גענוג מאַסן טראַגעדיעס, אָבער אַזאַ מאַסן געוויין האָב איך נישט בייגעוואוינט!...

דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אַז מיט אייניקע יאָר שפּעטער ווען די עלטסטע אומפאַרהייראַטע טאָכטער פונ׳ם סיגעטער רב, יוכבד׳ל, איז פאַר׳קנס׳ט געוואָרן צו אַ פּוילישן בחור, אַן עילוי מיטן נאָמען הרב יוחנן טווערסקי, אַז דער גאַנצער סיגעטער עולם האָט געפילט, אַז עס

איז אַ געמיינזאַמע שמחה, די ערשטע שמחה זייט דער פּטירה פון דעם סיגעטער רב און רביצין, און איטלעכער האָט זיך געפילט ווי אַ מחותן אויף דער דאָזיקער חתונה. צו דער דאָזיקער שמחה האָבן געשטראָמט טויזנטער חסידים פון נאָענט און פון ווייט. פון חתנ׳ס צד האָט מען געזען מאָסן מחותנים מיט ספּאָדיקעס. צווישן די גלאַוונע מחותנים פון דער כלה׳ס צד זיינען געווען: ר׳ יואל׳יש טייטלבוים, דער איצטיקער סאַט־מאַרער רב (דעמאָלט נאָך קראָלער רב), דער כלה׳ס פעטער; דער כלה׳ס זיידע, ר׳ שלום אליעזר האַלבערשטאַם, דער ראַצפערדער רב; ר׳ יקותיאל יהודא האַרבערשטאַם, דער קלויזנבורגער רב און דער סלאַטווינער רב, ר׳ יצחק אייזיק האַלבערשטאַם, ליפּעלעס פאַטער, פון וועמען מלך האָט גע׳גנב׳עט דאָס זייגערל, און פיל, פיל, אַנדערע וועלט באַרימטע רבנים און רביים.

צווישן די גרויסע רביים האָבן זיך אויך אָנגעזען די קליינע רבי׳לעך, די רבנישע קינדער, וועלכע זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין זיידענע בעקעטשלעך מיט ברייטע אַטלאַסענע קאַפּעליושן. — גרויס אויפמערקזאַמ־קייט האָט צו זיך צוגעצויגן דעם סלאַטווינער רב׳ס פינף יעריקע זונדל, ליפּעלע, וועלכער איז געזעסן נעבן זיין פאָטער, דעם סלאַטווינער רב, אין סאַמע אויבן אָן צווישן די סאַמע גלאַוונע מחותנים און אויב דער פּראָסטער עולם, חסידים, האָבן באַטראַכט די צדיקי הדור אין זייערע אויגן ווי ריזן פון דער געזעלשאַפט, דעמאָלט האָט ליפּעלע אויסגעזען ווי אַ קליין „ריזעלע".

אינמיטן די שבע ברכות האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ יאָמערלעך געוויין איבער דער שוהל. איבערהויפּט האָט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט דאָס געוויין, ווייל עס האָט זיך געטראָגן פון סאַמע אויבן־אָן. ווער וויינט עס אַזוי יאָמערלעך? ליפּעלע!

ליפּעלע האָט אַ טאַפּ געטאָן אין זיין וועסטל קעשענע און אַז ער האָט באַמערקט, אַז עס פעלט אים זיין זילבערנער זייגער, וועלכן ער האָט באַקומען אַ מתנה פון איינעם פון די חסידים, האָט ער זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון זיין יאָמערלעכן געוויין.

ווער האָט עס אים געקענט גנב׳ענען זיין זילבערנעם זייגער אין סאַמע אויבן אָן, אַז מיט איניקע מינוטן צוריק האָט ער אים נאָך געהאַט?! מען זוכט אונטערן טיש, אפשר האָט ער פאַרלוירן דעם זייגער, אָבער עס איז אוממעגליך, ווייל דאָס זייגערל איז געווען פאַרשפּיליעט מיט

אַ זילבערן קייטעלע. עס איז אַ גנבה!

ווער זשע האָט עס געקענט צוקומען אין סאַמע אויבן אָן, אין אַזאַ געדרענגעניש צווישן טויזנטער חסידים, און צו׳גנב׳ענען ליפּעלעס זייגערל?!

פאַר דעם מאָמענט האָט קיינער קיין אָנונג נישט געהאַט, אַז מלך׳קע מזיק, האָט זיך אַרונטערגערוקט אונטערן טיש און אַז אַזוי אַרום איז עס אים געלונגען אויף אַ קינסטלעכן אופן אָפּצושפּיליען פון ליפּעלען זיין זילבערן זייגערל, בעת ליפּעלע האָט געכאַפּט אַ דרימל...

און אָט צו דעם דאַזיקן זייגערל בין איך עס געוואָרן אַן אויטאָמאַטישער שותף!

אָבער הימל און ערד האָבן געשוואוירן, אַז גאָרנישט אויף דער וועלט זאָל גיין פאַרלוירן! און דער סוד איז שנעל אויפגעדעקט געוואָרן.

אונזער מלמד, אברהם הערש, איז געווען מלמד אין דער זעקסטער קלאַס פון קהל׳ס חדרים, אין דער ערשטער קלאַס איז געווען דרדקי מלמד אברהם הערש׳ס זון, ליפּע. איז צו אָט דעם ליפּען, וועלכער איז נאָך געהאַט געווען אַ בחור, האָט עס מלך אָפּגעטראָגן דאָס זייגערל. ער האָט גע׳גנב׳עט דאָס זייגערל פון איינעם וועמעס נאָמען עס איז געווען ליפּע און ער האָט עס געוואָלט פאַרקויפן אויך צו איינעם מיט דעם זעלבן נאָמען. צופעליקערוויז האָבןביידע ליפּעס געהייסן נאָך איינעם און דעם זעלבן, נאָך אַ געוויזענעם סיגעטער רב,ר׳ חנניה יום־טוב ליפּא, דעם „קדושת־יום טוב״. מלך האָט געוואָלט איינרעדן פאַר ליפּען, אַז ער האָט געפונען דעם זייגער און אַז ער וויל אים פאַרקויפן חצי בחינם...

און געשען איז פונקט אַן אויסטערלעשער פאַל מיט איינעם אַ תלמיד פון דער פינפטער קלאַס פון קהל׳ס חדרים, מיט׳ן נאָמען בייניש, וועלכן מען האָט גערופן בייניש גנב.

דער מלמד אין דער פינפטער קלאַס איז געווען ר׳ ארון בער, אויך אַ גרויסער שלעגער, אַן עלטערער איד פון ר׳ אברהם הערשן, אַ הויכער מיט אַ גרייזגראָער באָרד. ר׳ אַרון (אהרן) בער איז געווען דער עלטסטער מלמד אין סיגעט, וועלכער האָט שוין געלערנט מיט די אייניקלעך פון זיינע תלמידים. אויך ר׳ אהרן בער האָט געהאַט אַן אַלטן צונאָמען, דער „גערי״, אַזוי האָבן אים זיינע תלמידים גערופן. פאַר וואָס זיי האָבן אים גערופן „דער גערי״ ווייס איך נישט, אָבער אַ צונאָמען מוז נישט אַלעמאָל האָבן אַ פירוש, עס איז גענוג אַז מען האָט אים צוגעקלעפּט דעם צונאָמען,

אַז ער זאָל פאַרבלייבן אפילו לדורות...

דערפאַר האָט איטלעכער געוואוסט פאַרוואָס אַרון בער׳ס תלמיד, בייניש, האָט עס באַקומען דעם נאָמען בייניש גנב. דעם נאָמען האָט ער באַקומען דערפאַר, ווייל ער האָט גע׳גנב׳עט פון זיין אָרעמער מוטער פינף ליי און דעריבער האָט די אָרעמע אידענע נישט געקענט איינהאַנדלען קיין עסנוואַרג פאַר איר פאַמיליע און די גאַנצע משפחה האָט דעריבער געהונגערט אַ גאַנצן טאָג. אַז בייניש׳ס מוטער איז נאָך דעם געקומען אין חדר אַריין און אָנגעקלאָגט איר תכשיט פאַר ארון־בער׳ן, איז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז בייניש האָט פון ר׳ אַרון בער׳ן באַקומען זיין „חיים טובים״ און ער איז נאָך דערצו פאַרבליבן מיט׳ן נאָמען בייניש גנב.

עס האָט צופעליק אַזוי פּאַסירט, אַז דער בייניש איז אַריינגעקומען אין אונזער קלאַס אין אַ שליחות פון זיין רבין, ווי פלוצים טאַנצט מלך קיש אַרויס מיט אַן אויסגעשריי:

— בייניש גנב, אַרויס פון דאַנעט!...

דאָ האָט זיך פלוצים אונזער מלמד ר׳ אברהם הערש דערמאָנט, אַז זיין זון, ליפּע, האָט אים דערציילט, אַז מלך און אליעזר האָט אים אָנגע־טראָגן אַ זילבערנעם זייגער און אַז עס וואָלט כדאי געווען חוקר ודורש זיין פון וואַנעט די צוויי חברה־לייט האָבן עס געלייגט זייערע ידים אויף אַ זילבערנעם זייגער מיט אַ זילבערן קייטעלע...

— זאָג נאָר, תכשיט מיינער — האָט זיך מיט אַן איראָנישן קול אָנגערופן ר׳ אברהם הערש, — אויב בייניש איז אַ גנב ווי קומט צו דיר אַ זילבערנער זייגער מיט אַ זילבערן קייטל דערצו?!

קוים האָבן די תלמידים דערהערט, אַז מלך האָט אַ זילבערנעם זייגער מיט אַ זילבערן קייטל, האָבן אייניקע, וועלכע האָבן גוט געקענט ליפּעלען, זיך אָנגערופן:

— עס איז ליפּעלעס, דעם סלאָטווינער רב׳ס!...

דעם דאָזיקן טאָג, האָט דער מלמד ר׳ אברהם הערש אהיימגעשיקט אַלע קינדער פונ׳ם חדר פרי נאָכמיטאָג, נאָר מיך מיט מלכ׳קען האָט ער צוריקגעהאַלטן. ער, דער מלמד, האָט גוט חוקר ודורש געווען, ווי אַזוי מלך האָט עס געקענט צוקומען צו ליפּעלען. טאָמער איז דאָס ווייניק, האָבן מיר געמוזט זיך מודה זיין אין אַלע אונזערע באַגאַנגענע גניבות און עבירות... פאַר יעדער באַגאַנגענער גניבה אָדער סתם פאַר איטלעכער עבירה, האָבן מיר באַקומען שמיץ אויף רעכטס און אויף לינקס מיט׳ן

יאַמעשאָוועם שטעקעלע, מיט וועלכן ר׳ אברהם הערש פלעגט זיך באַנוצן. ווען אונזערע עבירות און גניבות האָבן זיך אויסגעלאָזט און ר׳ אברהם הערש האָט אַלץ געהאַלטן אין איין שמייסן, אַז מיר זאָלן זיך נאָך און נאָך מודה זיין, האָט מלך אָנגעהויבן זיך מודה צו זיין אויף גניבות און עבירות, וועלכע ער איז אין זיין לעבן קיינמאָל נישט באַגאַנגען. ער האָט מיך אויך אַריינגענומען אַלס שותף אין זיינע נישט באַגאַנגענע עבירות, און איך האָב בעל־כרחו מודה געווען אויף אַלעם... איז אויב מען האָט ביז איצט גערופן בייניש — ביינישׁ גנב — האָב איך און מלך קיש באַקומען דעם צונאָמען אין אַ לשון רבים: „די גנבים״.

ווען ליפּעלע האָט געהאַט באַמערקט, אַז עס פעלט אים זיין זילבערנער זייגער און אַז מען האָט אים פּרובירט איינשטילן מיט׳ן צוזאָג, אַז מען וועט אים קויפן אַן אַנדערן זייגער, אַ שענערן און אַ גרעסערן, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. ליפּעלע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און שרייען: „גיב מיר צוריק מיין זיידערל, גיב מיר צוריק מיין זיידערל!״ איז אַזוי ווי ליפּעלעס זייגערל איז געוואָרן פאַרן מאָמענט די סענסאַציע פון׳ם טאָג אינ׳ם סיגעטער הויף און עס איז געווען אַ גרויסע פּליאה ווי אַזוי אַזאַ „חילול השם״ האָט עס געקענט פאָרקומען אין סאַמע אויבן אָן — איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז ר׳ אברהם הערש האָט זיך געפילט שטאַרק דערהויבן דערמיט, וואָס ער איז פּלוצים געוואָרן אַ „שערלאָק האָלמס״, דער סאַמע גלאַוונע דעטעקטיוו, וועלכער האָט געלייזט די מיסטעריע פון׳ם זייגערל. און טאַקע ער אַליין, ר׳ אברהם הערש, בכבודו ובעצמו, האָט זיך מטריח געווען, באותו היום, און ער איז אַריבער־געגאַנגען אין סיגעטער הויף און ער פערזענלעך האָט עס איבערגעגעבן דאָס זייגערל פאַר ליפּעלען. ר׳ אברהם הערש, דער מלמד, האָט נאָכדעם נישט פאַרפעלט צו דערציילן פאַר זיינע תלמידים די גרויסע שמחה און די גרויסע התפעלות פון ליפּעלען בשעת ער האָט דערזען זיין ליבלינגס „זיידערל״ און ווי ווי די כלה און איר שוועסטער, די סלאָטווינער רביצין, ליפּעלעס מוטער, זיינען געקומען צו לויפן און אים געדאַנקט פאַר זיין איידעלן טאַט.

עד כאן, ביז אַהער, איז די ערשטע עבירה.

▼

עס איז נישט פאַריבער מער ווי איניקע וואָכן און מיר, איך מיט מלכ׳קען, זיינען געשטרויכלט געוואָרן אין אַ שפּאָגל נייער עבירה. אונזער

נייע עבירה, ווי שוין דערמאָנט פריער, איז געווען חילול שבת. פון גנבות האָבן מיר זיך אָפּגעלאָזט. מיר האָבן סתם אויפגעהערט צו גנב'ענען, ווייל מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז עס לוינט זיך נישט צו גנב'ענען, ווייל גנב'ענען איז אַן עבירה שבין אדם לבריות. אַן עבירה צווישן איין מענטש און אַ צווייטן און מענטשן האָבן אַ פּאַסקודנע טבע, וואָס אַז ווען מען באַ'גנב'עט זיי זיינען זיי חוקר ודורש ביז זיי קומען אויף די שפּורן פון דער גנבה און אַז מען כאַפּט דעם גנב איז אָך און ווי צו זיינע שבת קליידער!... אָבער חילול־שבת, דאָס איז אַן עבירה שבין אדם למקום, אַן עבירה צווישן גאָט און לייט, איז מיטן רבונו של עולם קען מען אַלעמאָל דורכקומען, ווייל תשובה העלפט!

געשעעט, אַז מיר זאָלן אין אַ שבת נאָכמיטיק נישט גיין אין חדר אַריין, מיט'ן אויסרייד, אַז אונזערע טאַטעס האָבן מיט אונז געלערנט אין דער היים און אַז זיי האָבן אונז נאָכדעם מיטגענומען אין שוהל אַריין מיר זאָלן הערן אַ גוטן איד לערנען פּרקי אבות.

מיר האָבן זיך געהאַט באַנוצט מיט דעם דאָזיקן תירוץ פריער און עס איז גלאַט אָפּגעגאַנגען, האָבן מיר זיך אויף ווייטער אויך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן תירוץ. אַנשטאָט צו גיין אין חדר אַריין, דעם דאָזיקן שבת נאָכמיטיק, זיינען מיר אַריבער צו ר' בנציון צאַהלער אין גאָרטן אַריין. געגנוי פאַר וואָס מיר זיינען געגאַנגען צו ר' בנציון צאַהלער אין גאָרטן, האָבן מיר אַליין נישט געוואוסט, אָבער עס האָט אונז סתם געצויגן אַהין, ווייל עס איז געווען אַ גוטער מקום מקלט, אַן אָרט וואו אי מען קען זיך אויסבאַהאַלטן פון אַ „גוט אויג" און אי מען קען זיך דאָרטן שפּילן, צווישן די דיקע נוסן־בוימער און צווישן די פלאָמען ביימער, אין באַהאַל־טעניש. דאָס אַליין, אַן און פאַר זיך איז שוין אַ גאַנץ גוטע אַטראַקציע, חוץ דעם איז ביי ר' בנציון צאַהלער אין גאָרטן געווען אָנגעלייגט מיט פאַרשיידענע בוי מאַטעריאַלן אויף וועלכע מען קען קריכן אַרויף און אַראָפּ. ר' בנציון צאַהלער איז מיין אַ קרוב און עס האָט מיך סתם געצויגן אַהין, צו זיין גאָרטן, הייסט עס.

טאָקע דאָ, ביי ר' בנציון צאַהלער אין גאָרטן, האָט עס מלכ'קע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן פּראַקטיצירט „הלכות שחיטה". ער האָט סתם געכאַפּט אַ בידנע עוף און ער האָט זיך געלערנט דערויף מעשה שוחט, צי ער וועט עס זיין אימשטאַנד צו פּענטן דאָס עוף מיט דער לינקער האַנט, אַזוי אַז די צווייטע האַנט זאָל אים זיין פריי צום שעכטן. אַ חלף, אַ שאַרף

מעסערל האָט מלך שוין פון לאַנג פאַרמאָגט. צום מזל פון דעם בידנעם עוף האָט מלך אויף קיין שום אופן נישט געקענט באַוויזן דעם טריק צו פענטן אַן עוף מיט דער לינקער האַנט. אַזוי אַרום איז דעם בידנע עוף פאַרמידן געוואָרן אַ זיכערער טויט.

נאָר אין מיטן שפּילן זיך איז מלך פּלוצים הונגעריק געוואָרן, און קוקנדיק אויף די פלוימעןביימער און דערזעענדיק די געצייטיקטע פלוימען, רינגעלאָטן און קנאַק־פלוימען, וועלכע שיינען אַראָפּ פון די ביימער און בעטן זיך ממש, אַז מען זאָל איבער זיי מאַכן אַ ברכה, האָט זיך מלכ'ן שטאַרק פאַרגלוסט טועם צו זיין אייניקע פון די דאָזיקע פירות און אָן אַ סך שפּעקולירן איז ער צוגעגאַנגען צו אַ פלוימען בוים און ער האָט אַרונטערגעצויגן די צווייגן און ער האָט אָנגעהויבן צו רייסן פלוימען אין סאָמע שבת.

טאָמער איז דאָס ווייניק געווען האָט ער מיך אויך צוגערופן אַז איך זאָל אים העלפן שאָקלען די צווייגן כדי די געצייטיקטע פלוימען זאָלן אַרונטערפאַלן פון דעם בוים.

ווי אַזוי מיר האָבן נישט געטראַכט, אין דאָזיקן מאָמענט, וועגן חילול שבת, דערויף בין איך נישט באַרייט צו ענטפערן. פאַרוואָס צוויי קינדער פון פרומע און חסידישע עלטערן וועלכע האָבן געהאַט אין דער היים גענוג פלוימען און פון כל טוב, לכבוד שבת, פאַרוואָס מיר האָבן זיך עס אַזוי גרינג געלאָזט אָנרעדן פון יצר הרע, דווקא צו פאַרזוכן די פאַרבאָטענע פרוכט, צוליב חילול שבת? דעם ענטפער דערויף לאָז איך איבער פאַר די פסיכאָלאָגן, זאָלן זיי זיך גריבלען דערין! אַ פאַקט איז, אַז מיר האָבן געריסן פלוימען אין סאָמע שבת.

פון וואַנעט זאָלן מיר געווען וויסן, אַז ר' בנציון צאָהלערס גאָרטן, וועלכער איז די פאַרזעצונג פון זיין הויף, וועלכער הויבט זיך אָן אינמיטן דער וואָרגער־גאַס, אַז ער, דער גאָרטן זייער, ענדיקט זיך אינמיטן דער שלאַנגען גאַס און אַז פון יענער זייט פּלויט איז פאַראַן אַ חדר וואו ר' זיידע שוואַרץ, דער מלמד, לערנט מיט די קינדער דעם שבת מוסר?

אַז ר' זיידע שוואַרץ האָט דערזען דורכן פענסטער פון זיין חדר, אַז ביי ר' בנציון צאָהלער אין גאָרטן שאָקלען זיך די צווייגן פון די פלוימען ביימער אין סאָמע שבת, האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז מסתמא האָבן זיך עס עפּעס שקאָצים אַריינגעגנב'עט צו אים אין גאָרטן און זיי נוצן אויס די געלעגנהייט וואָס עס איז שבת און זיי גנב'ענען זיך אָן מיט

אידישע פלוימען. האָט דער מלמד געוואָלט קויפן זיך אַ מצווה אין אָט דעם ר׳ בנציונ׳ען און פאַרטרייבן די שקאָצים פון זיין גאָרטן. צו זיין גרויסער איבערראַשונג האָט דער מלמד, אָנשטאָט שקאָצים, דערזען ווי איך און מלכ׳קע רייסן עס גאַנץ פלייסיק פלוימען פונ׳ם בוים און אַז מיר זיינען סתם מחלל שבת.

פלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַן אויסערליש קול ווי אַ בת־קול:

— שעמען מעגט איר זיך, איר בחורי חמד, יונגאַטשעס מיט סאַמע־טענע היטן און לאַנגע פיאות. — מיר האָבן נישט געוואָרט די ענדע פונ׳ם בת קול, נאָר אַז מיר האָבן דערזען ר׳ זיידע דעם מלמד, פנים אל פנים, ווי גלייך ער וואָלט פונ׳ם הימל אַרונטערגעפאַלן, איז אין אונז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. — מיר האָבן זיך גענומען לויפן.

אויב אדם און חוה זיינען פאַרטריבן געוואָרן פונ׳ם גן עדן צוליב דעם ווייל זיי האָבן פאַרזוכט פון דער פאַרבאָטענער פרוכט, האָבן מיר, איך און מלכ׳קע, נישט געוואָרט מיר זאָלן פאַרטריבן ווערן, נאָר מיר זיינען אַליין געלאָפן באַצייטענס. אָבער אין אמת׳ן האָבן מיר געפילט, אַז מיר זיינען ווי פאַרטריבן געוואָרן פון אַ שטיקל גן עדן, פון ר׳ בנציון צאַהלערס גאָרטן, וואו מיר האָבן זיך געשפילט, פאַר איניקע שבתים, נישט גייענדיק אין חדר אַריין.

דעם שבת צו נאַכטס האָבן מיר גאָרנישט טועם געווען פון דער סעודת מלווה מלכה. אַזוי מיין מאַמע ווי מלכ׳ס מוטער האָבן אונז געמאָסטן די היץ און אָפּגעלאָשן קוילן, צוליב אַן עין הרע. די מאַמעס, קוקנדיק אויף אונז ווי פאַר׳מרה־שחורה׳ט מיר זיינען און ווי מיר ווילן גאָרנישט טועם זיין, האָבן זיך סתם דערשראָקן, אַז מיר זיינען חלילה ערנסט קראַנק...

אָבער שוין דער אַנדערן טאָג, אין זונטאָג, זיינען עס שוין די מאַמעס געוואויר געוואָרן וואָס עס איז געווען דער מער מיט אונז די פאַריקע נאַכט. עס האָט מיט אונז געקלונגען דער גאַנצער „קהל׳ס חדרים“, אין אַלע אַכט קלאַסן פון די חדרים האָבן די קינדער געהאַט אַ טעמע פון וואָס צו רעדן; עס האָט מיט אונז געקלונגען דער עץ־החיים בית המדרש, דער חסידישטער בית המדרש אין שטאָט, וואו איך און מלך האָבן געדאַוונט מיט אונזערע טאַטעס.

אין חדר אַריין, צו ר׳ אברהם הערש׳ן, האָט געברענגט די נייעס נישט קיין אַנדערער ווי ר׳ ישעיה ווייס, בכבודו ובעצמו. ווער ר׳ ישעיה ווייס איז געווען?

ר׳ ישעיה ווייס איז געווען א איד א מוסמך אויף רבנות. נישט נאר האט ער געהאט התרת־הוראה, נאר ער איז טאקע געווען א גרויסער תלמיד חכם איינער פון די בעסטע „בלאט־לערנערס״ אין סיגעט. ער פלעגט האבן א שיעור גמרא מיט תוספות איטלעכן אוונט אין דער כהנשער קלויז, אן אפטיילונג פון דער גרויסער שוהל. אין דאזיקן שיעור האבן זיך באטייליקט נאר אזוינע אויסגעקליבענע לערנערס וועלכע זיינען געווען גרויסע חריפים, גרויסע בקיאים אין שס ופוסקים. ר׳ ישעיה ווייס איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמידי חכמים אין סיגעט. אין סיגעט זיינען געווען תלמידי חכמים לרוב. דעם ר׳ ישעיה׳ס אויפגאבע איז געווען צו פארהערן די קינדער, וועלכע האבן געלערנט גמרא און תוספות, איבער דער גאנצער שטאט: (ר׳ ישעיה ווייס איז דער זיידע פון דעם בארימטן פראפעסאר דוד ווייס, וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פענאמענאלע ידיעות אין תלמוד. ער איז א לעקטאר אין ניו יארקער אידישן טעאלאגישן סעמינאר). אין קהל׳ס חדרים פלעגט ער געווינלעך קומען איטלעכן מיטוואך צו פארהערן די קינדער, אבער היינט איז ער בכלל נישט געקומען פאר־הערן די תלמידים פון קהל׳ס חדרים. אז אונזער מלמד האט פלוצלונג דערזען ר׳ ישעיה׳ן עפענען די טיר פון חדר אין סאמע זונטאג, האט ער תיכף פארשטאנען ,אז עס מוז זיין עפעס אויסערגעווינלעכס: ר׳ ישעיה איז נאר וואס געווען פארהערן די תלמידים פון ר׳ זיידע דעם מלמד און אז ר׳ זיידע האט דערציילט פאר ר׳ ישעיה׳ן וועגן חילול שבת פון מיר און פון מלכ׳ן איז ער שטארק איבערראשט געווארן און ער איז עס געקומען דירעקט צו לויפן פון דער שלאנגען־גאס ביז צו דער אסטאלא־שאנדאר א מהלך רב צו ר׳ אברהם הערש׳ן און אים דערציילן די גרויסע בייעס. קוים האב איך און מלך געזען ווי ר׳ ישעיה ווייס האט געעפנט די טיר, אין א טאג ווען ער קומט געווינלעך נישט צו אונז אין חדר אריין, האבן מיר זיך איבערגעבליקט, אבער ר׳ ישעיה האט אונז נישט געגעבן צופיל צייט צום איבערבליקן זיך און ער איז שנעל ארויסגעקומען מיט זיין פזמון:

— זייט וויסן ר׳ אברהם הערש, אז צווישן אייערע תלמידים געפינען זיך צווי בעלי־עבירה׳ניקעס, צווי שקאצים, מחללי שבת׳ניקעס, וועלכע האבן נעכטן מחלל שבת געווען בפרהסיא!

קוים האט דער מלמד געהערט פון ר׳ ישעיה ווייס אז איך און מלך

האָבן מחלל שבת געווען, איז אַן דעם אַז ער זאָל וואַרטן אויף אַ חקירה ודרישה, ווי אַזוי און וואו מיר האָבן עס אָפּגעטאָן אונזער זינד, האָט ער זיך גענומען אונז שלאָגן מיט זיין יאַמעשאַווען שטעקעלע פון רעכטס און פון לינקס. דאָס יאַמעשאַווע שטעקעלע האָט געוואַנדערט מיט אַ מעכאַנישער שנעלקייט פון איין גוף צום צווייטן, פון מיר צו מלכ׳ן און צוריק. איך ווייס נישט צי דאָס שטעקעלע איז נאָך אַמאָל געווען אַזוי אַקטיוו אין זיין „קאַריערע״ אַלס שלעגער, ווי אין דאַזיקן מאָמענט. דאָס שטעקעלע האָט אונז געשלאָגן מכת רצח. — אַן אַנדערש מאָל, ווען מיר וואָלטן געווען געקריגן אַזוי געשלאָגן, וואָלטן מיר געווען געשריגן אויף קולי קולות. אָבער דאָס איינע מאָל האָבן מיר מקבל געווען די יסורים, קרעכצענדיק מיט אַן איינגעהאַלטן געוויין:

— אַזוי גייט איר עס איטלעכן שבת נאָכמיטאָג אין בית המדרש אַריין אויסהערן דעם מגיד — האָט דער מלמד געשריגן שלאָגנדיק אונז ביידע מיטאַמאָל.

איז אויב איך און מלכ׳קע האָבן ביז איצט געהאַט דעם נאָמען „די גנבים״ האָבן מיר אַצינד געקראָגן אַ נייעם שותפות׳דיקן נאָמען: „די בעלי־עבירה׳ניקעס״.

איך געדענק נישט קיין קריטירישערע מאָמענטן אין מיין לעבן אַלס קינד ווי אין דאַזיקן פעריאָד, ווען איך האָב זיך אין ערגעץ נישט געטאָרפן קיין רו אָרט.

אַן אַנדערש מאָל, נאָך אַ שווערן טאָג אין חדר, פלעג איך כאָטש האָבן אַ מקום מקלט אין דער היים, וואו איך פלעג דערציילן פאַר מיין מוטער זאַכן וואָס מען פלעגט נישט טאָרן אויסזאָגן פון חדר, און זי פלעגט מיך אַלץ אויסריידן מיט גוטע רייד, ווי אַ מאַמע. — אָבער איצט האָב איך אין דער היים אויך נישט געהאַט קיין רו, ווייל אי דער טאַטע און אי די מאַמע האָבן מיך געררודפט און זיי האָבן מיך געהאַלטן אין איין סעקירן זאָגנדיק מיר מוסר, אַז זיי נעמען מיט מיר איין בושות. די שכנים זאָגן צו זייערע קינדער: „ווילסט אויך אויסוואַקסן אַזאַ תכשיט׳ל ווי לעזערקע? אַז נישט דערלעבן וועלן עס מיינע שונאים!״

אין בית המדרש, אין עץ החיים, צווישן די פרומע אידן, וואו מלכ׳ס פאָטער, ר׳ יענקל קיש, איז געווען בעל קורא, האָבן אונז אַלע אידן געזאָגט מוסר: ווי, נישט שיין עס איז צו זיין אַ גנב. אַ מחלל שבת׳ניק צי סתם אַ בעל עבירה׳ניק. אַז שוין קליינערהייט זיינען מיר אַזוינע גרויסע

שקאַצים, וואָס קאָן מען זיך שוין, על אחת כמה וכמה, דערוואַרטן פון אונז ווען מיר וועלן אונטערוואַקסן?

אויך צווישן די קינדער אויף דער גאַס האָב איך נישט געהאַט קיין מנוחה, אי זיי האָבן זיך סתם נישט געוואָלט מיט מיר שפּילן און אי זיי האָבן מיך דערמאָנט אין מיינע חטאים:

— אַט האָסטו אים, דעם גנב, דעם מחלל שבת'ניק!

וואָס שייך אין חדר, דאָרט איז געהאַט געווען מיין אמת'דיק „מקום מוכן לפּורעניות", וואו דער מלמד האָט אי מיך און אי מלכ'ן אָפטער אויפגערופן צו די „הקפות". טאַנצן אַ „הקפה" האָט ביי אים געהייסן, אַז ער האָט איבערגעפּרעגט וואָס ער האָט געלערנט, ווען ער האָט געזען, אַז איינער פון די תלמידים לייגט נישט צו דעם קאָפּ. און אַז דער תלמיד האָט נישט געוואוסט וואו מען האַלט אָדער אַז ער האָט סתם נישט געוואוסט דעם פּשט פון דער גמרא אָדער די תוספת, האָט ער אַזוי געשלאָגן, אַז נישט נאָר איין תלמיד פלעגט עס אונטערטאַנצן. — איז אויב אַנדערע תלמידים פלעגט ער נישט צו אָפט אויפרופן צו טאַנצן אַ הקפה, האָט ער איצט מיך און מלכ'ן גאַנץ אָפט אויפגערופן צום טאַנץ.

כאָטש איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך זאָל געווען האָבן געזען מיין מלמד, ר' אברהם הערש'ן, צו אָפט לאַכן, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. טאַקע דאָס אַליין וואָס ער פלעגט זיך פריילעך מאַכן איבע[ר ז]יינע תלמידים,זיי אויפצורופן צו טאַנצן אַ הקפה, דאָס אַליין איז שוין אויך גענוג כאַראַקטעריסטיש פון אַ הומאָרפולן שטאַנדפּונקט אויס. אָבער עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון זייער אַן אינטע־רעסאַנטן וויץ פון אים וועלכן ער האָט דערציילט פאַר זיינע תלמידים, טאַקע אין שייכות מיט מלכ'קען.

איינמאָל, אין אַ פרייטיק, ווען די תלמידים לערנען געוויינלעך נאָר ביז מיטאָג, איז מלכ'קע אָנגעקומען אין חדר אַריין מיט אַ פאַרבונדענעם פּנים, שטאַרק שפּעט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט אַהיים גיין. מלכ'קע האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם איז ער געקומען אַזוי שפּעט ווייל, ער איז געווען ביים דענטיסט. דער מלמד קאָן זיך טאַקע נישט איבערצייגן, אַז מלך זאָגט ליגן, האָט ער נישט קיין אַנדער ברירה ווי אים צו גלויבן. אַט דאָ האָט, אין גוטמוטיקייט דער מלמד דערציילט זיין וויץ פאַר די תלמידים:

„אַ דאָרפס סוחר איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן יאַריד, מיט גאַנץ אַ

היפשער סומע געלד, כדי איינצוהאַנדלען סחורה. דערווייל, אַנשטאָט ער זאָל געווען נאָכגיין נאָך זיינע געשעפטן, איז ער אַוועק אין אַ שענק וואו ער האָט פאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלד און ער האָט זיך נאָך דערצו אָנגע־שיכור׳ט אויך. ווען ער איז אָנגעקומען אַהיים און ער האָט געוואָלט אַנקלאַפּן אין דער טיר ביי זיין ווייב זי זאָל אים אַריינלאָזן אין הויז אַריין, און אַז ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעניכטערט און ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז זיין גאַנצע „אפותקי״ איז אַוועק מיט׳ן ווינט, האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן פאַר זיין פלונית׳טע. וואָס וועט ער איר זאָגן, פאַר אַ תירוץ? דאָ האָט ער זיך מיישב געווען און ער האָט שנעל אַרויס־געכאַפּט זיין טאַשנטיכל פון דער קעשענע און ער האָט זיך פאַרבונדן די נאָז. אַז זיין ווייב האָט געעפנט די טיר און אַז זי האָט אים דערזען מיט אַ פאַרבונדענער נאָז, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן, און זי האָט געפרעגט וואָס עס איז געשען מיט זיין נאָז.

„גזלנים זיינען מיך באַפאַלן אויפ׳ן וועג״, — האָט דער „חתן דנן״ געענטפערט פאַר זיין פלונית׳טע — און זיי האָבן מיך געסטראַשעט, אַז אָבער איך זאָל זיי געבן דאָס געלד, ווען נישט, שניידן זיי מיר אָפּ די נאָז״.

— נו, שרייט אויס די פלונית׳טע, האָסטו זיי געזאָלט אַהין געבן דאָס געלד! אַ כפרה דאָס געלד פאַר דיין נאָז!

— איך האָב טאַקע אַזוי געטאָן! — האָט ער געענטפערט, אַראָפּנעמענ־דיק דאָס טאַשנטיכל פון זיין נאָז.

נאָך דעם זעלבן טאָג, האָט מיר מלך פאַרטרויעט דעם סוד, אַז דער מלמד האָט רעכט געהאַט, ער איז נישט געווען ביי קיין דענטיסט.

— —

איז כאָטש איך און מלך זיינען דורכגעפאַלן דערמיט וואָס מען האָט אונז געכאַפּט בשעת מיר האָבן אָפּגעטאָן אונזערע בשותפות׳דיקע עבירות, פונדעסטוועגן, זיינען מיר אויף ווייטער אַלץ געבליבן גוטע פריינד; מיר זיינען ווייטער געבליבן חברים, געקנופּט און געבונדן. מיר האָבן זיך טאַקע דורכגערעדט, אַז מיר וועלן באַשטראָפט פון רבונו של עולם פאַר אונזערע זינד און אַז עס איז שוין די העכסטע צייט מיר זאָלן תשובה טאָן.

אָבער ווי אַזוי טוט מען תשובה?

— מלך — האָב איך אים איינמאָל געזאָגט — איך האָב זיך איינמאָל צוגעהערט צו אַ דרשה פון אַ מגיד, האָב איך געהערט ווי ער האָט גע׳דרשנ׳ט, אַז ווען איינער זעט, אַז עס רוקן זיך אויף אים אָן יסורים,

דעמאָלט זאָל דער יעניקער זיך אַריינטראַכטן אין זיינע מעשים. — אויך האָב איך געהערט, ווי דער מגיד האָט געזאָגט, אַז ווען איינער קאָן זיך אַרויפאַרבעטן צו דער ריכטיקער מדרגה, דעמאָלט קאָן דער יעניקער מכוון זיין דעם שם המפורש און אַראָפּברענגען משיח'ן. ווען אַ איד זאָגט גאַנץ תהלים מיט גרויס כוונה, דעמאָלט איז ער אין דער בחינה פון אַ צדיק.

— לאָמיר זשע טאַקע זאָגן תהלים מיט גרויס כוונה, לאָמיר מכוון זיין דעם שם המפורש און לאָמיר תשובה טאָן און אַראָפּברענגען משיח'ן — האָט מלך מיט באַגייסטערונג געזאָגט.

נאָר דאָ האָב איך מלכ'ן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס איז נישט אַזוי איינפאַך אַראָפּצוברענגען משיח'ן. מען מוז קודם גיין אין מקווה און זיך טובל'ען דריי מאָל און נאָכדעם מוז מען אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט און אָפּרעכטן חצות און זאָגן תהלים מיט זייער גרויס כוונה. און אַז מען איז נאָך דעם מכוון דעם ריכטיקן שם, קאָן מען ערשט אַזוי אַרום אַראָפּ־ברענגען משיח'ן.

אַז מיר האָבן דערציילט פאַר אונזערע עלטערן וועגן אונזער פּלאַן, אַראָפּצוברענגען משיח'ן, האָבן זיי אונז נישט געשטערט אין אונזער עסק, אדרבא, מיין פאָטער פלעגט מיר אַלע מאָל זאָגן:

— תשובה העלפט, אַ בעל תשובה איז נאָך גרעסער פון אַ צדיק גמור!

▼

מיין פאָטער האָט אַלע מאָל געלאָזט בויען אַ סוכה, אין איטלעכן הויז וואו מיר האָבן געוואוינט. וואו מיר האָבן איצט געוואוינט, אין דער אידישער גאַס, איז אויך געווען אַן אויסגעבויעטע סוכה אין מיט'ן הויף, אַ מין חדר מיוחד, ספּעציעל פאַר סוכות. די סוכה האָט געהאַט אַ „שלאַק", אַ דאַך וואָס האָט זיך אַרונטערגעהויבן און אַרונטערגעלאָזט מיט אַ ווינדע, וועלכע איז געווען אַראַנזשירט מיט אַ שטריק, צוגעפּעסטיקט צו אַ רעדל, מיט וועלכן מען האָט געדרייט בעת מען האָט געוואָלט אונטערהויבן אָדער אַרונטערלאָזן דעם דאַך פון דער סוכה.

די דאָזיקע סוכה האָט אַ גאַנץ יאָר געדינט אַלס אַ חדר. חוץ די זיבן טעג פון סוכות, וואָס מען האָט זיך באַדינט מיט דער סוכה פאַר'ן אייגנטלעכן צוועק וואָס זי איז געבויעט געוואָרן. די דאָזיקע סוכה האָבן מערערע מלמדים געהאַט געדונגען פאַר אַ חדר. איך ערינער זיך אין אייניקע: ר' קלמן כ"ץ, אברהם איסר שאהל, און דער סעלישטער מלמד,

אַ איד וועמענס בני בית האָט נישט געוואוינט אין סיגעט, נאָר אין סעלישט און דער מלמד פלעגט נאָר צוויי מאָל אין יאָר, בין הזמנים, אהיימפאָרן צו זיין הויזגעזינט. דער דאָזיקער מלמד פלעגט אפילו נעכטיקן אין חדר וואו ער האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַ בעט דאָרטן, פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

אין אָט דער דאָזיקער סוכה, האָב איך זיך באַרעדט מיט מלכ׳ן, וועלן מיר קענען אומגעשטערט זיך צוזאַמענקומען וואו מיר וועלן קענען תשובה טאָן. מיר וועלן אָנהויבן מיט תהלים זאָגן, מיט גרויס כוונה, נאָכדעם, אין מיטן נאַכט, וועלן מיר אָפּרעכטן חצות, מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד מיר וועלן שיטן אַש אויפ׳ן קאָפּ און טרויערן אויפ׳ן חורבן בית המקדש, און אויף גלות־השכינה, נאָכדעם וועלן מיר מכוון זיין דעם שם המפורש מיט וועלכן מיר וועלן אַראָפּברענגען משיח׳ן רייטנדיק אויף אַן אייזעלע, ווי עס שטייט אין פסוק: „עני רוכב על החמור“...

ווען מלך איז אַריבערגעקומען צו מיר אַהיים, האָבן מיינע עלטערן שוין געוואוסט צו וואָס ער איז עס געקומען. זיי האָבן אונז צורעכט געמאַכט דעם לאָמפּ אין דער סוכה און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט און מיר האָבן אָנגעהויבן צו זאָגן תהלים מיט גרויס כוונה, אָנהויבנדיק פון ערשטן קאַפּיטל — „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד“, א. א. וו. איך געדענק נישט גענוי ווי לאַנג מיר האָבן עס אזוי געזאָגט תהלים, נאָר אַזוי פיל געדענק איך, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. עס איז שוין געווען אין די סליחות טעג און עס איז שוין געהאַט געווען גאַנץ קיל. אָבער אַלץ האָבן מיר נישט געהאַט בדעה אויפצוהערן זאָגן תהלים, ביז פּלוצים האָבן זיך עס באַוויזן די צוויי מאַמעס, מלכ׳קעס און מיינע, וועלכע האָבן אונז געשטערט אין מיט׳ן פון אונזערע כוונות...

— נו, קינדערלעך — האָבן זיך די מאַמעס אָנגערופן, — עס איז געווען גענוג פאַר היינט, לאָזט אַביסל איבער פאַר מאָרגן!...

מיר האָבן אָנגעקוקט אונזערע מאַמעס ווי עפּעס מאָדנע אידענעס. מיר קלויבן זיך נאָך אין משך פון דער היינטיקער נאַכט צו ברענגען משיח׳ן, און ביי זיי איז עס גאָרנישט!...

עס איז די צוויי מאַמעס נישט גרינג אָנגעקומען אונז צו איבערצייגן, אַז מיר קענען זיך נאָך חלילה פאַרקילן, אין דער קאַלטער סוכה, און אַז מיר וועלן נישט זיין אימשטאַנד צו ברענגען משיח׳ן אין אַ קאַלטער סוכה.

מיר האָבן געהאַט אַזוינע דערהויבענע אידעאַלן און אָט זיינען עס פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט אַרויס, אָנגעקומען צוויי מאַמעס, צוויי

אידישע מאַמעס, און זיי האָבן אונז אין איין שמיי־דריי צונישט געמאַכט אונזער גאַנצן עסק.

אַלזאָ, משיח׳ן האָבן מיר טאַקע נישט אַראָפּגעבראַכט, אָבער מיר האָבן ביידע געפילט, און אַזוי האָבן אויך אונזערע נאָענטע און אייגענע געפילט, אַז מיר זיינען געלייטערט געוואָרן און אַז אונזער תשובה איז אָנגענומען געוואָרן. און אַזוי ווי עס איז שוין נישט ווייט פון די ימים נוראים קענען מיר זיך שוין באַצייטנס אָנהויבן פאַרצובאַרייטן צום יום הדין מיט תשובה און מיט מעשים טובים.

לויט ווי דער באַרימטער ענגלישער שריפטשטעלער, אָסקאַר ווילד, זאָגט אין זיין ווידוי, „דע פּראָפאַנד״, אַז נישט דער איז אַ געהייליקטער און אַ געלייטערטער, וועלכער איז אַזוי געבוירן געוואָרן, נאָר אַז אַ הייליקער און געלייטערטער איז דער וועלכער האָט דווקא געזינדיקט און ער האָט געליטן צוליב זיינע זינד, איז אויב אייגער מוז דווקא קודם זינדיקן בכדי געלייטערט צו ווערן — דעמאָלט זיינען מיר, איך און מלכ׳קע, זיכער געלייטערט געוואָרן...

אַז איך בין טאַקע אויף אַן אמת געלייטערט געוואָרן, האָב איך געפילט צוליב דעם פאָלגענדן אויסטערלישן פאַל.

עס איז צו מיר געקומען אַ אידענע, אַ שכנ׳טע, און זי האָט מיר פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, אין מיטן הויף, און זי האָט זיך ביי מיר געבעטן:

— לעזערקע, איך האָב צו דיר אַ גרויסע בקשה: איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז קיין גוים וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין שליטה איבער מיר און איבער מיין הויגעזינט אונז ביז צו טאָן!...

עס איז מיר געווען אַ פּליאה אַלס קינד און עס איז מיר אַ פּליאה עד היום וואָס אַזוינס אַ אידענע, אַליין פון אַ רבנישער משפּחה און וועלכע האָט געהאַט אַ שוואָגער אַ רבי פון טויזענטער חסידים, האָט אין מיר אַזוינס דערזען. וואָס האָט געקאָנט באַוועגן די אידענע זי זאָל מיך, אַ קינד פון דורכשניטלעכע סיגעטער פרומע און חסידישע עלטערן, אָפּשטעלן אין מיטן הויף און זיך ווענדן צו מיר מיט אַ בקשה וואָס וואָלט זיך געפּאַסט צו אַ גוטן איד?

די אידענע האָט אין אַכט גענומען מיין פאַרלעגנהייט און זי האָט געזען, אַז איך קאָן מיט מיין קינדערשן שכל נישט אינגאַנצן משיג זיין איר בקשה און אַז איך ווייס נישט וואָס איר צו זאָגן.

— לעזערקע — רעדט צו מיר די אידענע ווייטער ווי צו אַ דערוואַק־

סענעם און זי לאָזט מיר נישט אָפּ — איך וועל זיך נישט ריקרן פון אָרט ביז דו וועסט מיר נישט צוזאָגן, אַז קיין גויים וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין שליטה איבער מיר און איבער מיין הויזגעזינט!...

איך האָב דער בידנער אידענע אָנגעווינטשט וואָס נאָר זי האָט פאַר־לאַנגט, אָבער ליידער, צום באַדויערן, איז מיין צוזאָג נישט מקויים געוואָרן.

נאָר נאָך דעם דאָזיקן אויסטערלישן פאַל, וואָס איז געווען איינס פון די זעלטענסטע אין מיין קינדערשן לעבן, האָב איך געפילט, אַז איך מוז טאַקע אָנהויבן צו ווערן אַ פרומער בחור בלב ובנפש און אַז איך מוז טאַקע ווערן אַן אמת׳ער בעל תשובה... אין איין טאָג ווענד איך זיך צו מלכ׳ן:

— מלך, דו ווילסט, אַז מיר זאָלן אויף ווייטער פאַרבלייבן גוטע חברים?

— נו, אוודאי, אוודאי וויל איך עס, מיר האָבן דאָך געשוואָרן דערויף!

— מלכ׳קע, אויב דו ווילסט אַז מיר זאָלן אויף ווייטער אויך פאַר־בלייבן חברים, דעמאָלט מוזסטו שווערן, אַז דו וועסט מער קיינמאָל אין דיין גאַנץ לעבן נישט גנב׳ענען און אַז דו וועסט מער קיינמאָל נישט מחלל שבת זיין, קוש די ציצית און שווער!

מלך האָט אַרויסגענומען זיינע ציצית און ער האָט דריי מאָל אַ קוש געטאָן און ער האָט געזאָגט:

— איך שווער!

— איך וויל — האָב איך אים ווייטער געזאָגט — אַז דו זאָלסט שווערן, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו זיין אַ פרומער און ערלעכער בחור, אַז דו זאָלסט פאָלגן וואָס טאַטע מאַמע הייסן דיר צו טאָן און זאָלסט פאָלגן וואָס אַלע פרומע און גוטע לייט הייסן דיר צו טאָן, קיש די ציצית און שווער!

— איך שווער!...

צו מלכ׳ס זכות: ער איז פאַרבליבן אַ פרומער בחור, עד סוף כל ימיו, ביז די נאַציס, ימח שמם וזכרם, האָבען אים אומגעבראַכט. הי״ד.

ר׳ אהרן ראָזען ז״ל

דער בעל מחבר פון ביאור מהרש״א

(איינער פון מיינע פאַרבאָרגנסטע פּראָפילן)

אַ באַקאַנטער פאָלקסטימלעכער אנעקדאט דערציילט אונז אַזאַ מעשה:

דער באַלעגאָלע וועלכער האָט געפירט דעם רבי איבער פאַרוואָר־פענע אידישע ישובים האָט זיך מקנא געווען וואָס דער רבי געניסט פון אַ סך כבוד און קריגט נאָך דערצו פדיונות און דעם אָרעמען באַלעגאָלע נעבעך איגנאָרירט מען אינגאַנצן ווי גלייך ער וואָלט גאָרנישט געווען בנמצא. האָט זיך איינמאָל דער באַלעגאָלע געווענדעט צום רבי׳ן כהאי לישנא:

— רבי לעב, זייט מוחל און טוט זיך אויס די קאַפּאָטע מיט׳ן ספּאָדיק און טוט אָן מיין קוטשערישן קאשקעט מיט׳ן מאַנטל. אָט אַזוי, נעמט די לייצעס אין די הענט און זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן באַק און שפּילט די ראָלע פון אַן איינפּאַכן באַלעגאָלע.

אוודאי האָט דער עולם פון שטעטל באַהאַנדלט דעם באַלעגאָלע ווי דעם עכטן רבי. נאָר אַז אַ זיידענער יונגערמאַנטשיק אויף קעסט האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט זיין בקיאות און ער האָט געשטעלט דעם פאַרשטעלטן רבי עפּעס אַ האַרבע קשיא האָט ער זיך גאָרנישט פאַרלאָרן:

— אויך מיר אַ קשיא — זאָגט דער פאַרשטעלטער רבי — אפילו מיין באַלעגאָלע וועט אייך דערויף ענטפערן אַ תירוץ. באַלעגאָלע — זאָגט ער צום אמת׳ן רבי — ענטפער אים אַ תירוץ אויף דער קשיא!

נישט אומזיסט האָט אַמאָל אַ רבי וועלכער האָט געליטן פון אַ באַלע־גאָלעס עזות־מחוצפה׳דיקן צוגאַנג אויסגענוצט זיין אַ מילתא־דבדיחותא, אַ שיחת־חולין פון אַ תלמיד חכם, אויפ׳ן אדרעס פונ׳ם באַלעגאָלע:

„עס איז דאָך קשיא־קשא — זאָגט דער רבי — פאַרוואָס בלויז די באַלעגאָלעס ווערן אָנגערופן בעלי־גולה׳ס, (בעלי עגלה, בעלי גולה — ווערטער שפּיל). אייגנטלעך אַלע אידן זיינען דאָך אין גלות, בעלי גולה׳ס, זייט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן. טאָ, וואָרום זשע ווערן בלויז די באַלעגאָלעס אַזוי אָנגערופן און נישט אַלע אַנדערע אידן? איז דער

תירוץ אַזאַ: אַלע אידן איבער דער גאַנצער וועלט זיינען אין גלות ביי די גוים. ווען עס קומט אָבער צו באַלעגאַלעס זיינען די אידן אין גלות ביי אידן..."

די צוויי דערמאַנטע פאָלקסטימלעכע אנעקדאטן פּאַסן זיך מיר זייער גוט אַריין אין מיין וויטערדיקן עפּיזאָד. נאָר דער איינציקער חילוק וועט זיין דעריך, וואָס דער אמת׳ער רבי, וואָלט ענדער באַדאַרפט צו זיין דער באַלעגאַלע און דער פון וועמען דער רבי האָט געגאַשט זיין „תורה" וואָלט זיך געוועזן באמת געפּאַסט צו זיין אַ רבי, בפּועל ממש, איז אים נעבעך באַשערט געוועזן צו זיין אין גלות ביים רבי...

▼

שטיל איז ר׳ אהרן ראַזען אַנגעקומען קיין סיגעט. זיין אָנקומען האָט נישט געמאַכט קיין שום רושם. זייער ווייניק מענטשן אין סיגעט האָבן עס געוואוסט ווער ר׳ אהרן ראַזען איז און באַך ווינציקער מענטשן האָבן בכלל געוואוסט וואָס ר׳ אהרן ראַזען שטעלט מיט זיך פאָר. פּונקט אַזוי שטיל ווי ער איז אַנגעקומען קיין סיגעט פּונקט אַזוי שטיל האָט ער מיט אייניקע חדשים שפּעטער פאַרלאָזט סיגעט און אויך זיין אָפּוועזנקייט האָט נישט געמאַכט קיין שום רושם. ער איז שטיל געקומען פון פוילן, פון ראַווע־רוסקא, און איז פּונקט אַזוי שטיל צוריק אַהיים געפאָרן.

אין אַזאַ שטאָט פון תורה ווי סיגעט, האָט ר׳ אהרן ראַזענ׳ס קומען אַהין דווקא יאָ געוועזן באַדאַרפט צו מאַכן אַ רושם און זיין אַוועקגיין האָט ערשט באַדאַרפט צו מאַכן דעם אמת׳דיקן רושם, „ווייל פּנה צדיק מן העיר פנה זיווה פנה הודה פנה הדרה". איז אָבער ר׳ אהרן געוועזן זייער אַן עניוות׳דיקער און באַשיידענער מענטש; ער איז כל ימיו געוועזן אַריינ־געטאָן ראשו ורובו אין זיין לערנען. ווי עס זעט אויס, איז ער אין משך פון זיין קורצן ווילן אין סיגעט נישט געגוג מפורסם געוואָרן. אויף מיר פערזענלעך האָט ר׳ אהרן געמאַכט מער רושם ווי אויף סיי וועמען עס איז אין סיגעט. זיין פאַרלאָזן סיגעט האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן בלויז אין מיין נשמה. אַ בלויזקייט וואָס איך פיל עד היום...

וואָס זיינען געוועזן די סיבות צוליב וועלכע ר׳ אהרן איז לכתחילה געקומען קיין סיגעט? וואָס זיינען געוועזן די סיבות פון דעם וואָס האָט אים געבראַכט פון ראַווע־רוסקא קיין סיגעט? דער עיקר, ווער איז ער עס אַזוינס געוועזן אָט דער ר׳ אהרן ראַזען?

אויף דער לעצטער פראַגע וועל איך ענטפערן צום ערשטן. ר׳ אהרן

ראָזען איז געווען אַ בעל מחבר. ער האָט פאַרפאַסט אַ חיבור איבערן מהרש״א מיטן נאָמען „ביאור מהרש״א". נישט מער און נישט ווייניקער! ווער עס האָט אַמאָל געלערנט גמרא און תוספות און האָט זיך פּרובירט פאַרטיפן אין דעם פירוש פון דעם גרויסן גאון ר׳ שמואל אידלס, וואָס איז באַקאַנט מיט די ראשי תיבות פון זיין נאָמען „מורנו הרב שמואל אידלס" (מהרש״א). נאָר דער יעניקער האָט אפשר אַן אַנונג וואָס פאַר אַ גראַנדיעזן און מאָנומענטאַלן בנין דער מהרש״א האָט אויפגעבויט מיט זיין פירוש אויף דער גמרא. אַ פירוש אָן פשטלעך און סתם פילפול, נאָר מיט פיל טיפזיניקייט וואָס בלויז למדנים האָבן זיך געקאָנט פאַרמעסטן צו שטודירן און דערגיין צום תוך פון דער הלכה, בכדי צו קענען מבאר זיין אַ הלכה למעשה.

אויף אָט דעם גיגאַנטישן ריז, דעם מהרש״א, האָט זיך עס ר׳ אהרן ראָזען פאַרמאָסטן און ער האָט מחבר געווען אַ פירוש בכדי מען זאָל קענען גרינגער פאַרשטיין דעם עצם געדאַנק פון׳ם מהרש״א; בכדי מען זאָל קענען גרינגער מברר זיין אַ הלכה אָן צו פאַרלירן פיל צייט.

נאָך צענדליקער יאָרן שווערער מי און אַרבעט און אָן זייטיקער הילף האָט עס סוף כל סוף געלינגען ר׳ אהרנ׳ען צו ענדיקן זיין ווערק וואָס איז באַשטאַנען פון אַ כתב־יד וואָס ער האָט געלאָזט איינבינדן אין דריי חלקים צו איניקע הונדערט זייטן איטלעכן חלק.

פאַרוואָס איז ר׳ אהרן נישט מפורסם געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט אַדאַנק זיין בקיאות בש״ס ופוסקים און אַדאַנק זיין אומדערמיד־לעכער אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס וואָלט פאַרלאַנגט אַז אַ גרעסערע צאָל אַקאַדעמיקער פון אידישע וויסנשאַפטלער זאָלן זיך דערמיט אָפּגעבן?

ר׳ אהרן ראָזען איז געווען אַ הייסער בעלזער חסיד. אַ חסיד ותיק פון דער בעלזער דינאַסטיע. עס לאָזט זיך קוים גלויבן, אַז דער בעלזער רבי ר׳ אהרן רוקח זאָל געווען נישט האָבן געשענקט אויפמערקזאַמקייט צו אַ חסיד פון אַזאַ קאַליבער פון גאונות און וויסן. פאַרוואָס האָט דער בעלזער רבי נישט געזען דערצו, אַז כאָטש אַ טייל פון זיין חיבור זאָל געווען זען די ליכטיקע שיין? פאַרוואָס וויסן נישט די בעלזער חסידים היינט צו טאָג ווער עס איז אַזוינס געווען אָט דער ר׳ אהרן ראָזען און וואו זיין כתב יד איז בנמצא?

אַזוינע פראַגן באַאומרואיקן מיך פיל מאָל און איך האָב נישט קיין ענטפער דערויף.

איידער איך גיי ווייטער האַלט איך פאַר וויכטיק צוצוגעבן וואָס פאַר אַ שייכות איך אַליין האָב אינדיווידועל געהאַט מיט ר׳ אהרן ראָזען.

ר׳ אהרן איז געווען מיין מלמד אייניקע חדשים פאַר מיין בר מצווה. ער האָט מיך אויסגעלערנט מיין פשטל, מיין בר מצווה פשטל, וואָס איז געווען באַזירט אויף מסכת זבחים דף ס׳: „אמר רב חסדא, סח בין תפלה לתפלה, חוזר ומברך״, ר׳ חסדא האָט געזאָגט, אַז איינער רעדט אויס צווישן איין תפלה און דער צווייטער, בשעת הנחת תפלין, דאַרף ער מאַכן אַ צווייטע ברכה איבערן של ראש. פרעגט די גמרא: „סח אין, לא סח, לא?״ צי באַר אַז מען האָט אויסגערעדט באַדאַרף ער צו זאָגן אַ צווייטע תפלה, און אַז ער האָט נישט אויסגערעדט, צי דאַרף ער דאַן נישט זאָגן אַ תפלה איבערן של ראש?

אויף אָט דעם מאמר פון ר׳ חסדא׳ן האָט עס ר׳ אהרן באַזירט מיין בר מצווה פשטל, מיט אַלע מפרשים, אָנגעהויבן פון רש״י און תוספות און זעלבסטפאַרשטענדלעך, דעם מהרש״א ווי אויך טאַקע דעם פירוש איבערן מהרש״א, ר׳ אהרנ׳ס „ביאור מהרש״א״. עס איז געווען אַ גאַנצע „סוגיה״, אַ פשטל אָן אַנטיק!

צו מיינע צוועלף יאָר האָב איך שוין געהאַט געלערנט מערערע מסכתות פון תלמוד בבלי ווי אַ שטייגער די דריי „בבאָס, בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא. ווי אויך ברכות, ביצה, גיטין, קידושין, שבת, חולין, סנהדרין און אַנדערע. אַזוי אַז סתם אַ פשטל איז ביי מיר נישט געווען קיין גאָר גרויסער ענין. אָבער ר׳ אהרנ׳ס פשטל האָט ביי מיר געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג: איין קלייניקייט ר׳ אהרן ראָזען, דער בעל מחבר פון „ביאור מהרש״א״ בכבודו ובעצמו איז מיין רבי און ער איז עס דער, וועלכער האָט מיך אויסגעלערנט אַ פשטל צו מיין בר מצווה... איך האָב געפילט, אַז איך בין אַ יחיד במינו, ווייל קיינער מער אין סיגעט האָט נישט געהאַט די זכיה צו לערנען אַ פשטל צו דער בר מצווה ביים בעל מחבר פון „ביאור מהרש״א״, בלויז איך!

איך האָב אין יענער עלטער נאָך נישט געהאַט געשריבן, וואָס נישט איז פון באַדייטונג. דאָס פשטל איז געווען מיין ערשטע פרווכט פון שרייבע־רישן לשון. עס איז טאַקע נישט געווען מיין אייגנס אַ חיבור אָבער אַלץ האָב איך געפילט אַז עס איז מיין פשטל און אַז עס איז ווערט אויפגע־שריבן צו ווערן.

דאָס פשטל האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט און איך האָב עס שוין

לאַנג פֿאַרגעסן. אָבער דאָס פּשטל מאָנט ביי מיר אַ תּיקון... ווי אַזוי איך וועל אומשטאַנד זיין מתקן צו זיין מיין נישט דערזאָגט פּשטל צו מיין בר מצווה, דאָס ווייס איך נישט. אפשר דערמיט אַליין וואָס איך שרייב דעריבער? ווער ווייסט?...

פֿאַרוואָס איך האָב מיין פּשטל נישט געזאָגט? עס איז מיר שווער צו ענטפֿערן דערויף. אָבער איך האָב דעמאָלט געפֿילט, און איך פֿיל אַזוי עד היום, אַז איך בין געדעכט געוואָרן...

ביי אונז אין שטעטל פֿלעג מען בכלל נישט מאַכן קיין טראַסק מיט אַ בר מצווה בחור. דער בר מצווה בחור פֿלעג קריגן מפֿטיר דעם שבת פֿאַר דער בר מצווה. דעם מפֿטיר האָט אים קיינער נישט געדאַרפֿט לערנען. דער בר מצווה בחור פֿלעג זיך ניִשטאַמאָל פֿאַרזען דעם מפֿטיר. אַ פּאָר ברכות מיט אַ קאַפּיטל פֿון תנ״ך, איז אויך מיר אַן ענין!... נאָכ׳ן ערשטן מאָל לייגן תּפֿילין האָט מען געוויינלעך געגעבן אַ קידוש, אַזוי סתּם זיך פֿאַר די מתפּללים. מען האָט כּמעט קיינעם נישט איינגעלאַדן ספּעציעל. דער עולם פֿלעג טרינקען אַ לחיים און אָנגעווינטשן דעם בר מצווה בחור אַ מזל טוב, ער זאָל זיין אַ פֿרומער און אַן ערלעכער איד; די עלטערן זאָלן פֿון אים אַ סך נחת האָבן; די געזונטע, אַ ישועה, די קראַנקע, אַ רפֿואה און די נשמות, אַן עליה. דערמיט האָט זיך עס געוויינלעך געענדיקט. דער בר מצווה בחור האָט געוואוסט, אַז מהיום והלאה, איז ער אַ פֿאַלנער דערוואַקסענער מענטש, וועלכער איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַלע זיינע עבֿירות...

נישט אַלע בר מצווה בחורים פֿלעגן זאָגן פּשטלעך. אָבער אַז אַ בר מצווה בחור האָט זיך יאָ געלערנט אַ פּשטל, פֿלעג ער עס דווקא זאָגן אין דער היים. די עלטערן פֿונ׳ם בר מצווה בחור פֿלעגן איינלאַדן אייניקע באַקאַנטע און סתּם קרובֿים ווי אויך די חבֿרים פֿונ׳ם בר מצווה צו זיך אין הויז וואו מען פֿלעג אויסשטעלן טישן אין פֿאָרם פֿון אַ חית. מען פֿלעג קאָכן באָרשט מיט קאַרטאָפֿלס און מכבד זיין דערמיט דעם עולם. דער בר מצווה איז געזעסן אויבן אַן צוזאַמען מיט׳ן פֿאָטער און צוטיילמאָל מיט אַ רבֿ צי מיט׳ן מרא דאתרא און ביי דער געלעגנהייט פֿלעג דער בר מצווה זאָגן זיין פּשטל.

צו מיין בר מצווה זיינען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום צוגריי־טונגען. מיינע עלטערן האָבן קיינעם נישט איינגעלאַדן אין הויז אַריין. מיין פֿאָטער האָט געוואָלט געבן אַ שלוש סעודות אין „עץ־חיים“ בית

המדרש און אַז איך זאָל זאָגן מיין פּשטל ביי שלש סעודות.

ביי שלוש סעודות פלעגן געווײנלעך זיין אַרום דריי מנינים מתפללים אין „עץ חיים„ בית המדרש, וועלכע פלעגן עסן הערינג מיט חלה און טרונקען אַ לחיים. ביי שלוש סעודות איז אַלעמאָל געווען טונקל. בשעת דער עולם האָט געזינגען „אתקינו סעודתא״ און „בני היכלא״ פלעגן די קונדייסים, דאָס קליינוואַרג, אַרומלויפן אַרום דעם באַלעמער און מאַכן אַ גערודער און אַ טומל. עס פלעג זיין אַ הו־האַ, אַז מען האָט ממש נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן די זמירות און דעם טומל. טאָמער האָט זיך צוטיילמאָל פאַרגלוסט אַ איד צו זאָגן אַ שטיקל תורה, מעניניה דיומא, האָט מען קוים געהערט אַ וואָרט. אַזוי גרויס איז געווײנלעך געווען דער ווירוואַר אין טונקלן בית המדרש ביי שלוש סעודות, ביז מען האָט זיך געשטעלט דאַווענען מעריב און מען האָט אָנגעצינדן אַ ליכט.

עס איז מיר שטאַרק דערווידער געווען צו זאָגן ר׳ אהרן ראָזען׳ס פּשטל אין אַזאַ מין אַטמאָספער. איך האָב זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל איך האָב געפילט, אַז מיין פּשטל האָט זיך „פאַרדינט״ געזאָגט צו ווערן אויף אַ מער בכבוד׳יקן אופן, אונטער מער נאָרמאַלע אומשטענדן, וואו מען זאָל זיך קענען צוהערן און טאַקע אויך אָפּשאַצן די טיפזיניקייט פון׳ם פּשטל. איך האָב געפילט, אַז עס וועט זיין אַ פּחיתת הכבוד פאַר מיין רבי ר׳ אהרן ראָזען, דעם בעל מחבר פון „ביאור מהרש״א״, אַז זיין פּשטל זאָל קריגן אַזאַ נישט דערהויבענע מערכה.

צום באַדויערן, איז נישט בלויז זיין פּשטל צו מיין בר מצווה פאַר־שוויגן געוואָרן, נאָר אויך זיין מאָנומענטאַל ווערק, זיין „ביאור מהרש״א״, איבער וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט פיל צענדליקער יאָרן פון שווערער מי און האָרעוואַניע — איז געגאַנגען אין ניוועץ...

אָט דאָס איז בקיצור מיין אינדיווידועלער שייכות מיט ר׳ אהרן ראָזען.

אָבער וואָס האָט עס געפירט דערצו, אַז ר׳ אהרן זאָל בכלל מגולגל ווערן קיין סיגעט? צוליב וועלכע סיבות איז ער אַהער געקומען? אויף וועמעס אַפּיטרופּסות איז ער דאָרט געווען? אויף מיין לעצטער פראַגע וועל איך בלויז ענטפערן מיט אַ רמז: אַ סיגעטער „רבילע״, וואָס איז זייער ווייניק געווען מפורסם אפילו אין סיגעט גופא, האָט זיך געטראָפן אין פּוילן מיט ר׳ אהרנ׳ען און ער האָט אים צוגעזאָגט הרים וגבעות אויב ער וועט קומען קיין סיגעט און לערנען זיינע זין תורה. דער „רבילע״ האָט אים צוגעזאָגט חוץ קאָסט און קוואַרטיר אַ מנה יפה. ר׳ אהרן, וועלכער

האָט געחלומ׳ט צו פאַרעפנטליכן זיין „ביאור מהרש״א“, האָט אוודאי געטראַכט, אַז אַצינד וועט ער האָבן אַ שעת הכושר צו פאַרדינען אַ כשר׳ע מטבע וואָס זאָל אים קלעקן צו פאַרעפנטלעכן אַ טייל פון זיין מאָנומענטאַלן ווערק. פונ׳ם „רבילעס“ צוזאָגן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם! ער האָט זיך מיט ר׳ אהרנ׳ען אויפגעפירט ווי מיט סתם אַן אורחי־פּורחי; ווי מען פירט זיך אויף מיט אַן אומגעבעטענעם גאַסט, מיט עפּעס אַ שנאָרער. דער „רבילע“ האָט ר׳ אהרנ׳ען איינקוואַרטירט אין זיין בית־המדרש׳ל וואו ער איז געשלאָפן אויף דער בלויזער באַנק; ער איז פאַרטאָרליייזט געוואָרן...

טאָמער איז עס נאָך ווייניק געווען, האָט דער „רבילע“ זיך מיישב געווען, אַז ער וועט עקספּלואַטירן דעם ר׳אהרנ׳ען ביז צו אַן עקסטרעם. עס איז אים נישט גענוג געווען וואָס ר׳ אהרן האָט געלערנט מיט זיינע זין, נאָר ער האָט אים נאָך פאַרשאַפט אַ טוצן תלמידים (מיך צווישן זיי) און ר׳ אהרן איז געוואָרן סתם אַ מלמד צווישן די איבעריקע צאָל מלמדים אין סיגעט... טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט ר׳ אהרן געמוזט עסן „טעג“ ביי די עלטערן פון זיינע תלמידים.

אָט צו אַזאַ מדרגה האָט זיך עס דערשלאָגן ר׳ אהרן ראזען!... נאָר טאָמער עמיצער מיינט, אַז דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיקט, דעמאָלט מאַכט דער יעניקער אַ טעות. דאָס אמת׳ע „געדיכטע“ קומט ערשט אַצינד.

דעם „רבילעס“ אינגסטער זון האָט געהאַלטן אין פאַר׳קנס׳ט ווערן צו אַ נגידישער טאָכטער און אַלס אַ „סגולה“ צום שידוך וואָלט געווען גוט ווען דער זון וואָלט פאַרעפנטלעכט אַ חיבור פון באַדייט, ווי אַ שטייגער, אַ חיבור איבער הלכה.

איטליכער אין שטעטל האָט געוואוסט, אַז דעם „רבילעס“ זון איז נישט אַזאַ גרויסער לערנער, אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל קענען מחבר זיין אַ וויכטיק ספר. אָבער אין איין שיינעם טאָג איז מען געוואָר געוואָרן, אַז דער „מורי־מורינו בן הרב“ האָט נאָר וואָס פאַרעפנטלעכט אַ חיבור איבער „הלכה...

ערשט נאָכדעם ווי דער חיבור איז דערשינען האָבן זיך אייניקע שאַרף־לערנערס פון שטעטל דערמאָנט, אַז אין סיגעט האָט געהאַט פאַר אַ ווייל פאַרברענגט עפּעס אַ איד. „נו, וויאַזוי האָט ער נאָר געהייסן?... דאַכט זיך, אַז עמיצער האָט געהאַט דערציילט, אַז דער איד, איך האָב שוין פאַרגעסן זיין נאָמען... האָט עפּעס געהאַט אַ חיבור, צי סתם אַ

כתב־יד. פונוואַנען איז ער עס געקומען דער איד ?... דאַכט זיך פון פוילן״...

▼

שטיל איז ר׳ אהרן ראָזען אַנגעקומען קיין סיגעט פון ראווע־רוסקע און פונקט אַזוי שטיל האָט ער פאַרלאָזט סיגעט. נישט זיין קומען און נישט זיין אַוועקגיין האָבן געמאַכט אַ רושם... דערפאַר אָבער האָט אַ „מורי־מורינו בן הרב״ געטאָן אַ פיינעם שידוך ; ער האָט זיך געצירט מיט דער קרוין פון ר׳ אהרן ראָזען.

נו, וויאַזוי נאָר האָט דער פאַרשטעלטער רבי פאַרענטפערט די קשיא פונ׳ם איידעמל אויף קעסט „אויך מיר אַ קשיא, אפילו מיין באַלעגאָלע וועט אייך קענען דערויף ענטפערן !... און צי איז ר׳ אהרן ראָזען נישט געווען אין גלות ביי אַ אידן ?... נאָך קיינמאָל איז אפשר דער מאמר „הכל תלוי במזל ואפילו ספר תורה שבהיכל״. נישט געווען אַזוי אַקטועל ווי ביי מיין רבי ר׳ אהרן ראָזען, בעל מחבר פון „ביאור מהרש״א״.

❀

די סיגעטער מחזיקי תורה שוהל

צווישן די צענדליקער שולן און בתי מדרשים וואָס די 12 טויזנט סיגעטער אידן האָבן פאַרמאָגט, האָט די מחזיקי תורה שוהל פאַרנומען איינע פון די פּראָמינענטסטע פּאָזיציעס פון פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער אינ׳ם סיגעטער אידישן שטייגער לעבן. מען קאָן גאַנץ געמיטלעך זאָגן, אַז די מחזיקי תורה שוהל איז געווען דער קו־המשקל, דער באַלאַנסירער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גלייכגעוויכט פון דער סיגעטער אידישער קהילה וואָס שייך די אויסדערוויילטע אָנפירערשאַפט מצד דער אָרטאָ־דאָקסישער געמיינדע אַלס גאַנצע.

די אידן פון דער מחזיקי תורה שוהל האָבן מיט רעכט גע׳טענה׳ט:

— אויב די אידן פון אַרום „גרויסן פּלאַץ״ דענקען, אַז מיר „אויבער־יאַראַשער״ אידן, עקזיסטירן נישט, וועלן זיי שוין געוואָר ווערן ביים ציילן די שטימען, אַז מיר זיינען די וואָס דעצידירן ווער עס זאָל זיין דער נעקסטער פּרעזידענט פון סיגעטער שטעטל!...

ווען עס איז געקומען צו נייע וואַלן פאַר אַ נייעם פּרעזידענט פון דער סיגעטער „קולטוס געמיינדע״, האָט זיך טאַקע די הויפּט דראַמע אָפּגעשפּילט אַרום דעם „גרויסן פּלאַץ״, דער עיקר, אין הויף פון דער קהילה. אַ הויף וואָס איז געווען אין צענטער צווישן די צוויי הויפּט שוהלן וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט — צווישן דער אַלטער שוהל און דעם סיגעטער רב׳ס בית המדרש. אין דאָזיקן הויף זיינען עס טאַקע געווען קהל׳ס קאַנצעלאַריעס און טאַקע דאָ זיינען עס פאַרגעקומען נייע וואַלן פאַר אַ פּרעזידענט. אין שטח פון דאָזיקן הויף פלעגן זיך פאַרזאַמלען מאַסן סיגעטער אידן און זיך צוהערן צו די אַגיטאַציע רעדעס פון די קאַנדידאַטן און זייערע סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו באַווייזן באותות ומופתים על פי התורה און על פי הדרוש, אַז נאָר „ער״ אָדער „דער״ איז עס ראוי צו טראָגן די „איצטלא״ פון פּרעזידענטשאַפט און נישט קיין אַנדערער. אין דאָזיקן הויף איז עס אויך אויסגעדריקט געוואָרן דער פּראָטעסט פון מאַסן פאַרזאַמעלטע, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון ר׳ ישראל ווייס, אַקעגן סיגעטער בית דין. דער פּראָטעסט, וואָס האָט אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון אַ מאַסן דעמאָנסטראַציע איז געווען וויל

דער סיגעטער בית דין האָט אַרויסגעגעבן אַן „איסור שחיטת חוץ“. איטלעכער סיגעטער איד האָט נישט נאָר געוואוסט וואָס אַזוינס דער באַדייט פון דעם איסור מיינט, נאָר אויך געפילט דעם טעם דערפון. עס האָט געהייסן, אַז מען טאָר נישט ברענגען קיין פלייש פון אַרויס דער שטאָט, פון אַ דאָרף, וואו די טאַקסע אויף פלייש איז נישט אַזוי הויך. איז ווער עס האָט נישט בייגעוואוינט די מאַסן דעמאָנסטראַציע אין פאָרם פון אַ „רעוואָלוציע“ אַנטקעגן סיגעטער בית דין, דער האָט קיין אַנונג נישט וואָס עס הייסט אַזוינס, אַז דער באַ׳עוולה׳טער זאָל פאַרבייגן זיינע אייגענע חסידישע פּרינציפּן און פאָדערן יושר אין נאָמען פון די דאָזיקע פּרינציפּן...

איז ווי שוין באַמערקט פריער, האָט זיך טאַקע די הויפּט דראַמע פון נייע וואַלן אַמ׳בולט׳סטן אַנגעזען אין דער „באַלעבאַטישער“ געגנט פון דער שטאָט, אין שכנות פון רב און פון דער קהילה, וואָס אַרום „גרויסן פּלאַץ“, אָבער דער דעצידירענדיקער פאַקטאָר איז געווען די מחזיקי תורה שוהל, וואו די „אויבערלאַנדער“ אידן האָבן געדאַוונט.

די מחזיקי תורה אידן, די „עמך־שער־און־אייזן אידן“, זיינען עס געווען דער רוב מנין ובנין פון סיגעטער אידנטום, כאָטש זיי זיינען טיילווייז איינגעאָרדנט געוואָרן. די אויבערלאַנדישע אידן וועלכע האָבן געוואוינט אַרויס פון צענטער, ווייט פון „גרויסן פּלאַץ“ און נאָענטער צום „פי־מאַרק“, האָבן זיך טאַקע נישט צו שטאַרק אַנגעזען צווישן די פּאָלי־טיקער וועלכע „ציען שטריקלעך“ אָבער זייערע „שטימען“ האָבן זיך שוין גאָר שטאַרק אַנגעזען נאָך די וואַלן.

דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז די ערשטע העלפט פון מיין יוגנט זאָל איך וואוינען אין סאַמע צענטער פון שטאָט, אין דער „אידישער גאַס“ און די צווייטע, רייפערע, העלפט פון מיין יוגנט, זאָל איך וואוינען דווקא אין אויבערלאַנדיש. אַזוי אַז איך האָב געהאַט אַ גינסטיקע געלע־גנהייט איינצוזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן סיגעטער לעבנסשטייגער, אָנגע־פאַנגען פון די עכט חסידישע און קנאישע „עץ החיים“ אידן ביז צו די איינפאַכע אויבערלאַנדישע „מחזיקי תורה“ אידן.

אַלס יונגער בחור׳ל, פאַר מיין בר־מצוה, האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי פיל גוטסקייט, איבערגעבענקייט און פריינטשאַפט אַן איינפאַכער איד, אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר, אַ פאַלקסמענטש, פאַרמאָגט עס אין זיך. אָבער מיט דער צייט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דער

אויבעריאַרעשער סאָרט אידן זיינען איבערגעגעבן פאַר דער אידישער זאַך בלב ובנפש נישט ווייניקער ווי די עקסטרעמע קנאים, אויב נישט נאָך העכער!...

טאָמער האָבן אַנטיסימיטישע כוליגאַנעס געפּרואווט איזדעקעווען זיך איבער אומשולדיקע אידן, ווער זיינען עס געווען די ערשטע אַנצובּרעכן די ביינער די כוליגאַנעס? — די אויבעריאַרעשער קצבים און גאַרבערס! טאָמער האָבן זיך די קוזיסטן געגרייט קומען קיין סיגעט בכדי צו פּאָג־ראָמירן די אידישע באַפעלקערונג און מען האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ, בכדי די קוזיסטלעך מקבל פנים זיין — איז ווער האָט עס זיי אַראָנזשירט אַ „קבלת פנים״? — טאַקע נאָכאַמאָל אויבעריאַרעש!

די אידן פון דער „מחזיקי תורה״ שוהל זיינען געווען ווי אַ שטיל וואַסער וואָס גראָבט שטאַרק טיף. די אויבעריאָרעשער אידן האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון סיגעטער אידנטום און געלייגט זייער חותם אויף אַ גלאָררייך קאַפּיטל אין דער היסטאָריע פון סיגעטער אידנטום.

אַט שטייען זיי פאַר מיינע אויגן די אויבעריאַרעשער אידן — פרויען, מענער און קינדער, ווי זיי שטראָמען עס מאַסנווייז אין שוהל אַריין שבתים און ימים טובים. די ווייבער מיט זייערע ווייסע טיכלעך און לאַנגע געבלימטע יופּקעס און די מענער מיט זייערע שבת׳דיקע מלבושים. די מיט לאַנגע בערד און פיאות גייען געווינלעך אָנגעטאָן אין לאַנגע קאַפּטאַנעס און שטריימלען אויפ׳ן קאָפּ. און די אָפּגעגאָלטע גייען סתם אָנגעטאָן אין שבת׳דיקע מלבושים, ווער אויף אַ מאָדערנעם שטייגער און ווער עס גייט סתם אין אַ לאַנגן רעקל. אין איטלעך אידישער היים פינקלען די שבת־ליכט אַקעגן די אויפגייענדע שטערן אין הימל. מען פילט ממש אַז ביידע פלאַמען, אי די פון הימל און אי די פון די אידישע הימען, זיינען געטלעכע פלאַמען וואָס ברענען ביי איטלעכן אידן אין האַרצן.

ביי קבלת שבת אַז מען האָט געהערט ווי דער חזן זינגט זיין רזא דשבת מיט דעם אָריענטאַליש קאַבּאַליסטישן ניגון, האָט מען געמוזט פילן, אַז עס איז שבת אויף דער וועלט! איבערהויפּט, אַז דער חזן איז צוגעקומען צו די ווערטער פון „וכלהון מתעטרין בנשמתין הדתין כדין שירותא דצלותא לברכין לה בחדוא בנהירו דאנפין״ — איטלעכער ווערט באַקרוינט מיט אַ נייער נשמה אַזוי ווי די מלאכים פון הימל מיט אַ

געטלעך ליכט — דעמאָלט האָט מען געזען, אַז איטלעכער איד האָט אַ נשמה יתירה. מען האָט עס געקאָנט זען אין די פּנים׳ער!...

לאָמיר אָקאָרשט פון טשיקאַווּעסט בלויז כאַפּן אַ בליק צו דער מזרח־וואַנט. אָט זע איך ר׳ לייב יאַסאָוויטש׳ן, דער הויפּט גרינדער פון דער „מחזיקי תורה״ שוהל, ער איז עס דער אויסדערוויילטער פון די מחזיקי תורה אידן, וועלכער איז געווען זייער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט און כמעט אַלעמאָל געזיגט. אומזיסט האָבן קאַנדידירט אַזעלכע חשוב׳ע אידן ווי ר׳ אלי׳ שטערן און ר׳ ישראל וויס און אומזיסט האָט עס ר׳ מרדכי לייכטער באַוויזן מיט זיין בקיאות און לומדות אַז על פּי הדין און על פּי היושר וואָלט געדאַרפט אויסדערוויילט ווערן ר׳ ישראל וויס, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צו ווירקן אויפ׳ן סיגעטער בית דין צו עלימינירן דעם איסור שחיטת חוץ, קוים האָט זיך ר׳ לייב יאַסאָוויטש באַוויזן אויף דער אַרענע, האָט ער מיט זיך בלויז פּשטות מבטל געווען אַלע לומדים. און איז מערער מאָל דערוויילט געוואָרן פאַר דעם אַמט פון ראש הקהל.

אָט זע איך ר׳ אַלטער טאַבאַק, אַ איד פון גרויסן יחוס, דעם ערך ש״ס אַן אייניקל, און עס שטייט אים נישקשה אַן צו דאַווּנען אין דער מחזיקי תורה שוהל; אָט איז זיין איידעם ר׳ משה פּאַפּאָוויטש, וועלכער, אין קאָנטראַסט צו זיין שווער, וועלכער האָט אַ לאַנגע גרויע באָרד, האָט דווקא אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד. ביי ר׳ משה׳ן איז אַן אָפענע טיר און אַן אָרעמאַן גייט קיינמאָל נישט אַוועק הונגעריק; אָט איז ר׳ יענקל ראָט, אויף וועמען מען פלעגט זאָגן, אַז ער איז אַ קאַרגער, און אַז ער איז געשטאָרבן איז מען געוואָר געוואָרן, אַז ער האָט אידן, שטילערהייט, אַ סך טובות געטאָן; אָט איז קאָפּל מאַטיאַש דער בעקער, אויף וועמען מען זאָגט, אַז ער האָט אַמאָל געקאָנט לערנען און מען איז אים חושד, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער ציוניסט; אָט איז ווידער לייב מאַלדאָוואַן דער גאַרבער מיט זיינע זין; אָט איז איציק ווינבערגער, אַ איד אַ יורד, וועלכער זיצט פונדעסטוועגן אין מזרח.

לאָמיר כאַפּן אַ בליק צו די איבעריקע אידן, אָט איז ר׳ הערשל טאַבאַק, דער גבאי פון שוהל, אַ רייכער איד, אַ שטילער און האָט ליב אַ אידן אַ טובה צו טאָן; אָט איז ר׳ משה אינדיק, דאַכט זיך אַן איינפאַכער איד, דערפאַר אָבער פול מיט האָרץ; אָט איז מיכל דער שמש, וועלכער האָט אַ שטאַרקן טענאָר און עס וואָלט אים גיכער געפּאַסט צו זיין אַ חזן אין אַמעריקע איידער אַ שמש אין מחזיקי תורה שוהל; אָט איז

מיין שוואָגער ר׳ אברהם שנעק, אַ פלאַם פייערדיקער חובב ציון, אָט איז מיין שוויגער־פאָטער ר׳ חיים אייזיקאָוויטש אַ שטילער און נעימותדיקער איד מיט אַ סך מעלות; מיין פאָטער ר׳ שבתי באַש, אַ איד מיט אַ פּאַטריאַר־כאַלישן אויסזען, אַ תלמיד חכם און ירא שמים און האָט דווקא ליב צו חבר׳ן זיך מיט עמך.

וואו זענט איר אַהינגעקומען, טייערע האַרציקע סיגעטער אידן?! וואָס איז געשען מיט די אידן פון דער מחזיקי תורה שוהל? נישט איינ־מאָל ווילט זיך מיר אַוועקזעצן אויף דער ערד און ווי דער נביא ירמיהו קלאָגן מיט׳ן נוסח פון „איכה ישבה בדד העיר". סיגעט האָט לײדער אויך געטיילט דעם ביטערן גורל פון חורבן אייראָפּע, דעם גורל פון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום וואָס איז אומגעקומען דורך די נאַצישע האַרדעס ימח שמם וזכרם. על אלה אני בוכיה עני עני יורדה מים, חבל על דאבדין ודלא משתכחין! הי״ד. זאָלן מיר, די שארית הפליטה, ווייטער ציען די גאָלדענע קייט פון אונזער גייסטרייכער ירושה וואָס דער אידישער לעבנס שטייגער האָט אונז איבערגעלאָזן אין אונזערע זכרונות און דמיונות...

די סיגעטער תלמוד תורה שוהל

סיגעט האָט פאַרמאָגט קלויזן און שוהלען אין די צענדליקער. עס איז כמעט נישט געווען אַ גאַס, וואו עס האָבן נאָר געוואוינט עטלעכע מנינים אידישע משפחות, אַז דאָרט זאָל זיך געווען נישט פאַרוואָרפען עפּעס אַ שילעכל אָדער סתם אַ קלויז. מפורסם זיינען טאַקע געווען די גרעסערע שוהלען, ווי אַ שטייגער דאָס סיגעטער רב׳ס בית־המדרש, אין שכנות פון דער אַלטער שוהל, די מלביש ערומים שוהל, די מחזיקי תורה, די ספרדישע שוהל און אחרון אחרון חביב, די תלמוד תורה שוהל.

מען דערציילט, אַז אַ סיגעטער איד, וועלכער האָט חושד געווען זיין זון, אַז ער איז נישט צופיל מדקדק אין „הלכות תפילה״, דאָס הייסט, אַז ער פאַרפעלט אַמאָל־אַמאָל, עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, צו דאַווענען — האָט זיך געווענדעט צו זיין זון מיט דער פראַגע: „וואו האָסטו היינט געדאַוונט?״ — „אין דער תלמוד תורה״, האָט דער זון דרייסט גענטפערט. „און ווער איז געווען דער בעל תפילה?״ פרעגט ווייטער דער פאָטער. „עפּעס אַ דאָרפס איד״, האָט דער זון מיט דער זעלבער דרייסטקייט געענטפערט. „אַזוי גאָר״, שרייט דער פאָטער אין כעס, און לאָזט זיין תכשיטל אַרונטער צוויי פלאַם פייערדיקע פעטש. — אַזוי גאָר, זייט ווען איז דיין טאַטע „עפּעס אַ דאָרפס איד״?!...

כאָטש דער דערמאָנטער אַנעקדאָט האָט אַ קליינעם שייכות צום אַלטעגלעכן אידישן שטייגער לעבן אין סיגעט, שפּיגלט ער אָדער אָפּ די פּאָפּולאַריטעט פון דער תלמוד תורה שוהל.

די תלמוד תורה איז טאַקע נישט געווען איינע פון די גרעסטע אָדער שענסטע שוהלן אין סיגעט, ווי אַ שטייגער די אויבן דערמאָנטע שוהלן, דערפאַר אָבער איז די תלמוד תורה געווען איינע פון די צענטראַל־סטע, און דערפאַר פון די אַקטיווסטע שוהלן. די תלמוד תורה איז געווען אין סאַמע צענטער, צווישן דער אידישער גאַס און דעם „קליינעם פלאַץ״, וואו דער אַלטעגלעכער קליינער האַנדל איז צושטאַנד געקומען.

מנינים זיינען געווען אין דער תלמוד תורה איטלעכע שעה; סיי זומער, סיי ווינטער, פון סאַמע כאור ביז אַרום צוועלף, איינס מיטאָג צייט. אין סאַמע הויף פון דער תלמוד תורה איז געווען אַ מרחץ, פון וואַנעט אידן

האָבן תיכף ומיד געקאָנט אַריינגיין אין דער שוהל אַריין געטובלטע. אידן וועלכע פלעגן אָנקומען פון די דערפער, מיט די קליינע באַנדלעך, פון אַקנאַ־שוגאַטאַג, זשילעשט, בערבעשט וואָד, די רינעס, אָדער מיט וועגענער פון אַזוי ווייט ווי בארשע, די ווישעוועס, סעפינקע און אַנדערע דערפער, אַז די אידן האָבן געוואָלט אַריינכאַפּן אַ „קדישה" אָדער אַ „ברכו", צי סתם דאַווענען מיט מנין, האָבן זיי, די אידן, שוין געוואוסט, אַז זיי דאַרפן זיך אָפּשטעלן ביי דער תלמוד תורה.

דערפאַר וואָס אין דער תלמוד תורה זיינען טאָג־טעגלעך פאָרגעקומען אַזוי־פיל מנינים, איז נישט קיין וואונדער, וואָס ווען אַ „בחורעץ" האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון דאַווענען, אַז ער זאָל זאָגן, אַז ער האָט געדאַוונט אינ׳ם ים פון די מנינים — אין דער תלמוד תורה.

▼

פונקט ווי אַנדערע שולן האָבן געהאַט זייערע נכבדים, אַזוי האָט אויך די תלמוד תורה געהאַט אירע אַקטיווע מיטגלידער פון שנים קדמוניות, ווי אַ שטייגער ר׳ יעקב גרינוואַלד, וועלכער איז פאַר אַ משך פון צענדליקער יאָרן געווען דער פּאַרלערנער, און ווען ער איז נפטר געוואָרן, האָט מען צעבראָכן דעם טיש, אויף וועלכן ער האָט פאַרגעלערנט ברבים, און אים מקבר געווען מיט אים צוזאַמען.

(ר׳ יעקב גרינוואַלד איז דער פאָטער פון הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין וויכטיק ווערק „טויזנט יאָר אידיש לעבן אין אונגאַרן", ווי אויך דער בעל מחבר פון דעם וויכטיקן הלכה ספר „כל בו על אבילות". ער איז געווען רב אין קאָלאָמבוס, אָהיאָ).

נאָך ר׳ יעקב גרינוואַלד האָט זיין ירושה איבערגענומען זיין זון ר׳ אביגדור ז״ל.

ווי חשוב׳ע מיטגלידער קאָנען אויך צוגערעכנט ווערן ר׳ שלמה העלער, וועלכער איז יאָרן לאַנג געווען סיגעטער ראש בית דין, ר׳ יודל בנציונס (דער פאָטער פון ר׳ ישראל ווייס), ר׳ יעקב ראָזענטאַל און אַנדערע.

די תלמוד תורה איז אָפּט אויסגענוצט געוואָרן ווי אַן אַרענע פאַר פאַרשעדענע בעלי דרשנים אָדער סתם מגידים, געסט, וועלכע פלעגן קומען פון די מרחקים פון ארץ ישראל, אָדער סתם פון די תפוצות הגולה. אפילו הרב ר׳ יהודה ליב פישמאַן (שפּעטער מימון, געוועזענער רעליגיע־מיניסטער פון מדינת ישראל), האָט בעת זיינע באַזוכן אין סיגעט, אויס־

גענוצט די תלמוד תורה, דאָס צענטראַלע אידישע מקום קדוש, פון וואַנעט ער האָט מעורר געווען די סיגעטער אידן פאַרן רעיון ציון און פאַר התישבות ארץ ישראל.

▼

צום סאַמע סוף איז טשיקאַווע צו דערמאָנען, אַז אין סיגעט האָט זיך פאַרוואָרפן עפעס אַ גר צדק, איינער אַן אברהם בן אברהם. דער גר האָט זיך געלאָזט וואַקסן אַ בערדל, אַ מין ווייס קאָזע־בערדל מיט לאַנגע פיאות. דעם גר׳ס פרנסה איז באַשטאַנען פון שנאָרעריי. ער פלעג זיך אַלעמאָל באַקלאָגן, מיט זיין צעקאַליטשעטן גוי׳שן אידיש, אַז פרנסה איז זייער שוואַך און אַז זיין שנאָרעריי סטייעט אים נישט גענוג אויף חיונה. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיין מקור פון פרנסה זאָל זיין די תלמוד תורה, וואו עס איז געווען דער גרעסטער אידישער פאַרקער. ערב ובוקר האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר מיט זיין פושקעלע, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעדרוקט מיט גרויסע אותיות די ווערטער גר צדק, און שנאָרן נדבות. די איבעריקע אידישע שנאָרערס פלעגן זיך ממש מקנא זיין אין אָט דעם אברהם בן אברהם אין וועלכן זיי האָבן געזען אַ פּאָטענציעלן קאָנקורענט, ווייל ער האָט געצויגן איטלעכנס אויפמערקזאַמקייט. די היימישע שנאָרערס האָט זיך צוטיילמאָל צוגעדאַכט, אַז דעם גר שטיצט מען מער ווי זיי...

דער שרייבער פון די שורות איז אפשר אַלט געווען אַכט יאָר, ווען דער גר צדק האָט זיך געיאָוועט קיין סיגעט. מיט מיין קינדערשן שכל האָב איך נישט געקענט משיג זיין, פאַרוואָס, אַז גאָט האָט אונז שוין יאָ באַגליקט מיט אַ גר צדק, וואָס אַנשטאָט צו זיין אַ גוי און רודפן אידן, נעמט ער גאָר אויף זיך דעם עול התורה און ער וועט זיין פון די פאַרפאָלגטע ווי דער כלל ישראל — פאַרוואָס אַזאַ איינער זאָל עס דווקא מוזן זיין אַ שנאָרער?!...

פונקט ווי איך האָב לכתחילה נישט געוואוסט פון וואַנען דער גר האָט זיך געיאָוועט קיין סיגעט, פונקט אַזוי האָב איך שפּעטער נישט געוואוסט וואוהין ער איז פלוצלינג בעלם געוואָרן.

די ספינקער קלויז

אין סיגעט, וואו עס האָבן געוואוינט אייניקע רבנים און רביים, האָט יעדער רבי געהאַט זיין אייגנס אַ קלויז, אָדער אַ בית מדרש: דעם סיגעטער רב׳ס שוהל, דעם בארשער רבי׳ס שוהל, דעם קרעטשינעווער רבי׳ס שוהל, דעם סלאַטווינער רבי׳ס שוהל, ר׳ יאָסעלע ליכטענשטיינ׳ס שוהל, ר׳ אביגדור׳ס שוהל, ר׳ יחזקאל׳ס שוהל, דעם רינער רבי׳ס שוהל. די ספרדישע שוהל, וועלכע איז געווען אַ מין טעמפל פון מאָדערנעם שטייגער, לויטן נוסח פון די קאָנסערוואַטיווע שוהלן, האָט זיך געפונען אין סאַמע קלויז־געסל, אין שכנות, פון דער וויזשניצער און אָטיניער שוהלן. זי איז געווען כמו חוץ למחנה, ווייל זי איז געווען צו מאָדערן...

איצט וויל איך זיך אָבער דער עיקר אָפּשטעלן וועגן איינעם פון די נישט גרויסע בתי כנסת — די ספינקער קלויז. אָבער פאַר אַלעמען איז כדאי צו באַמערקן, אַז סיי די דערמאָנטע קלויזן, וועלכע זענען אָנגערופן געוואָרן מיט די נעמען פון די רבנים וואָס האָבן געוואוינט אין סיגעט, און סיי די קלויזן, אָדער שוהלן וואָס זענען אָנגערופן געוואָרן מיט די נעמען פון די רביים מחוץ לסיגעט, ווי אַ שטייגער, די וויזשניצער, אָטיניער, קאָסעווער און סעפינקער, זענען געווען צו קליין אין פאַרגלייך מיטן עולם מתפללים. אין סיגעט איז קיין מאָל נישט געווען קיין פּראָבלעם, אַז שוהלן פוסטעווען. ניין, סיגעט האָט דעם דאָזיקן פּראָבלעם נישט געהאַט! עס איז בלויז אַלע מאָל געווען אַ פּראָבלעם: וואו נעמט מען גענוג פּלאַץ, אַז די מתפללים זאָלן נישט דאַרפן שטיין די גאַנצע צייט בשעת די תפילות. געדענק איך טאַקע ווי דער בארשער רבי, ר׳ פּנחסל האַגער, האָט געמוזט לאָזן פאַר די ימים נוראים צובויען סאַלאשן, אַזאַ מין גרויסע סוכה, איבערן גאַנצן הויף, פאַר אַ צייטווייליקן מקום קדוש, כדי די חסידים, וואָס זענען אָנגעפאַרן צום רבי׳ן אויף יום־טוב זאָלן האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַז זיי זאָלן האָבן גענוג פּלאַץ וואו צו דאַווענען. ווער שמועסט נאָך טאָמער איז קיין סיגעט געקומען צו גאַסט ר׳ ישראל׳טשע האַגער, דער וויזשניצער רבי: ר׳ חיים האַגער, דער אָטיניער רבי: ר׳ חיימ׳ל האַגער, דער קאָסעווער רבי: דער ספינקער רבי ר׳ יצחק אייזיק ווייס, אָדער זיין איידעם, ר׳ אבישׁ׳ל

האַראָוויץ, דער קראָלער רב, אַז די דאָזיקע רבנים זיינען געקומען צו גאַסט אויף שבת קיין סיגעט, זיינען זייערע קלויזלעך געווען צו קליין. האָט מען ביי מערערע געלעגנהייטן געמוזט אָנקומען צו די גרעסטע שוהלן אין סיגעט, ווי אַ שטייגער, די תלמוד תורה, מחזיקי תורה, מלבוש ערומים און אַנדערע. נאָר שלוש סעודות פלעגן די רביים אַמאָל פּראַווען אין זייערע אייגענע שוהלן.

די ספּינקער קלויז איז געווען אין סאַמע צענטער פון דער אידישער גאַס. אָבער פון דרויסן האָט קיינער נישט געקאָנט באַמערקן אַז אין דעם דאָזיקן הויף געפינט זיך אַ מקום קדוש. די ספּינקער קלויז איז געווען געבויט אין איין ריי מיט אַ 10—12 צימערן. איטלעכעס צימער האָט געהאַט אַ טיר וואָס האָט זיך געעפנט פון פּראָנט אויף אַ גאַניק מיט פּאַרענטשעס. אין סאַמע צענטער זענען געווען צוויי צימערן פון ספּינקער קלויז. אין צימער — די קלויז, דאָס צווייטע צימער האָט מען גערופן „די ווייבערישע שוהל״.

ס׳זעט אויס, אַז די סעפּינקער חסידים האָבן נישט געזוכט קיין צופיל „פּאָבליסיטי״ פאַר זייער שוהל, ווייל ווי אַנדערש קאָן איך דאָס אויס־טייטשן, פאַר וואָס זיי, די סעפּינקער חסידים, האָבן דווקא אויסגעקליבן אַ באַשיידענעם פּלאַץ פאַר זייער מקום קדוש, נאָר טאָמער דאַכט זיך עמיצן אויס, אַז אין דעם דאָזיקן קליינעם שולעכל איז נישט פאָרגעקומען קיין שפּרודלדיק אידיש לעבן, מיט אַלע פּיטשעווקעס און מיט אַלע זיבן חנ׳עך, וועט ער זיך שטאַרק טועה זיין...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די האַרציקע אידן פון דער סעפּינקער קלויז, אָנהויבנדיק פון ר׳ יהודא כהנא (ר׳ חיים לייב כהנא, דעם דיינס זון) און ר׳ סענדער קראַץ (ר׳ חיים לייבס אידעם) און ענדי־קענדיק מיט לייזער דעם טרעגער. די אידן פון דער סעפּינקער קלויז האָבן זיך ממש געפילט ווי איין משפּחה. איינעם איז אָנגעגאַנגען דעם אַנדערנס ענינים, נישט חלילה צום באַרעדן לשון הרע איינער אויפ׳ן צווייטן, נאָר דווקא טאָן אַ טובה אַ אידן, און אַ גמילת־חסד. אָט געדענק איך ר׳ אהרן פּערל, אַ געלעמטער איד, וואָס האָט געוואוינט אין איינע פון די צימערן אין דער זעלבער ריי פון דער שוהל, ווי זיינע זין, איציק און זלמן, ברענגען אים צו פירן אויף די הענט אין דער קלויז שבת צום דאַווענען: ר׳ יהודא כהנא, דער זקן שבחבורה, אַ הויכער איד מיט אַ ווייסע באָרד. אַז ער איז אַריינגעקומען אין שוהל אַריין האָט זיך איטלעכער

אויפגעהויבן: ר׳ סענדער קראַץ, אַ איד אַ נגיד, אַ חסיד מיט אַריסטאָקראַ־טישע מאַניערן; ר׳ דוד קראַץ, ר׳ סענדערס עלטערער ברודער, אַ איד אַ ווילצלער, וואָס האָט גערן אַרויסגעהאָלפן אַ אידן אין אַ נויט; ר׳ אַלטער זאלדאַן, (ר׳ חיים לייב כהנא׳ס איידעם), דער שטענדיקער בעל תפילה, שלא על מנת לקבל פּרס; ר׳ יענצע ראָזענטאַל, דער צווייטער בעל תפילה, אַ גרויסער ליבהאָבער פון קינדער; ר׳ מאָטאל שרעטער, אַ איד וואָס האָט אָפּגעגעבן כבוד יונג און אַלט, און האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט גרוסן צום ערשטן; ר׳ זלמן לייב שטויב, דער שמש און מלמד (געווען מיין דרדקי מלמד אין משך פון דריי מיט אַ האַלב יאָר) און אחרון־אחרון, ר׳ לייזער דער טרעגער, וועלכן מ׳האָט באַוואָרפן מיט האַנטוכער בעת ער האָט געבענטשט חנוכה ליכט און ער האָט עס אָנגענומען באהבה, ווי גלייך ס׳וואָלט אַ שייכות געהאַט צום ריטואַל פון חנוכה־ליכט צינדן...

כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי בעת כ׳בין נאָך געווען אַ קינד, בעת שלוש סעודות, ווען ס׳איז געווען שטאַרק טונקל אין שולעכל און דער ספּינקער רבי, ר׳ אייזיקל, האָט מיט זיין דביקות׳דיקער שטימע געזונגען לויטן זידיטשעווער נוסח דעם „אתקינו סעודתא״, און עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ יאָמערלעך געוויין פון ווייבערישע קולות, וועלכע זענען געקומען בעטן ביים רבי, ער זאָל אויספּועלן ביים רבונו של עולם אַ רפואה שלימה פאַר זייער מוטער.

וויפיל אידישער לעבענס־שטייגער האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַיין שוהלעכל אין סיגעט!

אַרום דער קאַסיווער קלויז אין סיגעט

אין סיגעט האָבן זיך דאָס רוב בתי־מדרשים געפינען אין סתם אַ הויף. יאָ, אין סתם אַ הויף, אין וועלכן עס האָבן געוואוינט מערערע איינוואוינער. ווי אַ שטייגער אין דער אידישער גאַס דאָס כהנישע בית מדרש, די ספינקער קלויז, די פועלי צדק קלויז און די בחורישע בתי מדרשים פון מזרחי און אגודה. אפילו אַזאַ וויכטיק בית המדרש ווי עץ החיים האָט זיך געפינען אין אַ הויף. און נאָך דערצו אין וואָס פאַר אַ הויף! אין בטע סאַקסעס הויף, וואו אידישע און גוי'אישע בעלי־עגלות פלעגן זיך אָפּשטעלן מיט זייערע פערד און וואָגן. אין דאָזיקן הויף האָט זיך שטענדיק געפילט אַ געמישטער גערוך פון היי און פערדס אָפּפאַל. אָבער דאָס האָט חלילה נישט געשטערט די עץ החיים אידן, וועלכע זיינען געווען די סאַמע חסידישטע אידן אין שטעטל, צום דאַוונען. אויך די ישיבה בחורים, וועלכע זיינען געזעסן יומם ולילה און דאָרטן געלערנט, האָבן זיך אויך נישט געמאַכט קיין צימעס דערפון.

אַזוי ווי איך קלויב זיך אָצינד דערציילן אַ טשיקאַווע מעשה שהיה, ווי אַזוי איך האָב אַלס חדר־אינגל אַראָנזשירט אַ „קריאת־שמע־לייענען" ביי דער קימפעטאָרין פון ר' מענדעלע דעם שמש פון דער קאַסיווער קלויז, וועל איך זיך שוין אין איין וועגס אָפּשטעלן ביי דער קאַסיווער קלויז גופא, וועלכע האָט זיך, אגב, אויך געפינען אין אַ הויף — ווי אויך אַרום דער קלויז.

די קאַסיווער קלויז האָט זיך דווקא געפינען אין אַ ריין הויף. אין ר' בן ציון צאַהלערס הויף, אַקעגן איבער דער פּאָפּולערער תלמיד תורה שוהל, אין סאַמע קליינעם פּלאַץ, וואו אידן און גוים פלעגן אויסשטעלן זייערע פּראָדוקטן צום פאַרקויפן אין די וואָכנטעג.

אין די וואָכנטעג, דאָס הייסט, פון מאָנטיק ביז פרייטיק, איז דאָס קליינע פּלאַץ געווען דער הויפּט באַזאַר וואו מען האָט געקאָנט איינ־האַנדלען עסנוואַרג (פרייטיק איז געווען דער וואָכנטלעכער מאַרק־טאָג און דעמאָלט איז דער באַזאַר אַריבער פון קליינעם פּלאַץ צום גרויסן פּלאַץ). די פּראָדוקטן אין קליינעם פּלאַץ זיינען מייסטנס באַשטאַנען פון גרינצייג און פירות. אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן האָט זיך אין סיגעט

געגרינדעט אַ הכשרה. האָט מען פלוצים געזען ווי אוניפאָרמירטע חלוצים און חלוצות האָבן אויסגעשטעלט זייערע אייגן פּראָדוצירטע ירקות צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע אידישע און גוי׳אישע ,מאַרק־הענדלערס (צום באַדויערן האָט די הכשרה נישט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט).

זומערצייט האָט מען אין קליינעם פּלאַץ פאַרקויפט מילכוואַרן, ווי אַ שטייגער פרישן קעז, פּוטער, סמעטענע, סערוועטקע, שאַפּענע מילך ווי אויך אייער און עופות. די סיגעטער ווייבער האָבן געוואוסט, אַז איטלעכן מיטוואָך קומט צו גיין אַ דאָרפּס־איד פון דער „מאַרע״ מיט פּיפּל־מילך און פּיפּל־פּוטער. די ווייבער, נישט ווויסנדיק זיין נאָמען, האָבן אים גערופן „דער פּיפּל־איד״... פּיפּל מילך איז אַ זעלטנהייט. אַז מען קאָכט פּיפּל־מילך און מען לאָזט זי אָפּקילן פאַרמירט זיך אַ דיקע הויט. ווייבער זאָגן, אַז די הויט האָט טעם גן־עדן. דעריבער איז פּיפּל־מילך היפּש טייערער ווי איינפאַכע קיענע־מילך. אָבער פּיפּל־פּוטער איז אַ סך ביליקער ווי קיענע־פּוטער. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, ווייס איך נישט. איך ווייס אָבער יאָ, וויאַזוי מען דערקענט דעם חילוק צווישן קיענע און פּיפּל־פּוטער. קיענע פּוטער האָט אַ געלבלעכן קרעם קאָליר, פּיפּל־פּוטער איז שניי־ווייס. אויך פּיפּל־פליייש איז היפּש ביליקער ווי סתם רינדן־פליייש אין די פליייש־יאַטקעס. איר האָט זיך געמעגט פאַרלאָזן אויף די סיגעטער ווייבער. די קצבים האָבן שוין געוואוסט, אַז זיי וועלן נישט קענען אָנשלייערן פאַר די ווייבער קיין פּיפּל־פליייש פאַר רינדן־פליייש. עס איז געווען גענוג אַז זיי, די ווייבער, זאָלן בלויז כאַפּן אַ בליק אויף אַ זייטל פליייש און זען ווי שניי־ווייס דאָס שמאַלץ איז אַז זיי זאָלן זיין מבינטעס, אַז ס׳איז פּיפּל־פליייש !...

אַציגנד וואָס שייך די קאָסיווער קלויז. פונקט ווי אַלע קלויזן און בתי מדרשים האָבן זייערע אַקטיווע טוערס, אַזוי האָט אויך די קאָסיווער קלויז, וועלכע האָט געציילט אַרום הונדערט און פופציק מתפללים, געהאַט פערמאַנענטע אָנהענגערס. ווי אַ שטייגער ר׳ פּנחס אדלער, די ברידער ר׳ ירחמיאל און משה ראָזנטאַל, ר׳ אשר ברעכער, ר׳ חיים לייב קופּער־מאַן, די פאַרצווייגטע שטערן משפּחה פון סעלישט און אַנדערע.

כמעט איטלעכן יאָר, זומערצייט, פלעג קומען קיין סיגעט צו גאַסט דער אַלטער קאָסיווער רבי ר׳ משהלע ז״ל, דער בעל מחבר פון „לקט עוני״ עה״ת. נאָך דער פּטירה פון ר׳ משהלען פלעג זיין זון ר׳ חיימל הי״ד, דער ממלא מקום פון אַלטן רבי אָנהאַלטן די חזקה פון קומען צו גאַסט איטלעכן יאָר קיין סיגעט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ווען אַ רבי ווי דער קאַסיווער, וועלכער איז געווען אַ שם דבר, פלעג קומען צו גאַסט, איז עס נישט בלויז געווען די שמחה פון די קאַסיווער חסידים. טויזנטער אידן פלעגן קומען אָנטייל צו נעמען אין דער שמחה. גאָר שטאַרק פלעגן זיך עס אָנזען די וויזש־ניצער, די אָטאַניער און די באַרשער חסידים. בכלל זיינען אַזוי די קלויזן ווי די חסידים פון די דערמאָנטע רביים אידענטיש. אויך זייער נוסח־התפילה איז כמעט היינו־הך. ווי איינער וואָס האָט נישט צו אָפט געדאַווענט אין קיין איינעם פון די דערמאָנטע בתי־מדרשים קאָנט איר מיר פרעגן בחרם, צי איך ווייס דעם חילוק פון אין נוסח־התפילה צום צווייטן.

די אידענטישקייט פון די דערמאָנטע חסידים, מייסטנס פון מיטל־קלאַס סוחרים און סתם געשעפטסלייט, איז באַשטאַנען אין דער גזע, אין דער דינאַסטיע פון די דערמאָנטע רביים, וועלכע זיינען אַלע אָפּשטאַמיקע פון ערשטן קאַסיווער רבי ר׳ חיים האַגער ז״ל, וואָס איז געווען דער פאָטער פון רבי ר׳ מענדעלע, דער גרינדער פון וויזשניצער חסידות.

איז כאָטש אויבנאויפיק קאָן זיך איינעם אויסדאַכטן, אַז די אַלע סאָרטן חסידים זיינען אַלע פון איין טייג געקנאָטן און אַז זיי זיינען איינס און דאָס זעלבע, ווייסן אָבער די סיגעטער, אַז ס׳איז לא זה כהרי זה, אַז ס׳איז פאַראַן אַ חילוק. דאָס איז דווקא אַ גרויסע מעלה. ווייל ווער ווייסט עס דען נישט, אַז שאַטירונגען, ניואַנסן און פילפאַרביקייט זיינען עסאַנצן פון אַן אינטערעסאַנט קינסטלעריש בליד? דאָס ווערטל, אַז „אַלע יוונים האָבן איין פּנים״ איז זיכער נישט געמיינט געוואָרן לשבח...

▼

אַצינד וואָס שייך ר׳ מענדעלען דעם שמש פון דער קאַסיווער קלויז. ר׳ מענדעלע איז געווען אַ קליינער און אַ דאַרער מיט אַ שוואַרץ קאָזע־בערדל. מען האָט פון אים קיינמאָל נישט געהערט קיין הויך וואָרט. ער איז געווען אַן אמת׳ער איש תם וישר. וואָלט ער קיין בערדל נישט געהאַט וואָלט מען אים געווען געקאָנט פאַרטוישן פאַר אַ בר־מצווה בחורל. ר׳ מענדעלע האָט טאַקע געוואוינט אין זעלבן הויף וואו די קאַסיווער קלויז איז געווען, גאַנץ הינטן ערגעצוואו פאַרשטעקט, אין אַ דירה פון צוויי קליינע צימערלעך. איך געדענק זייער גוט ר׳ מענדעלען דערפאַר, וואָס אין זעלבן הויף האָט אין איינער פון די נייע דירות געוואוינט מיין ברודער ר׳ גרשון ע״ה. איך פלעג גאַנץ אָפט קומען באַזוכן מיין ברודער און דעריבער האָב איך געהאַט אַ שטיקל מגע ומשא מיט אָט דעם ר׳ מענדעלען. איך בין טאַקע נאָך געווען אַ מלופם־קינד און נאָר וואָס

אָנגעהויבן לערנען ביי מיין דרדקי מלמד ר׳ זלמן לייב שטויב, אָבער מיין ברודער איז שוין געווען אַ טאַטע און איך האָב זיך שוין געהאַט געגרויסט, אַז איך בין שוין אַ פעטער...

ר׳ מענדעלע דער שמש האָט כל ימיו געאַרבעט עבודת הפרך. בלויז פון זיין שמשות פּאָסטן אַליין וואָלט ער געווען נישט געהאַט געגוג חיונה פאַר זיך און זיין בני־בית. פלעג ער טאָקע באַדינען אי דעם באַלעבאָס פון הויף ר׳ בן ציון צאַהלערן ווי אויך אַלע איבעריקע איינוואוינער. מען פלעג אים שטענדיק זען שלעפּנדיק זיך מיט עמערס וואַסער און הויפנס האָלץ. ווי אויך טראָגנדיק און ברענגענדיק עופות פון און צום שוחט ווי אויך מיט אַנדערע שליחותן.

אַז ר׳ מענדעלעס אשת חיל איז געלעגן געוואָרן מיט אַ בן־זכר בין איך געווען כמעט איינער פון די ערשטע עס געוואויר צו ווערן, אַ דאַנק מיינע אָפטע באַזוכן ביי מיין ברודער ר׳ גרשון. אַזויווי איך בין שוין געהאַט געווען ביי מערערע קריאת־שמע לייענען האָב איך שוין געהאַט געוואוסט, אַז אַ נאַכט פאַר׳ן ברית קומען קינדער פון חדר צו דער יולדת און לייענער קריאת־שמע. די יולדת ליגט זיך געוויינלעך בכבודיק אין בעט מיט איר ניי־געבוירענעם בן־זכר. איבער איר קאָפּ, אויף דער וואַנט, זיינען אָרויפגעקלעפּטע „שיר המעלות׳ן״, וואָס זיינען, ווי באַוואוסט, אַ סגולה אַקעגן שדים און סתים מזיקים, רחמנא ליצלן... די קינדער באַקומען נאָכ׳ן לייענען קריאת־שמע אַ שטיקל לעקעך און טאָרט און פאַר׳ן אַוועקגיין וואונטשעווען אַלע מיטאַמאָל ווי אין כאָר: „וויפל נעגל אויפ׳ן דאַך, אַזויפיל מלאכים אויף דער וואַך״...

קוים בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ר׳ מענדעלע גייט מאַכן אַ ברית האָב איך מיט מיין קינדערשן שכל תיכף משיג געווען, אַז איך וועל האָבן אַ נייע געלעגנהייט צו גיין קריאת־שמע לייענען און קריגן מיין פּאָרציע כיבוד. אָבער אין צווישן צייט האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען, צי עס וועט בכלל זיין אַ קריאת־שמע לייענען ביי ר׳ מענדעלען. וועלכער מלמד וועט זיך עס מטריח זיין צו קומען מיט די קינדער צו דעם אָרעמען ר׳ מענדעלען וועלכער וואוינט עס ערגעצוואו פאַרשטופּט הינטן אין הויף אין אַ חורבה וואָס איז אַרומגענומען מיט בלאָטעס...

איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז איך וועל דערציילן מיינע חברים אין חדר, אַז ביי מיינעם אַ באַקאַנטן איז געבוירן געוואָרן אַ אינגעלע און עס איז נישטאָ ווער ס׳זאָל צו אים גיין קריאת־שמע לייענען. דעריבער האָב איך זיי געזאָגט אָט וואָס:

„אויב איר ווילט זיך קויפן אַ מצווה קומט מיט מיר צו ר׳ מענדעלען קריאת־שמע לייענען״...

איך געדענק נישט גענוי וויפיל קינדער מיר זײַנען געווען צוזאַמען. איך געדענק אָבער געגוי, אַז מיר האָבן געקראָגן נישט קיין קלענערע פּאַרציעס כּיבוד ווי ביי סיי וועלכן אַנדערן קריאת־שמע לייענען. אויך געדענק איך, אַז ביים אַוועקגיין האָט מיר עמיצער אַ קוש געגעבן. איך ווייס נישט עד היום ווער עס איז געווען. ווייזט אויס, אַז שוין קליינערהייט איז מיר באַשערט געווען אַריינצוכאַפּן אַ „מצווה — ומתן שכרה בצדה״. אויף פּראָסט אידיש מיינט עס, אַז אי איך האָב אַ מצווה געטאָן און אַ הנאה געהאַט...

❀

ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען...

דעם 5־טן סעפּטעמבער 1940 איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן דער גורל פון צפון־טראַנסילוואַניער אידנטום, דורך דעם אַזוי גערופענעם „ווינער אָפּמאַך״. אויף דער איניציאַטיווע פון די פאַשיסטישע הויפּט מלוכות, איטאַליע און דייטשלאַנד, האָבן די דעמאָלדיקע אויסערן מיניסטאָרן פון די דערמאָנטע לענדער, גראַף טשיאַנאָ און פאָן ריבענטראָפּ, געצוואונגען רומעניע איבערצוגעבן אַ טייל פון טראַנסילוואַניע צו אונגאַרן.

אפשר וועט דער צוקונפטיקער היסטאָריקער אָפּשאַצן מיט וויפיל מער אידן עס וואָלטן לעבן געבליבן ווען צפון טראַנסילוואַניע וואָלט געווען געבליבן אונטער דער רומענישער הערשאַפט. עס איז אַ פאַקט, אַז אין רומעניע זיינען פיל מער אידן לעבן געבליבן נאָכ׳ן גרויסן חורבן וואָס די צווייטע וועלט מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט.

אויך מיין היימשטעטל, סיגעט מאַרמאַראָש, איז צום אומגליק אַרונ־געפאַלן אונטער די פאַשיסטישע מאַדיאַרן. וואָס דער סוף איז געווען איז זייער גוט באַקאַנט. ביי דער געלעגנהייט וויל איך שילדערן אייניקע סצענעס וואָס האָבן זיך מיר איינגעבאַקן אין מיין זכרון, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן... ווי אַזוי דער איבערגאַנגס פעריאָד האָט זיך אָפּגעשפילט ווען די רומענער האָבן אַרויסמאַרשירט און די מאַדיאַרן האָבן אַריינ־מאַרשירט.

אויב אייניקע אידן, אַזוי פון סיגעט ווי פון טראַנסילוואַניע אין אַלגעמיין, האָבן זיך איינגערעדט, אַז די אונגאַרן וועלן זיין מער טאָלעראַנט און ווייניקער אַנטיסעמיטיש ווי די רומענער, זענען די יעניקע שנעל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די מאַדיאַרן זיינען פילפאַכיק גרעסערע רשעים ווי די רומענער. די איינרעדעניש, דאָס די מאַדיאַרן זיינען גרעסערע „צדיקים״ ווי די רומענער, איז געווען איינגעוואָרצעלט ביי דעם עלטערן עולם וואָס האָט נאָך פאַרכאַפּט די צייטן פון פראַנץ יאָזעף, דעם אַלטן עסטרייך־אונגאַרישן מאָנאַרך, וועמען די אידן האָבן מיט רעכט אָנגערופן „מלך של חסד״. דאָס אַליין וואָס די אידן האָבן פאַראידישט פראַנץ יאָזעפס נאָמען אויף „פראָים יאָסל״ איז חלילה נישט געווען אָפּצו־שפּאָטן פון אים נאָר צוליב ליבשאַפט. אידן זוכן קיינמאָל נישט צו פאַר־אידישן אַ רשע׳ס נאָמען.

אין 1940 איז כמעט נישט געווען קיין אידיש הויז וואו אַ זון אָדער וויניקסטנס אַ קרוב זאָל נישט געווען זיין אַוועקגענומען אין מיליטער אַדאַנק דער אַזוי גערופענער „טיילווייזער מאָביליזאַציע״. דער זון פעלט טאַקע ביים טיש אויף שבת אָבער זיין טייל חלה, זיין לחם משנה, ווי אויך זיין טייל וויין צו קידוש איז אָנגעגרייט אויפ׳ן פלאַץ אויפ׳ן טיש מיט דער האָפענונג אפשר וועט זיך גאָט דערבאַרמען און עס וועט געשען אַ נס און דער זון וועט זיך באַווייזן ביי דער טיר אַ באַפרייטער פון מיליטער... לכבוד שבת קודש. קיין ניסים זיינען אָבער נישט געשען און אַזוי די חלה ווי דער וויין זיינען געבליבן פאַרשעמט, אָן המוציא און אָן אַ קידוש.

מיין היימשטעטל סיגעט איז געווען די ערשטע אָקופּירט צו ווערן פון די מאַדיאַרן. דער אריינמאַרש האָט זיך אָנגעהויבן פון סלאָטפינע, דעם גרענעץ־שטעטל וואָס איז געווען פון יענער זייט טיסאַ און האָט פריער געהאַט געהערט צו טשעכאָסלאָוואַקיע איידער די מאַדיאַרן האָבן סוף 1938 אָקופּירט קאַרפּאַט־רוסלאַנד. דעם 4־טן סעפּטעמבער 1940 דאַרף דער רומענער עוואַקואירן סיגעט. עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה! פּלאַנמעסיג באַדאַרף די עוואַקואירונג פון צפון טראַנסילוואַניע אָנהאַלטן צוועלף טעג.

ביים וואָקזאַל זיינען די צוגן געפּאַקט מיט רומעניש מיליטער. עס איז אַ טומל אַ גערודער און אַ הו־האַ!

„היי, רעפּעדע מוי ברע!״ (העי דו, ריר זיך שנעלער דאָרטן!), שרייט אָן אָפיציר צו אַ סאָלדאַט. די סאָלדאַטן זיינען נישט אַזוי דיסציפּלינירט ווי געוויינלעך. זיי ענטפערן נישט די אָפיצירן מיט׳ן פולן מיליטערישן רעספּעקט: „אַרדאָנאַנץ דאָמנו אָפיציר!״ (אייער וואָרט, הער אָפיציר, איז מיין באַפעל!) ניין, אין היינטיקן טאָג דערקענט מען נישט קיין אונטערשייד פון אַ סאָלדאַט און אָן אָפיציר. זיי, די סאָלדאַטן און אָפיצירן, זיינען פאַרמאַטערטע, פוילע און מידע. זייערע פּלייצעס זיינען איבערגעלאָדן מיט ביקסן, קאָלדרעס, מיט שווערע הילצערנע וואַליזעס און מיט באַגאַזש אין וועלכן זיי פאַרמאָגן פּראָוויאַנט מיט שאר ירקות...

צווישן מענטשלעכן געדרענג לויפן די סאָלדאַטן אַרום ווי די פאַרסמ׳טע מייז. פאַר אייניקע רומענישע אָפיצירן האָט אָבער דאָס האַרץ וויי געטאָן צו פאַרלאָזן אַזאַ אידיש שטעטל ווי סיגעט גלאַט אַזוי זיך אָן אַ „בלייב געזונט״, אָן דעם זיי זאָלן זיך געזעגענען מיט די פאַר אידן וואָס זיינען אָנוועזנד געווען ביים וואָקזאַל. ווי אָרגאַניזירטע כאַליגאַנעס האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן און זיך גענומען פּאַטשן אידן.

סיגעטער אידן האָבן זיך ביז צום חורבן נאָך אַלעמאָל פֿאַרטיידיקט פֿון שלעגער. אויך אַצינד זיינען די אידן נישט געשטאַנען מיט פֿאַרלייגטע הענט, נאָר זיי, די אידן, האָבן די כוליגאַנישע אָפּיצירן אָנגעבראָכן די ביינער כדבעי למהוי, אַזוי־ווי אין פּסוק שטייט.

ווער ווייסט מיט וואָס אַזאַ געשלעג וואָלט זיך געווען געענדיקט ווען נישט דער פּלוצלונגדיקער פּייף פֿונ׳ם לאָקאָמאָטיוו. אַ סימן אַז די באַן וועט תיכּף אָפּפֿאָרן. די רומענישע קאָנדוקטאָרן האָבן צום לעצטן מאָל קאָמאַנדעוועט אויף רומעניש: „אינטראַץ אין וואַגאָנע!" (איינשטייגן!").

דעם אַנדערן טאָג אידערפֿרי, דאָנערשטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער, איז די פּראָצעסיע פֿונ׳ם אונגאַרישן אַריינמאַרש אין סיגעט אָנגעגאַנגען אין פֿולן שוואונג. טאָג און נאַכט האָט זיך געהערט דאָס טופּען פֿון די פֿערדישע פּאָדקאָוועס, דאָס סקריפּען פֿון די מיליטערישע וועגענער און דאָס קלאַפּן פֿון שווערע זעלנערישע טריט. צו דעם דאָזיקן גערויש האָט געקלאַפּט צום טאַקט אַ פּויק. די מאַדיאַרישע מיליטערישע מוזיק האָט געגרילצט אין די אויערן ווי אַ קאַצעניאָמער. די רומענישע מוזיק האָט בעסער געקלונגען...

אויסגעצוואָגענע, מיט גלאַנציקע טשופּרינעס און שטראַלנדיקע געזיכטער באַגעגענען די אונגאַרישע מאַדיאַרן זייערע לייב אייגענע „וויטעזן" (העלדן — אַזוי און נישט אַנדערש האָט מען געמוזט באַטיטלען אַ מאַדיאַרישן סאָלדאַט!). די מאַדיאַרן טראָגן זיך אַרום מיט בוקעטן בלומען און דערלאַנגען זיי פֿאַר די אָפּיצירן און שרייען מיט גרויס עקס־טאַז: „הוראַ!", „הוראַ, עליען האָרטי מיקלאָש!" (זאָל לעבן האָרטי מיקלאָש!) זאָלן לעבן די אונגאַרישע „העלדן"! זאָל לעבן די אונגאַרישע רעגירונג! הוראַ! הוראַ! הוראַ!

משה לייב דער משוגענער, פֿון סיגעט, איז נישט ווייניקער פֿאַר־פֿאָרעט ווי די דורכשניטלעכע מאַדיאַרן. אַ פֿאַרסאָפּעטער דרייט ער זיך אַרום אין די גאַסן און ער העלפֿט צו שרייען: — הוראַ, לעבן זאָל האָרטי מיקלאָש! אַ כּפּרה זאָל ער זיין, רבונו של עולם, פֿאַר מיר און פֿאַר׳ן כלל ישראל! הוראַ!.

משה לייב שרייט מיט אַזאַ מין עקסטאַז וואָס רופֿט אַרויס אויפֿמערק־זאַמקייט פֿון די יובעלירנדיקע מאַדיאַרן. זיי איז שטאַרק אויפֿפֿאַלנד וואָס ער ציעאַכמערט זיך אַזוי שטאַרק און וואָס עס איז אויף אים אַזאַ גדולה. אייניקע אידן האָבן מורא, און מיט רעכט, אַז עס זאָל חלילה נישט געשען עפּעס אַן אומגליק צוליב זיינע משוגעת׳ן. מען פּרובירט אים איינשטילן,

נאָר ער לאָזט זיך נישט:

— אידעלעך לויפט! — שרייט ער מיט דעם זעלבן באַגייסטערטן טאָן — לויפט וואו די וועלט האָט אַן עק! זעט איר דען נישט אַז די קליפּה האָט זיך פאַרלייגט אויף אונז? עליען האַרטי מיקלאָש! ימח שמו וזכרו, הוראַ!

אַן אונגאַרישער פּאָליציאַנט וויל דווקא, אַז מען זאָל אים איבערזעצן אויף אונגאַריש וואָס אַזוינס ער, משה לייב דער משוגענער, שרייט אויף אידיש.

עט, מאַלע וואָס אַ משוגענער רעדט!... פאַרענטפערן אים אייניקע אידן מיטאַמאָל.

נישט געאַכט וואָס דער מאָרגן איז געווען אַ שיינער און אַ מילדער און די זון האָט געשיינט מיט דער פולער פּראַכט אַזוי אויף די סאלאוואן בערג, וועלכע רינגלען אַרום דאָס שטעטל ווי אויף די הייזער און גאַסן, איז פונדעסטוועגן איטלעכן געווען פּאַסקודנע אויפ'ן האַרצן. חוץ זעלבסט־פאַרשטענדלעך, די מאַדיאַרן. זייער פרייד איז אין לשער. די אידן פאַר־שטייען זיך אויפ'ן וואונק:

— אויס „בונאַ דימיניאַצע!" („גוט מאָרגן" — אויף רומעניש).

„יאָ רעגגעלט! יאָ רעגגעלט!" („גוט מאָרגן" — אויף אונגאַריש).

— אַ שיינעם „יאָ רעגגעלט" האָבן מיר דערלעבט! — קרעכצט אונטער אַ צווייטער איד.

מען הערט די אַנאָנסירונגען פון די לעצטע נייעס אויף דער ראַדיאָ, אַז רומעניע האָט פּראָקלאַמירט אַ נאַציאָנאַלן טרויער צוליב דעם פאַר־לוסט פון צפון טראַנסילוואַניער געביט. ביי די מאַדיאַרן איז פּונקט פאַרקערט. זייער פרייד איז אויסערגעוויינלעך גרויס. זיי גראַטולירן זיך איינער דעם צווייטן; זיי האַלזן און קושן זיך; געוועזענע שונאים ווערן צוריק „פּאַני בראַט"; זיי הוליען און טאַנצן אינמיטן גאַס; זיי טרינקען און זויפן און ווערן טויט שיכור.

די איינציקע וועלכע האָבן זיך גלייכגילטיק באַצויגן אַזוי צום רומענישן טרויער ווי צו דער מאַדיאַרישער שמחה זיינען געווען די אידן! די רומענישע אידן איז אויך נישט פאַראַן מיט וואָס מקנא צו זיין נאָר ווי די צוקונפט האָט באַוויזן, איז די אונגאַרישע אידן לײדער פיל, פיל, ערגער געווען...

שוין דעם ערשטן טאָג פון זייער אַריינמאַרש קיין סיגעט האָבן די מאַדיאַרן באַוויזן וואָס זיי קאָנען. ביי וועלכן איד זיי האָבן אָפּגעשניטן

אַ פּאה; ביי ווײמען אַ האַלבע באָרד. די וועלכע האָבן נישט קיין באָרד און פּיאות האָבן זיי סתם אַזוי „מכבד" געווען מיט קלעפּ. דאָס איז אָבער בלויז געווען דער „שלום עליכם".

פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן ערגער: אַ איד האָט זיך נישט געטאָרט אַרויסרירן פון שטעטל (און דאָס איז חל אויף אַלע שטעט פון זעלבן געביט) אָן אַ דערלויבעניש; אייגנטימער פון קרעטשמעס, בעקע־רייען, קאָנדיטערייען און טאַבאַק געשעפטן האָבן געמוזט „פרייוויליק" איבערגעבן זייערע געשעפטן צו אַלטע אונגאַרישע פּאַטריאָטן; זיי האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין נייע אַרבעטס־שיינען פאַר יונגעלייט וואָס ווילן אַרבעטן אין די ווערקשטאַטן. די מאַדיאַרן האָבן סתם אָוועקגערויבט פון אַ גרויסן טייל אידן די הויפּט קוואַלן פון פּרנסה, און אַ פאַרוואָס זיינען אַ צאָל אידן אַרעסטירט געוואָרן.

דער ערשטער קרבן איז געווען משהלע מאָשקאָוויטש. אַ מאָדערנער, אָנגעזעענער און שטילער איד. ער איז אין דער תפיסה פאַרמאַטערט געוואָרן פון די פאַשיסטישע פייניקער און אין משך פון איניקע טעג האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. עס זיינען סתם אַזוי זיך אַרעסטירט געוואָרן אַזוינע חשוב׳ע געשעפטסלייט ווי אַנשל מענדעלאָוויטש און נאָנ־דאָר שטערן. ביידע אידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אויסערגעוויינלעכע פייניקונגען און יסורים.

אפילו קליינע שקאַצימלעך ווערן טרייניערט צו כוליגאַנישע שטיק. זיי וואַרפן נאָך שטיינער אויף אַלטע אידן און ברעכן די שויבן פון די בתי מדרשים. די מאַדיאַרישע פּרעסע איז פול מיט גיפטיקע אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען. עס איז נישט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז ד צרות האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן. אפילו דער עלטערער דור, וועלכער האָט זיך איינגערעדט, אַז די מאַדיאַרן זיינען קלענערע רשעים ווי די רומענער, האָבן זיך שנעל אויסגעטשוכעט פון זייערע אילוזיעס. איטלעכער האָט זיך איבערצייגט, אַז מען איז אַרויסגעקראָכן פון איין צרה און אַריינ־געקראָכן אין אַ צווייטער צרה. נעכטן האָבן די רומענער (די וואַלאַכן) געשלאָגן אידן; און היינט טוט דאָס זעלבע דער אונגאַר (דער מאַדיאַר)! — עס איז נישט שווער צו זען, אַז ביידע זיינען צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע.

יאָ, ביידע דורות אידן, די אַלטע ווי די יונגע, האָבן זיך שוין גאָר שנעל איבערצייגט, אַז דער מאַדיאַר איז נאָך מערער רשע פון׳ם רומענער! און אָט אַזוי האָט זיך דאָס אומגליק אָנגעהויבן.

קוקנדיק רעטראָספּעקטיוו טראַכט איך פיל מאָל: ווער ווייסט וויפיל צענדליקער טויזנטער אידן עס וואָלטן ניצול געוואָרן פון זייער טראַגישן אומקום אין טראַנסילוואַניע און די קאַרפּאַטן ווען עס וואָלט נישט געווען די אומגליקלעכע אָקופּאַציע מצד די פאַשיסטישע מאַדיאַרן?

פּאָרטרעט פון מיינע עלטערן ז״ל

מיינע עלטערן, ר׳ אַלטער שבתי און האשה מרת אַלטע חיה באַש, וואָלטן באמת געווען אַן אידעאַל פּאָר ביז 120 יאָר — שוין זייערע ערשטע נעמען אַלטער און אַלטע זיינען מעיד דערויף — ווען נישט היטלער מיט זיינע פאַשיסטישע הארדעס ימח שמם, וועלכע האָבן זיי אויף די עלטערע יאָרן, צוזאַמען מיט טויזנטער אידן פון סיגעט, דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ וואו זיי האָבן זייער לעצטן אָטעם אויסגעהויכט אין קרעמאַטאָריום, השם ינקום דמם.

אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי מיין מוטער ז״ל האָט צוגעקראָגן דעם נאָמען אַלטע. געוויינלעך גיט מען צו אַזאַ נאָמען ווי אַלטער אָדער אַלטע פאַר אַ חולה מסוכן וואָס איז אַ סגולה צו אריכת ימים. ביי מיין מוטער

איז דאָס אָבער נישט געווען דער פאַל.

אַז ר׳ שבתי, זייענדיק אַ תלמיד מובהק ביי ר׳ שלמה סופר, דעם „כתב הסופר״, איז מיט דער הסכמה פון זיין רבי צו מזל פאַרקנסעט געוואָרן מיט דער טאָכטער פון דעם סוחר ר׳ דוד ראטה אין מונקאַטש און אַז ער האָט אָנגעזאָגט די גוטע בשורה פאַר זיין פאָטער ר׳ פסח באַש און זיין מוטער חיה, און זיי און איינוועגס פאַרבעטן זיי זאָלן קומען צו די תנאים, האָט דעמאָלט זייער זון, שבתי, נאָך נישט געוואוסט דער כלה׳ס נאָמען. ער האָט בלויז געוואוסט אַז זי איז אַ טאַטעס אַ קינד, דעם סוחר ר׳ דוד ראטה׳ס טאָכטער, אַ יפת תואר מיט אַלע מעלות. ווען דעם חתנ׳ס עלטערן זיינען געוואויר געוואָרן, אַז דער כלה׳ס נאָמען איז חיה איז שוין געווען לאחר המעשה, נאָך די תנאים! דער טעלער איז שוין געווען אַ צעשפּליטערטער אין צענדליקער קליינע שטיקלעך און די חברה יונגוואַרג האָבן שוין געהאַט איטלעכער צעכאַפּט אַ שטיקל שאַרבן פונ׳ם טעלער, וואָס איז ווי באַוואוסט אַ סגולה ווי אַמשנעלסטן פאַרלאָבט צו ווערן...

דער נאָמען חיה, פאַר זיך וואָלט נישט געווען קיין חסרון ווען דעם חתנ׳ס מוטער וואָלט אויך נישט געהייסן חיה און „כלה וחמותה״, אַז די שנור זאָל האָבן דעם זעלבן נאָמען ווי די שוויגער, איז פאַרבאָטן לויט די צוואות פון ר׳ יהודה החסיד. דעם חתנ׳ס עלטערן וועלכע זיינען מדקדק געווען כחוט השערה אין אַלע אידישע דינים און מנהגים, זיינען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. עס איז געוואָרן אַן אמת׳ע סומאַטאָכע. דער שידוך האָט געהאַלטן ביים אָפּגעבראָכן ווערן. צום מזל איז דאָרט געווען דער ספּינקער רבי ר׳ יוסף מאיר ווייס זצ״ל, דער בעל מחבר פון „אמרי יוסף״ עה״ת און ער (אַ איד אַ חכם...) האָט גע׳פּסקנ׳ט:

„בדיעבד איז פאַרפאַלן, ר׳ יהודה החסיד וועט מוזן מוחל זיין וואָס אין דעם פאַל איז מען עס עובר אויף איינער פון זיינע צוואות. איז אַזוי ווי דער חתן האָט אַ צונאָמען אַלטער, זאָל זשע די כלה צוקריגן דעם פּאַסנדן נאָמען אַלטע און עס זאָל זיין שלום על ישראל! דער זיווג וועט אי״ה עולה יפה זיין, מסתמא איז עס אַ זיווג מן השמים ווי אונזערע הייליקע חכמים זאָגן: ׳ארבעים יום קודם יצירת הוולד מכריזים עליו מלמעלה בת פלוני לאלמוני׳ — פערציק טעג איידער דער מענטש ווערט געבוירן רופט מען אויס זיין זיווג אין הימל״...

אויב ר׳ שבתי באַש איז אפשר געווען אַ שטיקל בטלן אַלס ישיבה בחור, איז ער עס אָבער נאָך דער חתונה שנעל אויסגעוואַקסן, עס האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נאָאיוּוער ישיבה בחור וואָס האָט אין אָנפאַנג נישט אַמאָל געוואוסט ווי אַזוי זיין שיינע כלה הייסט, איז שוין גאָר קיין בטלן נישט! ר׳ שבתי איז געוואָרן אַ איד אַ סוחר אין אַקנאַ־שוגאַטאַג, אַ שטעטל 18 קילאָמעטער פון מאַרמאַראָש־סיגעט, וואו ער איז גאָר שנעל עולה לגדולה געוואָרן, לויט די דעמאָלטדיקע באַגריפן. עס איז כדאי פאַר׳ן צוקונפטיקן היסטאָריקער צו וויסן, אַז ווען ר׳ שבתי באַש איז מיט זיין יונג ווייבל ביים סוף פון פאַריקן יאָר־הונדערט, אָנגעקומען קיין אַקנאַ־שוגאטאַג, וואָס איז געווען דער הויפּט צענטער פון דער ״מארע״ וואָס האָט כולל געווען צירקע צוויי צענדליקער הערפער פון דער סביבה, אַז ר׳ שבתי איז געווען צווישן די ערשטע אידישע משפחות אין שטעטל און אַז עס איז נאָך נישט געהאַט געווען קיין מנין צום דאַווענען, האָט ער שוין אויסגעבויט אַ בית המדרש אויף זיינע אייגענע הוצאות אין שטעטל. דער פאָלגענדער אינטערעסאַנטער פאַל איז געשען תיכף נאָך דעם ווי די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אויסגעבראָכן.

מיהאַלי גאַבאָר, דער ״פּעאישפּאַן״ (גובערנאַטאָר אויף אונגאַריש) פון דער ״מארע״ איז געזעסן אין ראַטהויז מיט זיינע יועצים און פאַר־האַנדלט וועגן קריזיס וואָס די מלחמה ברענגט מיט זיך און וועגן די נויטווענדיקע מיטלען, אַז די באַפעלקערונג פון דער געגנט זאָל ווי־וויט מעגלעך זיין פאַרזאָרגט מיט די געהעריקע פאַרפלעגונגען און מיט אַנדערע הצתרכותן. וויפיל דער ראַיאָן באַדאַרף עס פאַרלאַנגען פון דער צענטראַלער עסטרייך־או[illegible]רישער רעגירונג פאַר׳ן גאַנצן ראַיאָן אאַ״וו. די סעסיע האָט אָנגעהאַלטן פאַר עטלעכע טעג און פונקט ווי פרעה איז נישט געווען צופרידן ווי אַזוי זיינע חרטומים האָבן אים פותר חלום געווען, פונקט אַזוי איז דער גובערנאַטאָר מיהאַלי גאַבאָר נישט געווען צופרידן פון זיינע ראַטגעבער. מיהאַלי גאַבאָר, אַ קלוגער און אינטעליגענטער גוי, האָט אינטואיטיוו געפילט, אַז זיינע יועצים טאַפּן אין דער פינצטער און רעדן סתם אין דער וועלט אַריין. פלוצים האָט ער זיך אָנגערופן צו די ראַטגעבער, אַז ער וועט נישט שליסן די סעסיע ביז ער וועט זיך נישט באַראַטן מיט דעם באַקאַנטן סוחר פון שטעטל, דעם איד שבתי באַש;

אדרבא, לאָמיר אים אַריבער רופן זאָפאָרט אַהער אין ראַטהויז — האָט דעצידירנדיק געקלונגען זיין שטימע איבערן זאַל — און לאָמיר אַלע איינאיינוועגס הערן וואָס ער האָט צו זאָגן!״

אַז מען איז אין מיטן העלן טאָג געקומען זאָגן פאַר ר׳ שבתי באַש, דאָס אַ ספּעציעלער שליח פון דעם ״פּעאישפּאַן״ איז אים געקומען רופן

אין ראַטהויז אַריין און אַז מיהאַלי גאַבאַר בכבודו ובעצמו וויל אים זען, איז ער אין אָנפאַנג אַ ביסל איבערראַשט געוואָרן, אָבער ער איז שנעל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס וועט אים חלילה קיין בייז נישט געשען. ווי נאָר ר׳ שבתי איז אַריינגעקומען אין זאַל אַריין האָט אים מיהאַלי גאַבאַר אויפגענומען מיט אַ זייער פריינטלעכער באַגריסונג און ער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די ראַטגעבערס, ער האָט אים אפילו אַוועקגעזעצט אויבן אָן לעבן זיך. ר׳ שבתי האָט זיך אויסגעטאָן זיין סאַמעטענעם קאַפּעליוש און איז געבליבן זיצן אין דער יאַרמולקע. מיט זיין הדרת פּנים׳דיק לאַנגער באָרד האָט ער אויסגעזען פּאַטריאַרכאַליש.

דער גובערנאַטאָר האָט ר׳ שבתי׳ן בקיצור געגעבן צו פאַרשטיין אין וואָס עס האַנדלט זיך;

— אַזוי ווי איר זייט דער גרעסטער סוחר פון שטעטל — האָט דער גובערנאַטאָר בנעימות׳דיק גערעדט צו מיין פאָטער בכדי ער זאָל נישט מבולבל ווערן — און אַזוי ווי איר האָט הונדערטער קליענטן וואָס קויפן אין נאָר ביי אייך אַ גאַנץ יאָר צייט, מוזט איר אוודאי האָבן אַ באַגריף וויפיל פּראָוויאַנט עס פאַרנוצט אַ משפחה אין משך פון אַ יאָר״.

ר׳ שבתי האָט ווי אַן אמת׳ער מומחה תיכף געמאַכט אַ חשבון און ער האָט געצויגן די געהעריגע שלוסן פון זיינע קאַלקולאַציעס אין שייכות די צאָל נפשות פון זיין קליענטל אין פּראָפּאָרציע צו דער באַפעלקערונג פון גאַנצן ראַיאָן. דער גובערנאַטאָר האָט נאָך דעם געזאָגט פאַר זיינע ראַטגעבער אַ פּאָר ווערטער פון וועלכע זיי זיינען אַלע רויט געוואָרן פאַר בושה...

אַצינד, אַז דער גובערנאַטאָר האָט שוין געהאַט אַלע ציפערן וועלכע האָבן זיך אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פון דער רעאַלער ווירקלעכקייט, האָט אים ערשט ר׳ שבתי גערעטן אַט וואָס: „פאַרלאַנגט פון דער צענטראַלער רעגירונג האָפּלט, דעמאָלט וועט איר אפשר קריגן די געהעריקע מאָס!״

וכך הוה, דעם פאָטערס ראַט איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און אין משך פון דער מלחמה איז ר׳ שבתי באַש געווען דער פאַרוואַלטער פון שטאָטישן מאַגאַזין פון ראַיאָן.

אַז ר׳ שבתי איז שוין יאָ עולה לגדולה געוואָרן, האָט ער ביי דער נאַטשאַלסטווא בכלל און ביים גובערנאַטור בפרט נישט ווייניק טובות אויסגע׳פּועל׳ט פאַר אחינו בני ישראל פון ראַיאָן...

עס איז געווען אַ פאַל וואָס אַ איד איז צוליב ר׳ שבתי׳ס שתדלנות ביי נאַטשאַלסטווא ניצול געוואָרן פון טויט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ

קליינעם חטא, וואָס אין מלחמה צייט ווערט עס פאַררעכנט פאַר אַ גרויסער עבירה. אַ איד האָט געשמוגלט אַ פעסל בראָנפן און ער האָט זיך צוליב דעם געדאַרפט שטעלן צום קריגס געריכט און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אַז מיין פאָטער איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער זיך ממש מוסר נפש געווען און נישט גערוט ביז דער געריכטס אורטייל איז אָפּעלירט געוואָרן און עס איז באַוויזן געוואָרן, אַז אין פעסל האָט גאָר באַדאַרפט זיין נאַפט. דער בראָנפן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַפט...

דער זעלבער מיהאַלי גאַבאָר איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן דער פערפעקט פון סיגעט, די צענטראַלע שטאָט איבער די מאַראַמאַראַשער ראַיאָנען, ריקע, מארע, טיסאַ און איזא. מיינע עלטערן האָבן שוין דעמאָלט אויך געוואוינט אין סיגעט און נישט ווייניק סיגעטער אידן זיינען דורך ר׳ שבתי׳ן געהאָלפן געוואָרן אין פאַרשידענע פּראָצעסן מיט דער מלוכה.

וואוינענדיק אין שוגאטאג איז ביי ר׳ שבתי׳ן געווען אַן אָפן הויז, אַזוי ער ווי זיין באַלעבאָסטע האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אַן אָרעמער איד, אַ וואַנדערער זאָל האָבן וואו איבערצונעכטיקן. די אָרעמע לייט האָבן שוין אָפילו געהאַט אַ חזקה דערויף, זיי האָבן נישט באַדאַרפט פרעגן. — עס זיינען געווען פאַלן ווען סוחרים צי סתם רייזנדע, אַז עס איז זיי אויסגעקומען איבערצונעכטיקן אַ נאַכט אין שוגאטאג און אַז מען האָט זיי אָנגעוויזן, וואו זיי קענען דורכנעכטיקן, פלעגן זיי מיינער, אַז ביי ר׳ שבתי׳ן איז סתם אַן אכסניה, פלעגן זיי זיך טאַקע אָנשאַפן אַז מען זאָל זיי צוגרייטן געוויסע פּאַטראַוועס, מען זאָל זיי אָפּפוצן די שיך א.א.וו. די באַלעבאָסטע, אַלטע חיה, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלע פאַר־לאַנגען זאָלן דערפילט ווערן. אַז די יעניקע זיינען נאָך דעם געוואויר געוואָרן, אַז אַלעס איז „גראַטיס״ אַן געצאָלט, פלעגן זיך די יעניקע האַלטן אין איין אַנטשולדיקן און נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן, פלעגן זיי טיילן מתנות דער דינערשאַפט.

דער פּאָרטרעט פון מיינע עלטערן וואָלט נישט געווען גאַנץ ווען איך זאָל נישט צוגעבן דעם פאַקט פון מיין זיידע ר׳ דוד ע״ה, וועלכער האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין די אַכציקער יאָרן און וועלכער איז אַ צוואַנציק מאָל געקומען פון אַמעריקע ספּעציעל צו באַזוכן זיין טאָכטער מיט׳ן איידעם מיט די איניקלעך. ר׳ דוד ראָטה האָט געמאַכט היפּש געלט אין אַמעריקע און וויפל מאָל ער פלעגט קומען אויף אַ באַזוך, האָט ער געשטיצט אָרעמע לייט און סתם רבנים און תלמידי חכמים, ביד רחבה, די אָרעמע לייט האָבן שוין געוואוסט, אַז ר׳ דוד קומט — ווערט

זיין יום טוב אין שטעטל.

בכלל איז מיין אַמעריקאַנער זיידע ר׳ דוד ראַטה געווען אַ ביז גאַר אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. ער פלעגט כמעט איטלעכעס צווייטע אָדער דריטע יאָר קומען ספּעציעל פון אַמעריקע באַזוכן מיינע עלטערן און זיינע אייניקלעך פון וועלכע ער האָט געשעפּט פולע עמערס מיט אידישן נחת. מיין מוטער איז געווען זיין בת־יחידה פון זיין ערשטער הייראַט. זיינע זין און טעכטער אין אַמעריקע זיינען געווען אויף אַזוי ווייט אַמעריקאַניזירט, אַז זיי האָבן אים גערופן „דהי אָלד מען״. מיינע עלטערן און קינדער האָבן ביי אים שטאַרק אויסגענומען און זיי האָבן אים נוהג כבוד געווען. דער זיידע האָט גרויס הנאה געהאַט צו זען ווי זיינע אייניקלעך גייען אין די חדרים און אין די ישיבות און זיינען אַריינגעטאָן אין חסידות...

דער זיידע האָט בדרך הלצה איינמאָל געזאָגט צו מיין פאָטער כהאי לישנא: „דאָ ביסטו זיך אַ שיינער איד. אפילו דו זאָלסט וועלן טאָן אַן עבירה קאָנסטו עס נישט באַוויזן! דאָ קאָנסטו העכסטנס גיין טרעטן אויף שמות. אָבער, קום קיין אַמעריקע און באַוויז דאָרטן צו זיין אַזאַ בעל־מדרגה...

דער זיידע האָט געוואָלט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מיינע צוויי עלטסטע שוועסטער, אין עלטער פון 12 — 14 יאָר, אַריבערנעמען קיין אַמעריקע פאַר צוויי יאָר צייט. אַלס גאַראַנטיע פאַר מיינע עלטערן, אַז ער וועט זיי בשלום צוריקברענגען אין צייט, האָט דער זיידע געוואָלט דעפּאָנירן אין דער באַנק אַ צען טויזנט דאָלאַרדיקן באנד. מיינע עלטערן האָבן אויף קיין שום אופן נישט געוואָלט אקצעפּטירן זיין פאָרשלאָג.

נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה זיינען מיינע עלטערן געקומען וואוינען קיין סיגעט. דער שרייבער פון די שורות איז קוים אַ יאָר אַלט געווען ווען זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעצויגן. מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ באַדייטנדער תלמיד חכם, איז קיין מאָל נישט געווען קיין קופּץ בראש, איך וואָלט אפילו געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים, באַשיידן און צוריקגעהאַלטן. פיל אידן אין סיגעט האָבן געוואוסט ווי אָפּצושאַצן די פיינע קוואַליטעטן פון מיינע עלטערן וואָס זייער אהבת ישראל און מסירות נפש איז געווען אין לשער. זיי האָבן זיך שטענדיק גע׳חבר׳ט מיט איינפאַכע עמך אידן. דאָס רוב יאָרן האָבן זיי געדאַוונט אין דער סעפּינקער קלויז, וועלכע איז געווען אין שכנות פון אונזער הויף אויף דער אידישער גאַס, אין עץ חיים בית המדרש

און אויף די עלטערע יאָרן אין דער מחזיקי תורה שוהל וואו מיין פאָטער פלעגט פאָרלערנען משניות ברבים. דער פּאָרטרעט פון מיינע עלטערן קאָן דינען ווי אַן ערשט קלאַסיקער סוזשעט פאַר אַ ראָמאַן פון אַלטן לעבנסשטייגער.

אָט אַזוי זיינען עס געווען אין כאַראַקטער דאָס רוב סיגעטער און מאַראַמאַרעשער אידן.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

ר' דוד ראָטה ז"ל

אליעזר באַש

מיין ברודער יצחק אייזיק באַש ז״ל

מיין ברודער יצחק אייזיק באַש, זכרונו לברכה, איז געווען אַ פיינפילנ־דיקער טאַלאַנט וואָס איז ליידער געגאַנגען לאיבוד ווי מסתמא פיל ווי זיינס גלייכן.

אייזיק, ווי איטלעכער אין דער משפחה און סתם באַקאַנטע האָבן אים גערופן, איז געווען אַ באַדייטנדער תלמיד חכם. ער איז געווען דער „עמוד־התווך״, אין מיטן, דער פינפטער אין דער ריי — פון ניין קינדער. און וואויל לערנעריי האָט ער געטראָגן די קרוין אין דער משפחה. ער איז געווען אַ בקי בש״ס ופוסקים און עס וואָלט זיך אים געווען געפּאַסט צו פאַרנעמען אַ רבנות פּאָסטן. אייזיק האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פאַרטיפן זיך אין מפרשים און וועלכע אַ טאָג־טעגלעכער סתם לערנער האָט אויס־געמיטן. ווי אַ שטייגער אין אבן עזרא. אַדאַנק זיין פרעציזקייט אין לערנען

צו פאַרשטיין דעם איינפאַכן פשט ישר והפוך סיי ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ פסוק חומש און רש״י און סיי אין אַ בלאַט גמרא און תוספות, איז אים אויסגעקומען פיל מאָל זיך מפלפל צו זיין מיט באַדייטנדע תלמידי חכמים און ער האָט זיך איבער זיי נישט ווייניק מאָל מתגבר געווען...

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ער זיך פאַרפולקאָמט מיט זיין ידיעה פון אבן עזרא איבער גאַנץ תנ״ך אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט בלויז אַ בליק געטאָן אין אַ פסוק האָט ער שוין געוואוסט וואָס דער אבן עזרא האָט צו זאָגן דעריבער. זייער ווייניק לערנערס פון העכסטן סאָרט קאָנען זיך עס אויפטאָן מיט אַזאַ דערגרייכונג...

עס איז אַ גרויסער שאָד וואָס אַזאַ פענאָמען ווי יצחק אייזיק באַש האָט געדאַרפט אָנקומען קיין אַמעריקע פונקט אין יאָר 1929, אין סאַמע קאָך פון דער דעפּרעסיע. פון ערשטן טאָג וואָס ער האָט געטרעטן אויף׳ן אַמעריקאַנער באָדן האָט ער געמוזט שווער האָרעווען פאַר׳ן עקזיסטענץ פון זיין בני־בית. ער איז געוואָרן אַן איינפאַכער קצב (בוטשער) און ער האָט כל ימיו געאַרבעט עבודת הפרך ביי זיין פּראָפעסיע ביז ער איז פאַרשלאָפט געוואָרן און ער איז פאַר יאָרן לאַנג קראַנק געווען „על ערש דוי״. זיין קראַנקהייט האָט פון אים צוגענומען זיין מוט און ענערגיע און דעריבער האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן מיט גייסטיקע ענינים ווי עס וואָלט זיך אים געווען געפּאַסט. ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין 1975.

איינער דאַרף נישט אויפשרייבן גאַנצע חיבורים בכדי מען זאָל אין אים דערקענען אַ טאַלאַנט. מיין ברודער אייזיק האָט פון צייט צו צייט אונטערגעזינגדיקט מיט אַ ליד און מיט סתם אַ באַשרייבונג וועלכע זיינען פאַרעפענטלעכט געוואָרן און אין וועלכע מען האָט געקאָנט דערקענען אַ צייטיקן טאַלאַנט.

איך וועל אויף טשעקאַוועסט איבערגעבן זיינע אַ קורצע באַשרייבונג ווי אויך בלויז צוויי פון זיינע לידער וועלכע זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דער אידישער פּרעסע, בכדי מען זאָל האָבן אַ באַגריף וואָס פאַר אַן אייגנאַרטיקער טאַלאַנט מיין ברודער איז געווען.

יצחק אייזיק באַש

אַ שטעטל מיט זאַלץ־גרובן און בעדער אין אונגאַרן

מיין שטעטל, מיט דעם מאדנעם נאָמען אקנא־שוגאַטאַג, ליגט אין אונגאַרן. קיין גרויסע לייט האָט עס נישט אַרויסגעגעבן. קיין אויסער־געוויינלעכע פּאַסירונגען האָט דאָרט נישט פּאַסירט. מיין שטעטלס אינטע־רעסאַנטקייט באַשטייט אין זיינע זאַלץ־גרובן און אין זיינע זאַלץ־בעדער. פון נאָענט און ווייט קומען מענטשן זען די גרובן און נעמען די בעדער. איינמאָל אין יאָר, אין אַ געוויסן טאָג, קומט פאָר אַ גרויסע פייערונג, אַ יום־טוב לכבוד דעם גרובן. דעמאָלט קאָן יעדער אַריינגיין זען אַלץ פריי, אָן באַצאָלט. און עס איז דאָ וואָס צו זען. עס איז ווי אַ פאַנטאַסטישע שטאָט טיף אין דער ערד, מיט מויערן פון זאַלץ. קליינע באַהנעלעך פירן אַרויס דאָס זאַלץ, וואָס מען האַלט אין האַקן. אין דעם טאָג פון יום־טוב ווערן אויף אַ געוויסן אָרט אין דער פאַנטאַסטישער זאַלץ־שטאָט אָפּגעריכט תפילות. די זיץ־פּלעצער, די טרעפּ, די פאַרענטשעס ביי די טרעפּ, די לייכטער פאַר די ליכט און די בינע — אַלץ איז פון זאַלץ, און קינסטלע־ריש אויסגעאַרבעט פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דאָס אַזוי־גערופענע „פערד־דרייעכץ". דאָס איז אַ קוואַל וואָס קוועלט אין זאַלץ־גרוב, און מען מוז עס האַלטן אין איין אויסשעפּן. שעפּט מען עס מיט פעסער און פערד. איין פאַס אַרויף און איין פאַס אַרונטער. די פערד דרייען זיך אין אַ ראָד, הערן זיך נישט אויף אַ גאַנצן טאָג צו דרייען און צו שעפּן וואַסער מיט די פעסער.

קיין גרעסערער עונג־שבת איז פאַר אונז, חדר־אינגלעך, נישט געווען, ווי צוקוקן זיך צו אָט דעם ספּעקטאַקל פון אומאויפהערלעכן וואַסער־שעפּן. אַ חוץ אָט דעם קוואַל אין דער פאַנטאַסטישער שטאָט איז נאָך געווען אַ וואַסער־קוואַל טאַקע אין שטעטל ביים וועלדל, וואָס האָט געהייסן „טשאַרגאַ". דאָס דאָזיקע קוואַל־וואַסער האָט געהאַט אַ שם ווייט און ברייט אין אונגאַרן.

דער אידישער ישוב איז דאָרט נאָך יינג, אַזוי צו זאָגן, ווייל קיין אידן האָבן דאָרט נישט געטאָרט וואוינען. די ערשטע אידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט, זיינען געווען די דוב׳ס. דריי ברודער זיינען זיי געווען, איינפאַכע מענטשן, ערלעכע, אָן חכמות, שטאַרקע אידן, וועלכע האָבן

געקאַנט זייער שטעטל באַשטיין, און די גויים האָבן פאַר זיי געהאַט גרויס רעספּעקט...

דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען, קינדער זיינען געבוירן געוואָרן, זין און איידעמס זיינען צוגעקומען און עס האָט זיך געבילדעט אַ קליינער אידישער ישוב, וואָס איז געווען איין גרויסע פאַמיליע. ווען עס איז געווען אַ שמחה — האָט דאָס גאַנצע שטעטל געפרייט, און אַז — חלילה — פאַרקערט, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געוויינט.

דער עיקר מסחר איז געווען קליין־האַנדל און מלאכה. מען האָט געמאַכט אַן אָרעם לעבן, אָבער מען איז געווען צופרידן. דער נגיד פונ'ם שטעטל איז געווען ר' שבתי באַש, מיין פאָטער. אַ דאַנק זיין שווערער מי און פראצע האָט זיך מיין פאָטער אַרויפגעאַרבעט — ווי מען זאָגט דאָ — און אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, האָט ער זיך געלאָזט קענען. דאָס בית־המדרש און די ספרי־תורה איז געווען אונזער אייגענס.

די אידן אין שטעטל און אין דער סביבה זיינען זייער פרום; מען טראָגט בערד און לאַנגע פּיאות, קאַפּטענס און שטריימלען; די פרויען פאַרוקן אַנשטאָט אייגענע האָר, און מ'איז פאַרקאָכט אין חסידות.

אין דעם זאַלץ־שטעטל האָט זיך דאָס לעבן געצויגן מיט שווערער פראצע ביי די זאַלץ־מוירערן, מיט שמחות און ימים־טובים אויף דער זאַלץ־בינע און ביים ליכט פון זאַלץ־לייכטער, און שטיל, ווי דאָס וואַסער פון דעם קוואַל „טשארגא“.

יצחק אייזיק באַש / לידער

אַ מוכר ספרים אַזאַ

ציצית, טליתים, רצועות,
ספרי־קודש, וספרי־חול —
קומט און קויפט מציאות
ביי אַ מוכר ספרים — בזיל הזול.

קויפט אַ זילבערנע מנורה,
אַ גאָלדענעם מגן־דוד;
קומט און קריגט די אמתע סחורה
מיטן גרעסטן כבוד.

יאָ, — איך האָב די אַנטיקן,
וואו נעמט מען נאָר דעם קונה?
כ'וואָלט אַזעלכע גליקן
נישט ווינטשן אויך קיין שונא.

נו, קומט און גיט צו לייזן,
לאָזט מיך זען אַ קלינגער;
אַ יעדן טו איך גייסטיק שפּייזן
און אַליין שטאַרב איך פון הונגער.

איך בין געקומען

דו זעסט, כ׳בין געקומען,
ווי כ׳האָב דיר געשוואוירן;
עס קלינגט דיין „גוד באַי” נאָך
אַצינד אין די אויערן.

געזאָגט, אַז כ׳וועל קומען
צוגלייך מיט די שנייען,
מיין וואָרט כ׳האָב געהאַלטן
מיר זיינען אין צווייען!

געקומען צוריק ווען
שניי־ווייס מיינע האָר שוין,
דערפילט אַזאַ בענקשאַפט,
כאָטש, זעסט, איך בין גראָ שוין!.

אַ לעבן געוואַנדערט,
געמאַסטן די ים׳ען,
איך גיי נישט אַוועק מער, —
מיר בלייבן צוזאַמען!

מיין ברודער גרשון יעקב באַש ז״ל

לויט ווי עס ווערט נאָכדערציילט פון ר׳ מענדל קאָצקער, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ גאַנצקייט ווי אַ צעבראָכן אידיש האַרץ — דעמאָלט איז מיין צעבראָכענער ברודער ר׳ גרשון יעקב באַש, זכרונו לברכה, געווען אַן אינטעגראַלע גאַנצקייט.

גרשון, ווי איטלעכער האָט אים גערופן, איז געווען מיין עלטסטער ברודער, דער דריטער אין דער ריי פון ניין שוועסטער און ברידער, נאָך מיינע צוויי עלטערע שוועסטער מלכה און צירל הי״ד. ער איז געווען עלטער פון מיר מיט אַכצן יאָר.

זייט איך געדענק גרשונ׳ען איז ער געווען אַ קריפּל. ער איז פאַר־קריפּלט געוואָרן אַלס קינד אַ דאַנק זיין שטיפערישקייט. עס איז ביי אים געווען אַ „ספּאָרט״ אַרויפצוקלעטערן אויפ׳ן שטאָלן־בוידעם, וואו דאָס היי פאַר צוויי אלגאבער קי האָט זיך געפינען. די קי האָבן געגעבן גענוג מילך פאַר דער משפחה וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אַנטוויקלען. גרשונ׳ס הויפּט אַטראַקציע אין זיין ספּאָרט איז געווען אַרונטערצושפּרינגען פונ׳ם שטאָלן־בוידעם אין היי אריין. אומזיסט האָט מען אים געוואָרנט, אַז ס׳איז אַ געפערלעכער שפּיל און אַז ער קאָן חלילה פאַראומגליקט ווערן. נישט נאָר איינמאָל זיינען עס שכנים, וועלכע פלעגן באַמערקן דעם ספּעקטאַקל, געקומען צו לויפן צו די עלטערן אים פאַרקלאָגן:

— איר זאָלט זיך כאָטש איינמאָל צוקוקן ווי אייער תכשיט וואַרפט

זיך עס אַרונטער פונ׳ם שטאָלן בוידעם! דאָס האַרץ קאָן איינעם פּלאַצן פאַר פּחד... מיר לויפן מיט דער נשמה אין די הענט זען וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, צי זיין פּעקל בייגער איז גאַנץ. קוים כאַפּן מיר אַ בליק אויף אים לאַכט ער ווי אַ ליג, ווי גלייך נישט אים מיינט מען עס...

גרשון איז אַזוי לאַנג אַנגעגאַנגען מיט זיין שפּיל ביז אין איין שיינעם טאָג האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ שטיין און זיין רעכטער פוס איז אַזוי שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן, אַז די דאָקטוירים האָבן אים נישט געקאָנט צוריקצושטיקעווען. מיין מוטער האָט זיך געאייסערט:

— איך וועל נישט דערלאָזן מיין קינד זאָל פאַרבלייבן אַ קריפּל. איך וועל פאָרן קיין ווין צום באַרימטן כירורג, פּראָפעסאָר לאָרענץ, און ער וועט אים אין אָרדענונג ברענגען!...

אין יענע יאָרן צו פאָרן פון שוגאטאג קיין ווין פאַר אַ פרוי אַליין מיט אַ קראַנק קינד איז נישט געווען איינס פון די גרינגע זאַכן. מיין מוטער האָט פאַרבראַכט אין ווין איניקע חדשים ביז עס איז איר געלונגען אַהיים צו ברענגען איר זונדל, גרשונ׳ען, מיט גראָדע גלידער. גרשון איז קוים זיבן יאָר אַלט געווען און ער האָט שוין געהאַט אָנגעשלאָגן אַזש אין ווין! ער האָט זיך נישט געקאָנט גענוג פאַרוואונדערן איבער די גרויסע חידושים וואָס ער האָט זיך אָנגעזען דאָרטן. די איבעריקע קינדער האָבן אים נישט ווייניק מקנא געווען וואָס ער האָט עס געהאַט אַזאַ וואוּנדע גלעגנהייט זיך אַרויסצורייסן פאַר אַ ווייל פון דערפל שוגאטאג...

אַזוי שנעל ווי גרשון איז געקומען צו די כוחות איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע שטיפערייען. פון שטאָלן־בוידעם איז ער טאַקע שוין מער נישט געשפּרונגען אָבער פון סתם ווילדעווען, לויפן, שטיפן און שפּרינגען האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט. טרעפט זיך פונקט, אַז עפּעס אַ פיאַקער איז געקומען צו פאָרן קיין שוגאטאג מיט עפּעס אַ פּריץ און ווי דער פיאַקער מיט׳ן פערדל גאַלאָפּירט זיך שררה׳דיק באַרג אַרויף האָט זיך גרשונ׳ען פאַרגלוסט זיך אַרויפצוכאַפּן פון הינטערווײַלעכטס אויפ׳ן פיאַקער און מיטפאָרן. און אָט האָט עס פּאַסירט. ווען דער פיאַקער איז אָנגעקומען אויפ׳ן שפּיץ באַרג האָט גרשון פאַרלאָרן זיין אָנהאַלט און ער איז געפאַלן באַרג־אַראָפּ און ער האָט זיך זיין שוואַכן פוס אַזוי שטאַרק צעקלאַפּט, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן פונ׳ם אָרט.

די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זיין פוס איז אַזוי שטאַרק צעשעדיקט, אַז עס וועט זיין אַ נס אויב מען וועט אים נישט דאַרפן אַמפּוטירן. די מאַמע האָט אויפסניי איבערגעלאָזט די גאַנצע משפּחה, מיט׳ן מאַן און

דאָס געשעפט און איז נאָכאַמאָל געפאָרן קיין ווין. דאָס איצטיקע מאָל האָט מיין מוטער נישט נאָר נישט געלונגען אַהיים צו ברענגען גרשונ׳ען אָן אויסקורירטן, נאָר זי איז אַליין אויך באַשעדיקט געוואָרן. זי איז אומגעפאַלן און זיך צעקלאַפּט אַ פוס פון וועלכן זי האָט געליטן די רעשט פון איר לעבן. גרשונ׳ען האָט מען האַלב און האַלב אויסקורירט. זיין פוס האָט מען נישט אַרונטערגענומען. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז אין אַ יאָר צוויי אַרום זאָל מען אים נאָכאַמאָל ברענגען קיין ווין און דעמאָלט וועלן זיי פּרובירן אים אויפסניי אויסקורירן. „דער מענטש טראַכט, און גאָט לאַכט״. אינצווישן האָט די ערשטע וועלט־מלחמה אויסגעבראָכן און עס איז פאַר מיין מוטער מער נישט מעגלעך געווען צו פאָרן קיין ווין צו די זעלבע פּראָפעסאָרן, ווייל די אַרמיי איז בילכער פון סתם בירגער. אַזוי אַרום איז מיין ברודער גרשון פאַרבליבן אַ קריפּל פאַר כל־ימיו.

אָבער עס רעדט זיך גרינג פאַרבליבן אַ קריפּל. אַ דאַנק דעם וואָס מען האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל אים אַמפּוטירן דעם פוס איז דער פּראָצעס פון היילונג געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, פּאַוואָליע. פאַר זעקס יאָר איז גרשון געליגן צוגעשמידט צום בעט און וויפיל מאָל מען האָט זיך צו אים צוגערירט האָט ער יאָמערלעך געוויינט. ער האָט געליאַרעמט און געמאַכט געוואַלדן. קיינער האָט זיך נישט געטאָרט צו אים צורירן חוץ די מאַמע. אָבער סיי ווי סיי האָט קיינער נישט געוואָלט אפילו נאָענט צוקומען צו אים ווייל עס האָט זיך פון אים געטראָגן אַן אומאַנגענעמענער ריח פון זיין אָפענער וואונד. עס איז אויף אים געווען אַ גרויס רחמנות, צוקוקנדיק זיך ווי אַ שיין און חנעוודיק יינגל מוז עס ליגן איינגעלייגט אין בעט און קאָן נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט זיינע חברים, מיט זיינע אינגערע ברידערלעך און צוויי עלטערע שוועסטער.

די יאָרן זיינען געלאָפן. די משפחה האָט זיך פאַרגרעסערט און גרשון איז נאָך אַלץ צוגעשמידט צום בעט. אָט באַדאַרף ער עס שוין צו ווערן בר מצווה, וואָס וועט זיין דער תכלית?...

מיין פאָטער איז כל ימיו געווען אַ סעפינקער חסיד. ער פלעג אָפט פאָרן צום סעפינקער רבי ר׳ יוסף מאיר, דער בעל מחבר פון „אמרי יוסף״ עה״ת. דאָס לעצטע מאָל האָט זיך דער טאַטע מתנצל געווען פאַר׳ן רבי׳ן, אַז שוין יאָרן ווי זיין בחור׳ל ליגט עס „על ערש דוי״, צוגעשמידט ווי מיט קייטן צו זיין קראַנקן־בעט און דאַ דאַרף ער אין קורצן ווערן בר־מצווה... דער רבי׳ האָט דערויף געענטפערט:

— פאָר שוין אַהיים און זאָג גרשונ׳ען, אַז ער זאָל זיך אויפהייבן

און זיך ,בעמען שפּאַנען !... דער טאַטע האָט זיך געוועדט:

— וויאַזוי קאָן איך עס הייסן פאַר אַ קריפּל, אַז ער זאָל שפּאַנען?

— זאָג אים — טענה׳ט דער רבי באַפעלעריש — אַז איך האָב אים געהייסן, אַז ער זאָל זיך אָנטון אַ כוח און ער זאָל זיך נעמען שפּאַנען!

דער טאַטע האָט געפאָלגט וואָס דער רבי האָט גוזר געווען. און הפלא ופלא, וואונדער שבוואונדער, גרשון האָט אָנגעשטרענגט זיינע שוואַכע כוחות און האָט זיך פּאַוואָליע גענומען באַוועגן אויף זיינע קראַנקע פיס.

גרשון איז אונטערגעוואַקסן און זיך אויפגעפירט אַזוי נאָרמאַל ווי נאָר מעגלעך. ער איז געווען רעליגעז געשטימט און נישט אָנגעוואוירן זיין חוש פאַר שטיפערייען. זיין מום האָט אויף אים נישט אָנגעוואָרפן קיין דעפּרעסיע אָדער אַ מרה שחורה. אַ קריפּל בגוף איז ער טאַקע פאַר־בליבן, אָבער בנפש, האָט ער זיך אונטער די אומשטענדן גאַנץ פיין אַנטוויקלט. די עלטערן האָבן געהאַלטן פאַר אים אַ פּריוואַטן מלמד, וועלכער האָט מיט אים געלערנט חומש און רש״י ווי אויך גמרא און תוספות. אַ פּריוואַטער לערער האָט אים געלערנט שרייבן אונגאַריש ווי אויך מאַטעמאַטיק. אַזוי אַז ער איז אונטערגעוואַקסן צו זיין אַן אַלגע־מיינער יוגנטלעכער. חוץ זיין מום פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען.

גרשון האָט חתונה געהאַט און ער האָט זיך געעפנט אַ דעליקאַטעסן געשעפט אין סיגעט. ער האָט געהאַט צוויי קינדער אַ טאָכטער און אַ זון. נאָר אַזוי ער איז געווען אַן אומרו אין זיינע קינדערשע יאָרן אַזוי איז ער אויך געווען אין זיינע שפּעטערע יאָרן. ער האָט זיך נישט געפינען קיין אָרט וואו ער זאָל זיך קענען באַפרידיקן. כאָטש ער איז געווען אַ פעאיקער סוחר און ער האָט געהאַט פּרנסה בריווח, האָט אים אָבער געצויגן צו דער גרויסער וועלט. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דייטשלאַנד, איטאַליע, די שווייץ און זיך נישט געפינען קיין אָרט ביז ער איז אָנגעקומען קיין בוקאַרעסט און זיך דאָרטן באַזעצט. ער האָט איבערגעלעבט די צווייטע וועלט־מלחמה וואוינענדיק אין בוקאַרעסט וואו ער איז על פּי נס לעבן געבליבן. זיינע קינדער זיינען אין מיטן ברען פון דער מלחמה אָנגעקומען קיין ארץ ישראל.

גרשון האָט אַלע יאָרן געליטן פון אַ מינדערוויכטיקייטס קאָמפּלעקס. עס האָט זיך אים אַלעמאָל אויסגעדאַכט, אַז די משפּחה שעמט זיך מיט אים צוליב דעם וואָס ער איז אַן אינוואַליד. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס מען האָט אים מערערע מאָל פאַרזיכערט, אַז מען שעמט זיך נישט מיט אים.

רחמנות, יאָ! אָבער שעמען זיך — איז אַן אַבסורד!

ווען ער איז אין 1949 אָנגעקומען קיין ישראל להשתקע, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז מען שעמט זיך טאַקע נישט מיט אים. אדרבא, ער האָט גאָר געזען, אַז אַ דאַנק דעם וואָס ער איז אַן אינוואַליד גיט מען אים גאָר אָפּ כבוד. מען שטעלט זיך פאַר אים אויף אין אויטאָבוס און מען גיט אים איבער אַ זיץ־אָרט; מען העלפט אים אַריבערגיין די גאַס. אַ דאַנק זיין מום גיט מען אים גאָר אָפּ כבוד... טאַקע אין ישראל האָט ער פאַרלאָרן זיין אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס.

זיין גרעסטע טראַגעדיע אין לעבן איז מער נישט געווען זיין פיזישע צעבראָכנקייט, נאָר דאָס וואָס ווען ער און זיין פרוי מלכה זיינען אָנגעקומען קיין מדינת ישראל זיי געווען געוואָרן, אַז זייער בן יחיד דוד איז געפאַלן אין דער מלחמת־השחרור, אין דער באַפרייאונגס מלחמה. אין סאַמע ערשטן טאָג, ה׳ אייר, ווען מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה, איז ער געפאַלן אַלס איינער פון די ערשטע קרבנות.

גרשונ׳ען האָט געלונגען צו עטאַבלירן אַ בית־המדרש אין רמת אביב אויפ׳ן נאָמען פון זיין געפאַלענעם זון דוד, הי״ד. אייניקע פון מיינע באַקאַנטע פון מאָנטרעאָל ווי אַ שטייגער, יצחק טולטשינסקי און סעם ראַבינאָוויטש, פלעגן אים, אַלעמאָל ווען זיי זיינען געפאָרן פאַר אַ באַזוך אין מדינת ישראל, דירעקט פאַרברענגען צייט מיט אים. זיי האָבן געהאַט, אַזוי האָבן זיי מיר פאַרזיכערט, אַ תענוג רוחני צו סתם שמועסן מיט אים. זיי האָבן אַלעמאָל באַוואונדערט זיין שאַרפקייט פון געדאַנק און זיין חוש פאַר הומאָר... איך דערמאָן עס דערפאַר, ווייל מיינע צוויי חברים האָבן אים זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט, כאָטש זיי האָבן זיך מיט אים באַקאַנט ערשט אויף דער עלטער.

גרשון האָט דערלעבט די עלטער פון 75. אויב ער איז געווען בכוח דערלעבן אַזאַ עלטער נאָך זיינע שווערע נסיונות, וואָס ער האָט דורכגעלעבט פון קינדוויז אָן, מוז איך זאָגן, אַז ער איז געווען אַ גיבור! ער איז געשטאָרבן אין 1976.

אויף זיין מצבה אין בני־ברק זיינען פאַראייביקט די נעמען פון די עלטערן ווי אויך די נעמען פון מיינע צוויי עלטסטע שוועסטער מיט זייערע מענער, וועלכע זיינען צוזאַמען מיט זיבן קינדער אומגעבראַכט געוואָרן אין אוישוויץ און זיינען דעריבער נישט געקומען צו קבר ישראל.

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳.

אַ זעלטענע אויסגאַבע מיטן נאָמען „מרמרוש-סינט"

אַ זעלטענע אויסגאַבע מיטן נאָמען „מרמרוש־סיגט"

פאַר אַ משך פון פופצן יאָר צייט, פון 1959 ביז 1971, האָט יהושע רייך, אים צו לאַנגע יאָרן, און זיין פּריצייטיק פאַרשטאָרבענע פרוי העלען ע"ה, אַרויסגעגעבן אין ישראל אַ דריי שפּראַכיקע פערטל־יאָר אויסגאַבע פון 12 זייטן מיט'ן נאָמען „מרמרוש־סיגעט". דער זשורנאַל איז דערשינען אין העברעאיש, אידיש און אונגאַריש. פאַרוואָס אין די דריי דערמאָנטע לשונות? ווייל די דריי דערמאָנטע שפּראַכען זענען דאָס גאַנגבאַרסטע קאָמוניקאַציע מיטל מיט די שארית־הפליטה פון סיגעט גופא, די הויפּטשטעטל פון מאַראַמאַראָש און די סביבות, ווי די מאַראַמאַראָשער אידן פלעגן אָנרופן די קלענערע ישובים פון דער געגנט.

אינטערעסאַנט ווי די געשיכטע ווידערהאָלט זיך: אין יאָר 1931 איז אין סיגעט דערשינען אַ דריי־שפּראַכיקע (העברעאישע, אידישע און אונגאַרישע) אויסגאַבע מיט'ן נאָמען „דרכנו".

עס איז כדאי אָנצומערקן וועגן די גלגולים וואָס די געגנט איז דורכגעגאַנגען אין אַ רעלאַטיוו קורצער פּעריאָדע פון אַ געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט: ביז צום יאָר 1918 האָט די געגנט געהערט צו אונגאַרן; פון דעמאָלט ביז צום יאָר 1940 האָט די טעריטאָריע געהערט צו רומעניע; פון דעמאָלט ביז 1944 איז די געגנט צוריק אַריבער אונטער דער ממשלה פון אונגאַרן; פון דעמאָלט ביז היינט צוטאָג געהערט די טעריטאָריע אויפסניי צו רומעניע.

כאָטש אַ גאַנצער דור (פון 1918 ביז 1940) איז אויפגעוואַקסן אונטער אַ רומענישן רעזשים, האָט אָבער דאָס רומענישע לשון נישט געהאַט געבנוג שליטה אויף אַזויפיל, אַז עס זאָל זיך איינבירגערן צווישן דער טראַנסילוואַניער באַפעלקערונג אין אַלגעמיין, וואָס דאָס איז שוין אויך כולל די מאַראַמאַראָשער סביבה. און עס איז קיין וואונדער נישט. ווען איך האָב זיך אין די צוואַנציקער יאָרן געלערנט אין די עלעמענטאַרע פובליק שולן אין סיגעט, האָבען די לערערס וועלכע וואָלטן געוועט געדאַרפט צו אונטעררריכטן די קינדער בלויז אין רומעניש — דווקא גערעדט צו די שילער אונגאַריש...

אָבער נחזור לעניננו, וואָס שייך די צייט־שריפט „מרמרוש־סיגט". מיר איז נישט באַקאַנט פון נאָך אַן ענלעכער דערשיינונג, אַז לאַנדסלייט פון אַ שטאָט אָדער אַ געגנט זאָלן ווען עס איז האָבן אַרויסגעגעבן אַזאַ מין אָרגאַן פאַר אַזאַ לאַנגער פעריאָדע. די חשיבות פון דער אויסגאַבע באַשטייט דערין וואָס פאַר אַ משך פון פופצן יאָר צייט האָבן זיך מיטבאַטייליקט אָפּשטאַמיקע פון סיגעט און מאַראַמאַראָש מיט זכרונות וועגן זייער חרוב געוואָרענער היים. אַזוי אַרום איז אַרויפגעשווימען אויפ׳ן אויבערפלאַך מאַטעריאַל פון היסטאָרישן און פאָלקלאָריסטישן באַדייט. דער אָרגאַן האָט אויך געדינט ווי אַ מין קובץ פון מאַטעריאַלן אין פאַרעפנטלעכטע ביכער און זשורנאַלן אין פאַרשידענע פעריאָדן וואָס האָבן אַ שייכות צו די מקומות פון פאַר און נאָך דעם חורבן.

אוודאי האָבן אויך אַנדערע לאַנדסלייט אַרויסגעגעבן אַ ספר־זכרון נאָך זייער חרוב געוואָרענער היים אין משך פון דער נאַצי־תקופה. לית מאַן דפליג, אַז די ספרי־זכרון זיינען אין אַ געוויסער מאָס אַ וויכטיקער צושטייער צו דער חורבן ליטעראַטור. אָבער אַ ספר־זכרון איז אַן איינ־מאָליקע דערשיינונג און דערמיט פאַסירט, וחסל! אָבער דער זשורנאַל „מרמרוש־סיגט" איז אָנגעגאַנגען פאַר אַ רעלאַטיוו לענגערער צייט. אינ׳ם פופצן יאָריקן צייט אָפּשניט האָבן די מאַראַמאַראָשער לאַנדסלייט בכל אתר ואתר געהאַט די געלעגנהייט אויפצופרישן זייערע זכרונות און זיי פאַרשרייבן. אַזוי אַרום איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון אַ פּערמאַנענטער דערשיינונג וואָס האָט געקוואָלט מיט פרישן און נייעם מאַטעריאַל...

בכדי להוציא מכוח אל הפועל אָט די דאָזיקע דערשיינונג, אַז איר אָטעם־צוג זאָל זיך נישט אָפּשטעלן, האָבן העלען און יהושע רייך אָנגע־בינדן קאָנטאַקטן מיט שעפערישע און אינטעלעקטועלע כוחות אויף דריי לשונות, סיי מיט אָפּשטאַמיקע פון סיגעט און מאַראַמאַראָש און סיי מיט די יענע וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צי סתם אַ מגע ומשא מיט די דאָרטיקע מקומות — זיי זאָלן מיטהעלפן מיט מאַטעריאַל. בלי ספק, אַז עס קומט אָנערקענונג פאַר די רייכס, וואָס אַ דאַנק זייער מי, האָט דער זשורנאַל געקאָנט דערשיינען. עס איז בלויז צום באַדויערן, אַז צוליב דער פריצייטיקער פטירה פון העלען רייך, האָט דער זשורנאַל בלויז דערגרייכט דעם נומער 60. מיר איז באַוואוסט, אַז דער ציל פון די רייכס איז געווען אַרויסצוגעבן אַ מינימום פון 100 עקזעמפּלאַרן, חבל!... איז אויב מיט דעם נומער 60 האָט זיך דער זשורנאַל געשלאָסן, האַלט איך, אַז עס איז כדאי צו מאַכן אַ שטיקל סך־הכל וועגן די מאַטעריאַלן וואָס זיינען

דערשינען אין משך פון פופצן יאָר און אויך אָנווייזן פון אַ קריטישן שטאַנדפּונקט אויף בלויזן צי סתם חסרונות. פון אַ פּאָזיטיוון אופן באַדאַרף צוגערעכנט ווערן דער זכות וואָס דער זשורנאַל קאָן דינען ווי אַ באַזע פאַר אַ ספר־זכרון (אויב אַזאַ וואָס איז ביז איצט נישט דערשינען גלויב איך קוים, אַז עס וועט ווען עס איז דערשיינען), און די אָפּשטאַמיקע פון דער דערמאָנטער מילעי ווועלן קאָנען פאָרשן זייער צור חצבתם, זייער שורש. שוין פאַר דעם אַליין האַלט איך, אַז טוב שנברא, משלא נברא . . . .

איידער איך וועל צוטרעטן אויסצוקלויבן אייניקע שיינדלעך, חנדלעך און ברעקלעך, וואָס געפינען זיך כמעט אין איטלעכן נומער פון די 60 דערשינענע נומערן פונ׳ם זשורנאַל „מרמרוש־סיגט״, וועל איך אָנווייזן אויף אייניקע בלויזן, וואָס איך בין זיכער, אַז ווען דער גורל פונ׳ם זשורנאַל וואָלט נישט געווען אַזאַ, אַז ער זאָל זיך מוזן אָפּשטעלן ביים נומער 60, וואָלטן מסתמא פיל פון די פעלערן געקאָנט מתוקן ווערן.

אויב עס קאָן זיך אפשר איינעם אויסדאַכטן, אַז עס איז אַ רבותא, ווען אַ זשורנאַל פון דעם סאָרט דערשיינט אין דריי לשונות — מאַכט דער יעניקער אַ טעות. כאָטש דער רוב לאַנדסלייט פאַרשטייען טאַקע מער ווי איין לשון, אַלץ איז דער מאַטעריאַל נישט צוגענגלעך פאַר איטלעכן. פשוט דערפאַר, וואָס די מאַטעריאַלן זיינען נישט געוואָרן איבערזעצט. די דריי שפּראַכיקייט פונ׳ם טעקסט איז געווען באַזירט דערין וואָס די אַרטיקלען זיינען געווען געשריבן אין איינער פון די דריי לשונות, העברעאיש, אידיש און אונגאַריש. דעריבער האַלט איך, אַז עס וואָלט געווען מער ווינשנסווערט ווען דער זשורנאַל וואָלט געווען בלויז דערשינען אין איינער פון די דערמאָנטע שפּראַכן. אין אַ פיל שפּראַכיקן זשורנאַל, אפילו ווען ער ווערט אַרויסגעגעבן פון בלויז פּראָפעסיאָנאַלן, איז אַלעמאָל פאַראַן אַ ריזיקע פון אומפאַראויסגעזעענע שטרויכלונגען . . .

דער זשורנאַל וואָלט געהאַט פיל מער חשיבות ווען עס וואָלט געווען נישט אָפּגעגעבן געוואָרען פיל פלאַץ פאַר סתם באַריכטן און באַגריסונגען. אַ צאָל אַרטיקלען האָבן בכלל קיין שייכות נישט צום עיקר הענין . . .

פיל עפּיזאָדן און אַרטיקלען, וועלכע זיינען טאַקע אָן און פאַר זיך אינטערעסאַנט, וואָלטן געהאַט פיל מער טעם ווען זיי וואָלטן געווען אַביסל אויסגעבעסערט געוואָרן, אָדער סתם רעדאַגירט געוואָרן. אַ סך מאָל וואָלט נישט געשאַדט אַ שטיקל פירוש, אַ קאָמענטאַר . . . עס מאַכט צוטיילמאָל דעם איינדרוק פון כל הרוצה ליטול יבא ויטול . . .

פיל פערזענלעכקייטן וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, פון

היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, אין אויספּאָרמען דעם גייסטיקן פּרצוף־פּנים פון סיגעטער אידנטום זיינען כמעט ווי נישט דערמאָנט געוואָרן. בעת אַנדערע וועלכע האָבן זיך כמעט ווי נישט אָנגעזען ווערן דווקא יאָ פּראָ־מינינענט געשילדערט. עס איז נישט קיין גרויסער פעלער וואָס עס ווערט אָפּגעגעבן פּלאַץ פאַר סתם אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר. דער פעלער איז בלויז, וואָס די יעניקע וואָס האָבן יאָ געשפּילט וויכטיקע ראָלן אין משך פון די דורות אין דער געשיכטע פון דאָרטיקן אידנטום ווערן צוטיילמאָל נאָר דערמאָנט אַזוי זיך, דרך אגב...

געוויסע פאַזן פון אידישן לעבן אין צייט פון׳ם חורבן ווערן נישט גענוג באַלויכטן. סיגעטער און מאַראַמאַראָשער אידן זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער אהבת ישראל. אין צייט פון חורבן, איז אין סיגעט אָנגעגאַנגען אַ מסירת־נפש׳דיקע הצלה אַרבעט סיי ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין ראַטעווען אָרטיקע אומשולדיקע קרבנות און סיי וואָס שייך די הצלה פון פוילישע אידן, וועלכע האָבן זיך אומלעגאַל אויסבאַהאַלטן אין סיגעט. פאַרמעגלעכע סיגעטער אידן האָבן נאָך היפּש פאַר דער דעפּאָרטירונג (מאַי 1944) געשאָנקען באַדייטנדע סומעס פון זייער פאַרמעגן כדי צו לינדערן די ליידן פון די נויטבאַדערפטיקע.

די און ענלעכע פאַזן אין וועלכע עס וואָלט אויף אַ גאָר הויכער מדרגה רעפלעקטירט געוואָרן די אידלקייט און דאָס מענטשלעכקייט פון סיגעטער אידנטום זיינען צום באַדויערן נישט גענוג אַקצענטירט געוואָרן אין די דערמאָנטע 60 נומערן. אָבער, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איז עס אַ פּועל יוצא דערפון, וואָס ווען דער אָטעם־צוג פון׳ם זשורנאַל וואָלט זיך געווען פּלוצלינג נישט אָפּגעשטעלט וואָלטן מיט דער צייט מסתמא פיל מער פּרטים אַרויפגעשוואומען אויפ׳ן אויבערפלאַך...

אַ גאָר וויכטיקע דערשיינונג אינ׳ם זשורנאַל זיינען די פאָטאָגראַפיעס, סיי ווען עס האַנדלט זיך אין אַ פּאָרטרעט פון אַ פּערזענלעכקייט, סיי אין סתם אַ בילד פון אַן איינפאַכן אידן. די בילדער פון די בתי־מדרשים, בנינים און גאַסן גיבן צו פיל קלאָריט צום דערשיינענעם מאַטעריאַל. אין משך פון דער צייט וואָס דער זשורנאַל איז דערשינען האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער „אלבום" מיט בילדער. סתם אַ פּירוש וואָס איטלעכער פּאָרטרעט און איטלעכע בילד שטעלט מיט זיך פאָר, וואָלט אין אַ גרויסער מאָס כאַראַקטעריזירט דאָס אידישע לעבן פון סיגעט און פון מאַראמאַראָש.

סיגעט, מיט אירע בערך צוועלף טויזנט אידישע נפשות, האָט פיל

פאַך אַריבערגעשטיגן, פּראָפּאָרציאָנעל, גרעסערע שטעט אין רומעניע און אונגאַרן, מיט אירע גייסטיקע כוחות. דער סיגעטער אינטעלעקט האָט זיך ערשט געהאַלטן אין עַנטוויקלען און אין פאַרמירן און אַ דאַנק דעם חורבן זיינען צום באַדויערן זייער פיל ענערגישע און שעפערישע כוחות אויסגעוואָרצלט געוואָרן נאָך איידער זיי האָבן אפילו דערגרייכט אַ טייל־ווייזע רייפקייט. אמת, דאָס זעלביקע קאָן טאַקע געזאָגט ווערן איבערן גרעסטן טייל פון אייראָפּעאישן אידישן ישוב בכלל, וועלכער האָט אַ דאַנק דעם חורבן פאַרלאָרן זעקס מיליאָן נפשות. אָבער מיר ווייסן זייער גוט, אַז „אין בכלל אלא מה שבפרט“...

אין מיין אָפּקלויב פון מאַטעריאַל אין די 60 דערשינענע נומערן פון „מרמרוש־סיגעט“, נעם איך זיך נישט אונטער צו באַשרייבן אַלעס און אַלעמען. אַ טיילוויזער איבערבליק איבער פּערזאָנען און געשעענישן וועט פונדעסטוועגן שאַפן אַ באַגריף וואָס דער מאַראַמאַראָשער אידישער ישוב האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בזעיר אנפין...

✡

דער ערשטער נומער פונ׳ם זשורנאַל „מרמרוש־סיגעט“ איז דערשינען תשרי תש״ך (אָקטאָבער 1959) און דער לעצטער, דער זעכציגסטער נומער, איז דערשינען תמוז תשל״ד (יוני 1974). איך וועל אָנהויבן גיין אין דער ריי פון נומער איינס און אַזוי אָנגיין אָן דעם איך זאָל אָנגעבן די נומערן און די דאַטעס אָדער אין וועלכן פון די דערמאָנטע דריי לשונות דאָס מאַטעריאַל איז געשריבן. איך האַלט פון כלל „לא המדרש עיקר אלא המעשה“ און „אין מוקדם ומאוחר“. ווי אויך פון „שמע — בכל לשון שאתה שומע“... אויך נעם איך זיך נישט אונטער צו שילדערן אַלעס און איטלעכן ווייל איך האַלט פון כלל, אַז „לא עליך המלאכה לגמור“. איך וועל בלויז אַרויסכאַפּן דאָ און דאָרט אַ שיינדל, אַ ברעקל, און אַ חנדל וואָס איז לויט מיין אינדיווידועלן איינדרוק פון אַלגעמיינעם אינטערעס:

✡

דער זשורנאַליסט הלל דאַנציג באַשרייבט ווי זיין פאָטער, דער סיגעטער ספרדישער רב ר׳ שמואל דאַנציג הי״ד, איז געשטערט געוואָרן יום כפור ביים עמוד אין מיטן פון תפילת נעילה. געשען איז דער פאַל אין יאָר 1918, קורץ פאַר דער ענדגילטיקער מפּלה פון דער עסטרייך אונגאַרישער מאָנאַרכיע. די סיגעטער מיליטער לייט האָבן אין קלאַמ־פערשטן געזוכט אידישע דעזערטירן און אַזוי אַרום האָבן זיי זיך איזדע־קעוועט איבער די אידישע מתפללים, פרויען און קינדער אַריינגערעכנט,

אין סאַמע יום כיפּור. די מיליטער לייט האָבן אַראַנזשירט אַן אבלאַווע (ראַזיע) אַרומרינגלענדיק די בתי מדרשים.

די ספרדישע שוהל איז געווען איינע פון דריי בתי־מדרשים אין קלויז־געסל. אַזוי אַרום איז בלויז אין דעם געסל אַליין אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל מתפּללים אַריינגעפאַלן אונטערן דרוק פון די מיליטערישע שומרים.

קוים האָט הרב דאַנציג זיך דערוואוסט פון דעם חילול השם וואָס די אונגאַרישע סאַטראַפּן האָבן אונטערגענומען, איז ער אַרויסגעלאָפן פון דער שוהל און פון די טרעפּ אויסגערופן:

— וואו איז דער קאָמאַנדאַנט?!

עפּעס אַ יינגער אָפיציר האָט זיך געמאָלדן און ער האָט איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ שטרענגען באַפעל דורכצופירן זיין מיסיע...

הרב דאַנציג האָט מיט די זעלבע שטרענגסטע טערמינען אויפגעפאָדערט, אַז דער קאָמענדאַנט מיט זיין גאַנצער גוואַרדיע סאָלדאַטן זאָלן זיך תיכף ומיד אָפּטראָגן פון קלויז־געסל. אַז דער קאָמאַנדאַנט האָט זיך געבונטעוועט, האָט הרב דאַנציג אַן אַנטשלאָסענער געזאָגט:

— איך וועל זיך ענדער מקריב זיין, פאַרגיסן מיין בלוט, איידער איך זאָל צולאָזן, אַז די עדה זאָל פאַרשעמט ווערן!...

הרב דאַנציג, מיט זיין טלית און קיטל, האָט זיך אַוועקגעריסן פון דער גוואַרדיע, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו סטראַשען, און ער איז אין געאייל אַוועקגעגאַנגען צום הויפּט אויפזעער פון די חיילות אין דער געגענט, צום גענעראַל שילינג. ווען הרב דאַנציג מיט איניקע באַגלייטער זיינען צוריקגעקומען אין שוהל אַריין איז שוין אין קלויז־געסל מער נישט געווען קיין זכר פון סאָלדאַטן. נאָכדעם האָט דער עולם מיט פיל כוונה געענדיקט די תפילה פון נעילת־שער . . .

✡

א. מ. הירש באַשרייבט די פּערזענלעכקייט פון רבי ר׳ יאָסעלע ליכטנשטיין, וועלכער איז געווען אַ ציוניסט, נישט געאַכט דערויף וואָס ער איז געווען אַ רבי פון חסידים (אַ זעלטנהייט אין די קרייזן פון טראַנסילוואַניער אידנטום — א. ב.)

✡

דער חזן משה סאָלאָמאָן, הערש לייב גאָטליבס איניקל, רעאַגירט דערויף ווי אַזוי עס איז אים פאַרבליבן אין זכרון זיין זיידעס גרויסע ליד „די אַכט חנוכה ליכט״: „דעם זיידנס זון יצחק ז״ל האָט מיטגעשפּילט מיט׳ן פידעלע די מעלאָדיע וואָס דער זיידע האָט פאַרפאַסט און דאָס איז

מיר אַריין אין האַרצן"...

פיל אַנדערע שאַפונגען פונ׳ם עיזבון פון זיין זיידע זיינען בשעתן חורבן פאַרלוירן געוואָרן.

✡

יהודה שפּיגל שרייבט ווי סיגעט איז געווען אַ וויכטיקער טראַנזיט־שטעטל אין די דרייסיקער יאָרן פאַר טשעכישע חלוצים. נאָר אַ דאַנק די אומדערמידלעכע הילף וואָס סיגעטער אידן האָבן געלייסטעט פאַר די טשעכישע חלוצים האָבן זיי געקאָנט מיט דער צייט עולה זיין...

✡

דר. לאַיאָש מאַרטאָן פאַררופט זיך אויף אַ פּראָטאָקאָל פון 1690 אין סיגעט. לויט די דעמאָלטדיקע תקנות און שטאַטוטן קאָן מען פעסטשטעלן, אַז שוין אַזוי פרי ווי אין זיבצנטן יאָר־הונדערט, האָבן שוין אידן געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען אין סיגעט...

✡

דוד גלעדי באַשרייבט ווי ער האָט אין זיין יוגנט, אין יאָר 1926, באַזוכט סיגעט און מאַראַמאַראָש און ווי אַ מין נייער אידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט...

✡

הערש לייב גאָטליב אין זיין אויטאָביאָגראַפיע באַשרייבט זיין באַזוך ביי דר. טעאָדאָר הערצל אין ווין (ער גיט נישט אָן אין וועלכן יאָר), און ווי דר. הערצל האָט אים געהאָלפן זיך פאַרשאַפן בוכשטאַבן, כדי ער זאָל קענען אַרויסגעבן אַ אידישע אויסגאַבע אין סיגעט, נישט געאַכט דערויף, וואָס דער דעמאָלטדיקער סיגעטער רב האָט פאַרבאָטן די שטאָטישע דרוקערייען צו פאַרעפנטלעכן אַ ציוניסטישע צייטונג:

„דר. הערצל — שרייבט גאָטליב — האָט אַ זאנפטן שמייכל געגעבן און מיר געזאָגט, איך זאָל קומען מאָרגן אינדערפרי 10 אַזייגער: ׳איך ווערדע זיע ערוואַרטן היער׳ ".

דעם צווייטן טאָג האָט הערצל׳ס סעקרעטאַר געגעבן גאָטליב׳ן 60 גילדן רייזע הוצאות. אויף דר. הערצל׳ס חשבון האָט די פירמע „שוואַב און זאָהנע" פאַר 800 גילדען גאָטליב׳ן אויסגעשטאַט מיט בוכשטאַבן פאַר זיין בלאַט...

✡

אַ דיכטערין מיט׳ן נאָמען ציפּורה כ״ץ דריקט אויס אירע געפילן פון פרייהייט. אין אירע פערזן געפינען זיך די פאָלגענדע האָפנונגספולע ווערטער:

„אידן, צי פילט איר, צי הערט איר?
מען מעג שוין אויפסניי אַ מענטש זיין.
מענטשן, צי הערט איר צי פילט איר?
מען מעג שוין אויפסניי אַ איד זיין"...

✡

שמואל שטיין איז זיין באַשרייבונג פון סיגעטער טיפן רעאַגירט דערויף, אַז דער סיגעטער אידישער עולם האָט געוואוסט, אַז ער איז אונטער דער השגחה פון אַ סגול, פון דריי מיט'ן נאָמען הערש לייב: א) הערש לייב כהן — דער כהן ביי די פדיון הבנס; ב) הערש לייב גאָטליב — דער בדחן אויף אַלע חתונות; און ג) הערש לייב בערגער — דער קברן... דווקא דער קברן איז געווען דער ערשטער פונ'ם סגול, וועלכער איז נפטר געוואָרן. נאָך זיין פטירה איז קהל געוואָר געוואָרן, אַז ער פלעג אַוועקגעבן זיינע לעצטע גראָשנס צו אָרעמעלייט און דעריבער איז ער געבליבן אַ בעל־חוב. פאַר דער לוויה האָט קהל באַשלאָסן, אַז נישט נאָר איז די אלמנה באַרעכטיקט צו אַ לעבענסלענגלעכער פענסיע, נאָר קהל האָט זיך אויך אונטערגענומען צו סילוקן אַלע זיינע חובות...

✡

הלל דאַנציג שרייבט, אַז ווען דער אונגאַריש־אידישער שרייבער פערענץ יאַמבאָר איז בר־מצווה געוואָרן איז ער געקומען צו זיין פאָטער הרב ר' שמואל דאַנציג און ער האָט געזאָגט אָט וואָס:

— זאָגט מיינע עלטערן, אַז זיי זאָלן כשר'ן זייערע כלים און פירן אַ כשר הויז. אויב זיי וועלן עס נישט טאָן וועל איך זיין געצוואונגען זיך צו פאַרשאַפן אַנדערע עלטערן...

✡

שלמה זמרוני באַשרייבט דעם באַזוך פון הרב י. ל. פישמאַן (מיימון — דער ערשטער שר־הדתות אין מדינת ישראל) אין 1931 אין סיגעט: „פון אַלע טראַנסילוואַניער שטעט — שרייבט זמרוני — האָט הרב פישמאַן ז"ל צום ערשטען באַזוכט סיגעט. צום קבלת־פנים פון חשוב'ן גאַסט האָבן זיך די סיגעטער מזרחיסטן אָנגעטאָן אין שבת'דיקע בגדים. ער האָט אַ סך צייט פאַרבראַכט אין ספרים־געשעפט פון ר' אביגדור גרינוואַלד ז"ל, וואו ער האָט זיך איינגעהאַנדלט יקרי־המציאות; ער האָט אויך אָפּגעשטאַט אַ באַזוך ביים פרעזידענט פון דער מזרחי, ביי ר' יוסף רוטענבערג ז"ל. ער האָט אויך באַזוכט די ביבליאָטעק פון ר' ישראל ווייס ז"ל".

✡

ליפּא גרין באַשרייבט ווי ער איז געווען ביהילפיק אין דער הצלה אַרבעט פון ראַטעווען פוילישע אידן וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין סיגעט. ער רעאַגירט דערויף ווי דער סיגעטער רב האָט זיך מוסר נפש געווען אין אָט דער דאָזיקער אַקציע און אַ דאַנק אים האָבן זיך אַ באַדייטנדע צאָל אידן געראַטעוועט. די אידן האָט מען אַריבערגעפירט קיין בודאַפּעסט, די הויפּטשטאָט פון אונגאַרן, און דער רוב אידן זיינען דאָרט ניצול געוואָרן איבערלעבנדיק דאָרטן דעם חורבן*.

✡

מאַרסעל פוקס שרייבט ווי דער סיגעטער הויפּט־חזן ר׳ מענדל הערער ז״ל האָט געלייענט דעם נעקראָלאָג וועגן זיך אין דער סיגעטער אונגאַרישער פּרעסע**.

✡

וועגן תורה ועבודה אין סיגעט און דעם אויפטו פון דעם בערבערשטעטער רב הרב ר׳ יקותיאל יהודה גראָס ז״ל, וועלכער איז מערערע יאָרן געווען דער סיגעטער ראש־הישיבה, ווערט געבראַכט אַן אויסצוג פון די „ייוואָ בלעטער״ (באַנד 32־31) פון פּראָפ. מאַרק ווישניצער. פּראָפ. ווישניצער

---

* עס ווערט נישט דערמאָנט, אַז אַ דאַנק דער הצלה־אַקציע פון די פוילישע אידן איז דער סיגעטער רב ר׳ יקותיאל יהודה טייטלבוים הי״ד אַרעסטירט געוואָרן. אויך ווערט נישט דערמאָנט, אַז אַ דאַנק דער זעלבער אַקציע איז אויך ר׳ שלמה וויזל ז״ל אַרעסטירט געוואָרן. דער סיגעטער כלל־טוער און געשעפטס מאַן ר׳ שלמה וויזל, וועלכער האָט מיט באַדייטנדע סומען פינאַנסירט די אַקציע, איז דעריבער געווען אַרעס־טירט צוויי חדשים אין דער סיגעטער טורמע. אין סיגעט זיינען געווען אייניקע וועלכע עס האָט געלונגען אָנצובינדן קאָנטאַקטן מיט אַ צאָל לאָקאַלע באַאַמטע בשעת דער צווייטער וועלט מלחמה און האָבן דערמיט געראַטעוועט אַ סך אידן פו אומזיסטיקעליידן און פיין. חוץ ר׳ שלמה וויזל איז אויך זיין טאָכטער בתיה ז״ל געווען טעטיק אויף דעם געביט. אויך דער סיגעטער קברן ר׳ יידל בערגער ז״ל איז געווען אַקטיוו אין ראַטעווען אידן אין אַן עת־צרה. עס זיינען מסתמא געווען אויך אַנדערע פאַרבאָרגענע לו״ניקעס . . . — א. ב.

** ר׳ מענדל הערער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס אַ וויצלער. ער פלעג זאָגן, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר זיין טויט ; „ווייל איך וועל מיין טויט סיי ווי נישט דערלעבן״ . . . דערווייל האָט אים דער גורל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. ער איז געווען אַ חולה מסוכן און אין שטאָט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שם, אַז ער איז נפטר געוואָרן. דערווייל איז ער דווקא געקומען צו זיינע כוחות. אַזוי אַרום האָט ער געלייענט אַ נעקראָלאָג וועגן זיך זעלבסט . . . — א. ב.

איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם כאַווקין־פונדאַציע. פאַרשנדיק דעם מצב פון די ישיבות אין מזרח־אייראָפּע פאַר׳ן חורבן, איז פּראָפּ. וויזש־ניצער אויך דערגאַנגען קיין סיגעט:

„אין מאַראַמאַראָש סיגעט — שרייבט פּראָפּ. וויזשניצער — איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ וועבער־וואַרשטאַט. די בחורים פלעגן לערנען אַ האַלבן טאָג משניות, גמרא און פוסקים און אַ האַלבן טאָג אַרבעטן אין זייער פאַך״.

עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דער שריט פון הרב גראָס איז געווען אַן אומגעוויינלעכער און אַ רעוואָלוציאָנערער אין דער מאַראַ־מאַראָשער סביבה. הרב גראָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פיל שוועריקייטן דורכצופירן זיין פּלאַן, אַז ישיבה בחורים זאָלן זיך אָפּגעבן נישט בלויז מיט די ענינים פון אביי ורבא נאָר זאָלן אויך עוסק זיין אין דברי חול, ווי אַ שטייגער אין דער מלאכה פון וועבעריי...

דער סיסטעם פון הרב גראָס איז אָנגעגאַנגען פאַר איבער צען יאָר צייט. אין יאָר 1938 האָט דער בערבעשטער רב געשריבן וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט: „עטלעכע פון די בחורים האָבן געעפנט וועבער־וואַרשטאַטן און פאַרדינען גוט, אַנדערע זיינען טעטיק ווי אַרבע־טערס אין פאַבריקן״. דעם לעצטן בריוו וואָס פּראָפּ. וויזשניצער האָט דערהאַלטן פון הרב גראָס איז געווען דאַטירט דעם 21־טן יאַנואַר 1940.

✡

אויפ׳ן פאַרלאַנג פון אברהם סוצקעווער, רעדאַקטאָר פון „די גאָלדענע קייט״, האָט דוד שיין געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעם סיגעטער פּאָעט, יוסף האַלדער הי״ד. האַלדער האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין בודאַפּעסט. אָט איז ווי האַלדער באַשרייבט זיין מערכה אין דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט:

„שריי געוואַלד,
דיין קול פאַרהאַלט אין דער וויסט,
קיינער וויל נישט וויסן ווער דו ביסט,
וואָס דו ביסט.

ס׳קומט אַנדערש נישט אויס
נאָר צו פגרן ווי אַ הונט
אויפן מיסט,
אומזיסט.

וואוהין האָסטו פאַרבלאָנדזשעט
אין וואָס פאַר אַ מאָדנע לאַנד ?
וואו אידיש איז אַ בושה,
וואו אידיש איז אַ שאַנד — — —
וואו קיין מענטש פאַרשטייט דיין לשון
ניט אַ מאָל,
דער רב מיטן ראש הקהל״...

✡

דוד אפל שרייבט, אַז עס איז געלונגען דער מזרחי פון סיגעט, אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן, צו גרינדן אין די אַרומיקע אידישע ישובים 16 בייע סניפים אין משך פון דריי טעג צייט, נישט געאַכט דערויף וואָס אין אַ דאָרף ווי פעטערוואַ האָט מען זיי געשטערט און די שליחים פון דעם פּראָיעקט האָבן געמוזט עוקר זיין פון דאָרט...

✡

חנה קליין־פרענקל באַשרייבט ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען צו ווערן אַ חלוצה אין דער סיגעטער הכשרה אין 1932־סטן יאָר. זי האָט פּרובירט אויסנוצן פּראָטעקציע מיט איר ווענדונג צו דר. אבריש פריד ז״ל, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון די סיגעטער ציוניסטן. דר. פריד האָט איר געזאָגט: „הכשרה איז זייער אַן ערנסטע זאַך; מען מוז שווער אַרבעטן און על כולם, מוז מען צו ערשט האָבן די הסכמה פון די עלטערן״...
אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט געענדיקט די הכשרה האָט זי עולה געווען און זי איז די איינציקע פון אַכט אין דער משפחה וועלכע איז געבליבן לעבן נאָכ׳ן חורבן...

✡

שלמה זמרוני באַשרייבט די ערשטע טראַנסילוואַניער קאָנפערענץ פון דעם מזרחי, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סיגעט אין 1929־סטן יאָר. דער הויפּט גאַסט פון דער קאָנפערענץ איז געווען הרב מאיר בערלין (בן־אילן).

זמרוני שטעלט זיך אָפּ דערויף וואָס מיט וויפל כבוד און באַגייסטערונג דער קבלת פנים פאַר הרב בערלין איז צושטאַנד געקומען: „דער זייער געערטער גאַסט איז איינגעשטיגן אין אַ קאַרעטע אין וועלכער עס זיבען געווען איינגעשפּאַנט צוויי פערד. לעבן גאַסט איז געזעסן ר׳ יוסף רוטנבערג, דער פּרעזידענט פון דער מזרחי, ר׳ מרדכי לייכטער און ר׳ יוסף שטערן.
„פלוצים האָט דער עולם אויסגעשפּאַנט די פערד און מען האָט

פאַרלאַנגט פונ׳ם באַלעגאַלע, אַז ער זאָל איבערנעמען די פערד. דער עולם יינגוואַרג האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער קאַרעטע און געפירט דעם גאַסט צו זיין האָטל אין דער ׳קאַראָנאַ׳"...

✡

יעקב ראָזענבערג שרייבט וועגן די טעטיקייטן פון די שארית־הפליטה אין סיגעט אין די יאָרן 1945־46, ווי זיי האָבן אויפסניי פּרובירט אָריינבלאָזן אַ רוח־החיים אינ׳ם סיגעטער אידישן לעבן וואָס איז געווען אויסגעליידיקט פון רוב מנין ורוב בנין וואָס דאָס אמת׳ע אידישע לעבן האָט מיט זיך דאָרטן פאַרגעשטעלט פאַר׳ן חורבן. אַזוי אַרום זיינען זיך די קליינע צאָל געראַטעוועטע שנעל זיך צעזייט און צעשפּרייט. דער רוב האָט עולה געווען...

✡

דוד לוי (לעבאָוויטש) באַשרייבט ווי אין יאָר 1933 איז ער געווען אַ חלוץ אין דער סיגעטער מזרחי הכשרה, וועלכע איז געווען ביים ברעג פון דער איזא. איינמאָל, אינמיטן דער נאַכט, האָט דער שומר פון דער הכשרה פּלוצלינג אַלאַרמירט די חלוצים און חלוצות, אַז די איזא האָט זיך צעשטורעמט און צעברויזט און אַז זי, די איזא, פאַרפלייצט דעם גאַנצן אַרום. עס האָט גענומען אַ וויילע ביז דעם שומר האָט געלונגען צו איבערצייגן איטלעכן ווי ערנסט דער מצב איז. קוים האָבן די חלוצים זיך איבערצייגט, אַז זייערע לעבנס איז אין סכנה, האָבן זיי בראש וראשונה געראַטעוועט די ספר־תורה... נאָכדעם ווי איטלעכער איז שוין געווען היפש ווייט פון דער הכשרה האָט מען זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין „אָנקל מיהאַלי״, אינ׳ם קריסטלעכן שכן וועלכער וואוינט צוזאַמען מיט זיין ווייב אין שכנות פון דער הכשרה ביים סאַמע ברעג פון דער איזא. אייניקע פון די חלוצים האָבן אָן שום ישוב הדעת ריזיקירט זייערע אייגענע לעבנס און זיינען צוגעשווּימען צו דער כאַטקע פון די מיהאַליס און זיי אין דער לעצטער מינוט אָפּגעראַטעוועט...

די פאַרפלייצונג האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין אייניקע טעג אַרום איז די איזא צוריק געפלאָסן אין אירע ברעגעס. אָבער די מי און די האַרעוואַניע פון די חלוצים און חלוצות איז פאַרשווּינקען געוואָרן...

✡

יצחק אתיאל גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק וועגן סיגעט אָנגעהויבן אַזש פון די יאָרן ת״ח ות״ט (1648־49), פון דער תקופה ווען דער באַקאַנטער צורר ישראל באגדאן כמעלניצקי ימח שמו, האָט געבושעוועט

איבער אוקראַינע און פּוילן. אין דער עפּאָכע, וועלכע איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער אידישער מאַרטיראָלאָגיע אַלס די גזירת ת״ח ות״ט און אין וועלכער אַ פּערטל מיליאָן אידן זיינען אומגעקומען, האָט לויט אתיאל׳ן זיך געראַטעוועט אַ צאָל אידן וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין סיגעט *.

✡

שלמה זמרוני באַשרייבט די נסיעות פון די מאַראַמאַראָשער אידן צו די רביים בכלל און ער שטעלט זיך דער עיקר אָפּ ביים סעפּינקער רבי ר׳ יצחק אייזיק ווייס הי״ד. אינטערעסאַנט איז ווי זמרוני באַשרייבט דעם גבאי פון סעפּינקער רבי, אַ איד מיט׳ן נאָמען ר׳ חיים בלעך ז״ל. אָט דער ר׳ חיים איז גאָר געווען אַ באַהאַלטענער ציוניסט. פאַר ערב פּסח, בעת דער רבי האָט בודק חמץ געווען, האָט ער צווישן די לייסטלעך פון ר׳ חיים דעם גבאיס טיש געטראָפן אַ קרן־קימת פּושקע...

אַז דער רבי האָט נאָכדעם פאַרגעוואָרפן ר׳ חיימ׳ען, אַז ער האָט ביי אים געטראָפן חמץ, האָט זיך ר׳ חיים געקריוודעט, אַז ס׳איז נישט קיין חמץ! נאָך אַ וויילע שטילשוויגן האָט דער רבי געווינטשעוועט: „הלוואי זאָל גאָט העלפן, אַז דער גואל צדק זאָל קומען במהרה בימנו, אמן!״...

✡

מענין לענין, באותו ענין, איז אינטערעסאַנט די באַשרייבונג וועלכע איז חל אויפ׳ן ערשטן סעפּינקער רבי, ר׳ יוסף מאיר ווייס ז״ל, באַקאַנט אַלס דער בעל „אמרי יוסף״, דער פאָטער פון ר׳ יצחק אייזיק, באַקאַנט אַלס דער בעל „חקל יצחק״:

שמואל הכהן־ווינגאַרטן גיט איבער ווי אַ וואַנדערנדיקער ישיבה־בחור מיט־ן נאָמען אברהם בן שלמה מאיר פּייער באַשרייבט זיינע איינדרוקן פון יאָר 1875 אין סיגעט און אין מאַראַמאַראָש. פּייער האָט פאַרעפענטלעכט אַ בוך אין ניו יאָרק אין יאָר 1924 מיט׳ן נאָמען „זכרון אברהם״. פּייער באַשרייבט ווי ער האָט אין יענע יאָרן באַגעגנט הארפּאַשנע אידן, וועלכע זענען געווען בקיאים בש״ס ופוסקים און אויך בעלי־קבלה... ער האָט זיך באַקאַנט מיט חסידים פון סיגעטער רב ר׳ יקותיאל יהודה טייטלבוים

---

* טשיקאַווע ווי די געשיכטע ווידערהאָלט זיך. אויך בשעת דעם חורבן בעת דער נאַצי תקופה האָבן זיך אַ צאָל פּוילישע אידן געראַטעוועט אין סיגעט... — א. ב.

ז״ל (איצטיקן סאַטמערער רב׳ס זיידע); ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט ווישניצער חסידים פון ר׳ מענדעלע האַגער ז״ל. פייער שטעלט זיך דער עיקר אָפּ דערויף, וואָס ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם 25 יאָריקען אידעם פון דעם ספּינקער ר׳ יעקב באַש, וועלכער האָט אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם מיט זיין גאונות און מיט זיינע ידיעות בש״ס ופוסקים.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען פייער האָט נאָכאַמאָל באַזוכט די געגנט, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם ספּינקער יינגעמאַנטשיק מיט׳ן נאָמען ר׳ יוסף מאיר ווייס. האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ר׳ יוסף מאיר לעבט שוין נישט און אַז בחייו איז ער געווען אַ רבי פון טויזענטער חסידים...

✡

אַ ליד פון יוסף האָלדער אין וועלכן עס ווערן צווישן די שורות אָפּגעשפּיגלט דער רעזיגנירטער טאָן פון חורבן:

„איצט הייסט עס: שטיל טרויעריק מיטזינגען
דאָס ליד פון דעם ווינט און די צווייגן
און מיט מוט זיי שאָקלען דעם שאָטן
און וויינען, ווען זונען זיך נייגן״...

✡

מרדכי הירש שרייבט ווי די צוויי רבנים, הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד און הרב מנחם עקשטיין ז״ל, פלעגן באַזוכן די סיגעטער חדרים און אויפקלערן די קינדערלעך, די תנוקות של בית רבן, וואָס עס הייסט אידישקייט און אַזוי אַרום איינגעפלאַנצט אין די יינגע הערצלעך וואָס עס הייסט אהבת ישראל...

✡

עדיט (יונגער) זעליקאָוויטש באַשרייבט, ווי זי איז נאָך דער באַפריי־אונג צוריקגעקומען קיין סיגעט און זי איז צום אַלעם ערשטן געגאַנגען צום הויז, אין דער מעשטער גאַס, וואו זי מיט איר משפחה האָבן געוואוינט. אַז זי איז אריינגעקומען, האָט דער קריסט, וועלכער האָט פאַרנומען די דירה זי געפרעגט וועמען זי זוכט. זי האָט מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט: „איך זוך מיינע עלטערן״... אַז עדיט האָט געכאַפּט אַ בליק אויפ׳ן וואַנט־זייגער, וועלכער איז געשטאַנען, האָט דער קריסט געזאָגט: „קיינער קאָן דעם זייגער נישט אויפציען און אים מאַכן גיין״. דערויף האָט אים עדיט געענטפערט, אַז קיינער האָט דעם זייגער נישט געקאָנט מאַכן גיין חוץ איר מוטער: „אַצינד — האָט עדיט געענדיקט איר שמועס

— אַז מיין מאַמע איז אומגעקומען מעג אויך דער זייגער זיין ווי אַ גוף אָן אַ נשמה"...

✡

מנחם שחר שרייבט וועגן זיין זיידע ר' מרדכי בלומענפעלד, וועלכער איז געווען סיגעטער הויפּט־חזן ביז צום יאָר 1904. דער באַקאַנטער סיגעטער הויפּט־חזן ר' מנחם הערער איז געווען זיין זיידעס תלמיד. אַזוי ווי שחר'ס זיידע איז אויך געווען באַקאַנט אַלס אַ בעל־צדקה, איז דעריבער זייער טרעפלעך דער אויפשריפט אויף זיין מצבה: „עבד את השם בהונו ובגרונו".

✡

אַלטער ווידער באַשרייבט ווי זיין פאָטער ר' משה ווידער ז"ל האָט געפינען אַ זעקעלע מיט געלט און לויט דער הלכה אין דער גמרא פון דער מסכת בבא מציעא איז עס פון די מציאות וואָס האָבן נישט קיין סמנים און דער געפינער מוז נישט מכריז זיין, און עס איז דערויף חל דער דין פון „הרי אילו שלו", אַז עס געהערט צו דעם וואָס האָט עס געפינען, און אַז דער געבאָט פון השבת־אבידה איז דערויף נישט חל. איז אָבער ר' משה געווען פון די בעלי מדרגה וואָס האָבן זיך אויפגעפירט לפנים משורת הדין און ער האָט אין דער תלמוד־תורה שול אַרויסגעהאָנגען אַ צעטעלע מיט דער אויפשריפט פון השבת אבידה און עס האָט זיך געמאָלדן דער באַקאַנטער סיגעטער קצב ר' אהרן ראַטשטיין ע"ה, וועלכער האָט תיכף צוריקגעקראָגן זיין גאַנצן פאַרלוסט...

✡

דר. בעלא וואַגאַ שרייבט וועגן אַ דרשה וואָס דער ספרדישער סיגעטער רב ר' שמואל דאַנציג הי"ד האָט געהאַלטן אין יאָר 1907, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ שאַרפן פּאָלעמיק אין דער פּרעסע. הרב דאַנציג האָט פאַרגליכן די פרייהייט פון אידישן פאָלק אין פּסח, וואָס פאַלט אויס פופצן טעג אין ניסן, צום פרייהייטס־קאַמף פון יאָר 1848, וואָס איז אויסגעפאַלן דעם פופצנטן מערץ...*

✡

* אין זעלבן אַרטיקל ווערט אויך דערמאָנט, אַז הרב דאַנציג האָט געהאַלטן, אַז דער איד אברהם האָז, וועלבער איז הינגעריכטעט געוואָרן פאַר דער שולד פון אויסרייבן די פאָסט — אַז אברהם האָז איז אומשולדיקערהייט אומגעקומען... — א. ב.

אסתר (לעבאָוויטש) מיטשעל שרייבט ווי זי איז געווען אַ חלוצה אין דער סיגעטער הכשרה ביים ברעג פון דער איזא אין די סאלאוואן בערג. אסתר שטעלט זיך אָפּ דערויף, אַז די חלוצים און די חלוצות וועלכע האָבן אויסגעשטעלט זייערע פּראָדוקטן אין סיגעטער מאַרק, האָבן אויף זייער שטעל אַרויסגעהאָנגען אַ בלוי־ווייס פענדל מיט אַ מגן־דוד. קוים האָט עס דער סיגעטער עולם דערזען, האָבן זיי איינס־צוויי אויסגעקויפט אַלע פּראָדוקטן, וועלכע זיינען אגב געווען פון די שענסטע, ווייל די חלוצים האָבן די פּראָדוקטן געפלעגט מיט גרויס געפיל . . . ווער שמועסט וועגן כריין, וועלכן מען האָט גענוצט אַלס מרור צו די סדר־נעכט — קיין אין הענדלער אין מאַרק האָט נישט געהאַט אַזאַ שיינעם כריין!...

✡

צבי רוטענבערג שרייבט וועגן די פאַרפאָלגונגען וואָס די סיגעטער ציוניסטן האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד די פאַנאַטיקער. צבי׳ס פאָטער, ר׳ יוסף רוטנבערג ז״ל, איז געווען דער פּרעזידענט פון דער סיגעטער מזרחי ווי אויך פון די סיגעטער ציוניסטן. נישט נאָר איינמאָל האָט מען ביי די רוטנבערגס אויסגעבראָכן די שויבן. עס איז געווען אַ פאַל, אַז אַ ציגל האָט געטראָפן אין זיין מוטערס בעט... די גאַנצע משפחה פון די רוטנבערגס האָבן עולה געווען אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן. בעת די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון סיגעט האָבן אַראַנזשירט אַ געזעגענונגס צונויפקום פאַר די רוטנבערגס האָט אויך גענומען אַ וואָרט דער פאַרטרעטער פון דער „שמשון" ספּאָרט גרופּע שאַנדאָר זעמל. זעמל האָט געזאָגט, אַז ר׳ יוסף רוטנבערג איז אַלע יאָרן געווען אַ פּראָמינענטער מיטגליד פון דער „שמשון"־גרופּע, כאָטש ער האָט נישט בפועל ממש אָנטייל גענומען אין די פוטבאָל־מעטשען: ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין חילול־שבת מצד דער גרופּע אָדער אין עסן טריפות האָט מען זיך אַלעמאָל געפרעגט: וואָס וועט ר׳ יוסף רוטנבערג זאָגן?" . . . מען האָט זיך נישט געפרעגט, וואָס דער סיגעטער רב וועט דערויף זאָגן...

✡

יוסף גל־און (גאָלדשטיין) באַשרייבט די סיגעטער הויפּט־שוהל און דעם סיגעטער רב׳ס הויף. „סיגעט — שרייבט גל־און — איז געווען אַ שטעטל אין וועלכן עס האָט פאַר אַלעמען געהערשט אהבת ישראל". גל־און באַשרייבט שוין אין איינוועגנס דעם חזן ר׳ מנחם הערער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלץ אַ וויצלער. אָט איז איינער פון זיינע וויצן:

— וואָס איז דער חילוק צווישן אַ גנב און אַ רופא?

— אַ גנב ווייסט שטענדיק וואָס עס פעלט זיין קליענט!...

✡

אפרים דאַווידאָוויטש באַשרייבט זיין שטעטעלע זילעטש, וואו די אידן זיינען געווען זייער באַשיידן, זיי זיינען געווען מסתפקים במועט און האָבן שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק, אַז אָרעמקייט איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג...

✡

יהודה נחשוני (רעזמיוועש) באַשרייבט זיין באַזוך אין סיגעט נאָכ'ן חורבן און ער פרעגט: „האמנם נשכח?" — צי וועלן מיר טאַקע פאַרגעסן סיגעט? היינט צו טאָג לעבט נאָך סיגעט אין אונזער זכרון, אָבער אַט וועט די פאַרגעסנהייט פאַרפלייצן אונזער לויזע געדעכעניש. צי קענען מיר טאַקע שלום מאַכן מיט אַזאַ וואָס? צי וועלן מיר טאַקע אויף אַן אמת פאַרגעסן סיגעט און מאַראַמאַראָש?...

✡

דוד שיין באַשרייבט דעם אויפטריט פון דעם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער אביגדור המאירי (פייערשטיין) ז"ל אין סיגעט אין יאָר 1930: „המאַיריס אויפטריט איז פאָרגעקומען אין גרויסן טעאַטער־זאַל צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן סיגעטער אידישן דיכטער יוסף האלדער, וועלכער איז אגב געקומען פון בודאַפּעסט באַזוכן זיינע עלטערן.

✡

איינ שורות פון אַ ליד פון יצחק אייזיק באַש:

„כ'וואָלט וועלן גיין אויף קבר־אבות
נאָר ס'איז נישטאָ קיין קבר.
מ'האָט פאַרברענט די ליבע מיינע
ס'ציטערט מיין יעדער אבר".

✡

משה לייב קריינער באַשרייבט די סיגעטער פועלי־צדק שוהל, וועלכע איז לויט דעם שער־בלאַט פונ'ם פּנקס געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1883 אין דער צייט ווען עס האָט זיך אין סיגעט געגרינדעט „דער סיגעטער האַנטווערקער פאַריין", וועלכער האָט געלייגט דעם יסוד פון אָרגאַניזירטער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַלער אַרבעט צווישן די באַלעמעלאכעס.

ר' יעקב סענדיר הערשקאָוויטש ע"ה האָט איינגעפירט, אַז יעדן שבת נאָכמיטאָג זאָל אַן אדם חשוב דרשנען פאַר די לערן־ייִנגלעך און סתם באַלעמעלאָכעס. הערשקאָוויטש פלעג נאָך די דרשות טיילן כיבוד.

צווישן די פאַרלערנער ווערן דערמאָנט די נעמען, ר׳ מרדכי לייכטער, ר׳ יוסף רוטנבערג, ר׳ יהושע מגיד און אַנדערע.

✡

שאַנדאָר גערוואַי גיט איבער, אַז דעם טויטן גוף פון דעם סיגעטער פּאָעט יוסף האלדער האָט מען אַרויסגענומען פון אַ מאַסן־קבר און אַזוי אַרום איז ער געקומען צו קבר־ישראל...

(יוסף האלדער איז געווען דער טאַלאַנטירסטער און מאָדערנסטער אידישער דיכטער וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער מיט׳ן נאָמען „אָפּט זינגט זיך״. ער איז אומגעקומען אין בודאַ־פּעסט אין יאַנואַר 1945, הי״ד — א. ב.).

✡

אַ באַריכט, אַז ביים אידישן וויסנשאַפטלעכן קולטור קאָנגרעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין ירושלים אין זומער 1965־סטן יאָר, האָט משה גורלי גערעדט איבער דעם סיגעטער טרובאדור הערש לייב גאָטליב ז״ל.

✡

דוד שיין באַשרייבט זיין צען טאָגיקע רייזע אין רומעניע אין 1965־סטן יאָר, וועלכע האָט שוין אויך כולל געווען סיגעט. נאָכדעם ווי שיין גיט אָן אַ ריי סטאַטיסטישע ציפערן וועגן סיגעט, קומט ער צו דער טרויעריקער מסקנה: „היינט צו טאָג איז שווער צוזאַמענצושטעלן אַ מנין פאַר די ימים־נוראים. סיגעט איז האָפנונגסלאָז און ענטגילטיק געשטאָרבן. ׳יתגדל ויתקדש שמיה רבא׳ ״.

✡

הלל רוט שרייבט אַן אַרטיקל וועגן סיגעטער בארשער רבי הרב ר׳ פנחס האגער ז״ל, אַ ברודער פון וויזשניצער רבי ר׳ ישראלצי ז״ל, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין 1941־סטן יאָר אין סיגעט. דער ארון פון בארשער רבי איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין ישראל.

✡

מרים פּאָלאַק אין איר ליד מיט׳ן נאָמען „גיט מיר צוריק״ פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל איר צוריקגעבן אירע חלומות, מען זאָל איר צוריקגעבן סיגעט...

✡

דר. צבי זהבי שרייבט וועגן די צעירי מזרחי אין סיגעט אין יאָר 1931. זהבי שרייבט צווישען אַנדערן, אַז אין גאַנץ טראַנסילוואַניע איז ניִשט פאַרקויפט געוואָרן אַזויפיל העבּרעאישע ביכער און העברעאישע

ציִיטונגען ווי אין איין סיגעט. זהבי רעאַגירט אויף דערויף וואָס אין 1932־סטן יאָר איז אין סיגעט געפייערט געוואָרן דער זעכציגסטער געבורטסטאָג פון ח. נ. ביאַליק ז״ל. צווישן די רעדנער ווערן דערמאָנט דר. אברהם פריד הי״ד, ויבח״ל, דוד שיין און דוד אפל.

✡

יחזקאל רינג באַשרייבט דעם סיגעטער חזן פון דער מחזיקי תורה שוהל, עליאָש גוטמאַן, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טאַלאַנט אויפ׳ן געביט פון נגינה: „שבת און יום־טוב — שרייבט רינג — זיינען די סיגעטער מאַסן פון אַלע עקן שטאָט געקומען אים הערן און אידן זיינען אַהיימגעגאַנגען לייכטער, אויסגעווייטער, אויסגעזונגענער, און אויפגע־רוימטער און דערהויבענער. און אין די גאַסן האָט זיך געפילט — עס איז שבת, עס איז יום־טוב״...

✡

צבי טורמאַן באַשרייבט זיין דאליע אין סיגעט אַלס העברעאישער לערער. אין 1921־סטן יאָר האָט טורמאַן מיט אַ ריי סיגעטער פּערזענ־לעכקייטן אַראַנזשירט א ל״ג־בעומר פייערונג. עס זיינען שוין געהאַט אַרויסגעשיקט געוואָרן איינלאַדונגען צו דער פייערונג (ער האָט עד־היום אַ קאָפּיע פון די איינלאַדונגען). אָבער די פייערונג איז קיינמאָל נישט צושטאַנד געקומען. דער סיגעטער רב האָט געסטראַשעט איינעם וואָס זיין זון האָט געדאַרפט געוועזן שפּילן די הויפּט־ראָלע פון דער פאָרשטעלונג, אַז אויב זיין זון וועט אויפטרעטן אינ׳ם פעסטיוואַל וועט ער, דער רב, אָוועקנעמען פון אים דעם הכשר פון זיין געשעפט...

✡

ערווין ג. גלילי באַשרייבט די טרויעריקע דערשיינונג פון דעם מאַסיוועך אברהם (אייבי) דאַסקאַל, וועלכער איז מגולגל געוואָרן אַלס אַן אַרבעטער אויף אַ פינלאַנדישער שיף און ווי אין סיריע האָבן אים די סיריער רשעים אַרונטערגענומען פון דער שיף און מען ווייסט גאָר נישט וועגן זיין גורל...

✡

שלמה זמרוני באַשרייבט די קאָלירפולע פּערזענלעכקייט פון ר׳ בן ציון פיש הי״ד. ר׳ בן ציון פיש איז געווען אַ פלאַם־פייערדיקער חובב ציון און אַ נחבא אל הכלים. ער האָט פאַרעפנטלעכט צוויי חיבורים און ער האָט נישט אַמאָל אָנגעגעבן זיין נאָמען אויף די חיבורים. ר׳ בן ציון, וועלכער האָט געוואוינט אין בארשע, האָט געשריבן אַרטיקלען אין דער

„הצפירה״ אין די יאָרן 1860־70. דער רעדאַקטאָר, חיים זעליק סלאָנימסקי איז געוועזן איבערראַשט, אַז אין עפּעס אַ מאַראַמאַראָשער שטעטל, אין באַרשע, זאָל זיך געפינען אַ איד מיט׳ן פאַמיליע נאָמען פּיש און איז אַ טאַלאַנטפולער בעל מחבר...

אין יאָר 1944, אין עלטער פון 98 יאָר, איז ר׳ בן ציון פיש צוזאַמען מיט אַלע באַרשער אידן דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ. הי״ד.

✡

נפתלי בן־מנחם שרייבט וועגן אַ מחזור וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה מדור לדור פון איינעם וואָס האָט געהאַלטן אין עולה זיין קיין ארץ ישראל און איז פּלוצים נפטר געוואָרן. צום סוף האָט דער מחזור געהערט צו איינעם מיט׳ן נאָמען ר׳ מנחם מענדל פריעד. פּלוצלינג איז דער מחזור נעלם געוואָרן. בן־מנחם האָט נישטערנדיק אין ירושלים ביי אַ מוכר־ספרים דערזען דעם מחזור וועלכער איז מיט יאָרן צוריק נעלם געוואָרן...

✡

אפרים דאַווידאָוויטש דערציילט ווי ער איז אין 1945־סטן יאָר אָנגעקומען קיין סיגעט און ער איז געגאַנגען צו זיין היים וואו עפּעס פרעמדע קריסטן האָבן אים בייז מקבל־פנים געווען מיט דער פראַגע: „וועמען זוכסטו?״... אַלס ענטפער אויף דער פראַגע האָט ער אין צוויי טעג אַרום פאַרלאָזט סיגעט אויף אייביק... אָבער עס קלינגען אים נאָך אַלץ אין די אויערן די צוויי ווערטער וועמען זוכסטו?!

✡

אברהם קויפמאַן באַשרייבט ווי ער איז אָנגעקומען קיין סיגעט אין אָקטאָבער 1944־סטן יאָר און וואָס פאַר אַ חורבן ער האָט דאָרט געזען. ער איז אַריין אין דער מחזיקי־תורה שוהל, האָט ער דאָרט געזען ווי די פּרוכת פונ׳ם ארון־קודש וואַלגערט זיך אויף דער ערד און ווי די ספרי תורה זיינען צעפּראַלט און צעריסן און די עצי־חיים׳ס, די הענטלעך פון די ספרי־תורה, זיינען געווען צעבראָכן, אייניקע יריעות פאַרברענט. די פענסטער זיינען געווען צעבראָכן... עס האָט אים נאָך פונדעסטוועגן געלונגען אָפּצוראַטעווען אַכט גאַנצע ספרי־תורה.

אויף דער גאַס האָט ער באַגעגנט דעם געוועזענעם ליבעראַלן סיגעטער בירגער־מייסטער, מיהאַלי פעטער, וועלכער האָט אויסגעזען כאיוב בשעתו... מיהאַלי האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן און מיט אים שמועסן, מיט

דער טענה, אַז די רוסן האַלטן אויף אים אַן אויג... (לויט ווי מיר איז באַקאַנט, האָט מען אים טאַקע אַרעסטירט. — א. ב.)

✡

ה. א. באַשרייבט, ווי אַ טאָג פאַר'ן דעפּאָרטירן האָט אים זיין פאָטער צוואה געלאָזן: „זאָלסט זיך פירן מענטשלעך. אַז מען וועט דיר וואַרפן שטיינער זאָלסטו צוריקוואַרפן ברויט"...

✡

יחזקאל רינג שלאָגט אָן אַ נאָסטאַלגישן טאָן, וועקנדיג די מאַראַמאַראָשער לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ ספר זכרון, אַ ספר־מאַראַמאַראָש, וואָס גיט פּלאַץ „פאַרן פראָזאַאיקער ווי פאַרן דיכטער, פאַרן עלעגיקער ווי פאַרן הומאָריסט, פאַרן געשיכטע שרייבער ווי פאַרן ביבליאָגראַף, פאַרן צייכנער, פאַרן מאָלער און פאַר'ן מוזיק־פאָרשער"...

✡

בן־מנחם באַשרייבט די טרויער מאַניפעסטאַציע אין סיגעט אין מאַי 1946 (צוויי יאָר נאָך דער דעפּאָרטאַציע פון די סיגעטער אידן קיין אוישוויץ) פון סיגעטער אידנטום. עס האָבן זיך מיטבאַטייליקט אינם טרויער מאַרש דער סיגעטער רב ר' משה טייטלבוים און זיין שוואָגער הרב ר' יהודה אייזיקסאָן (חנהלעס, דעם סיגעטער רב טאָכטערס, מאַן) ווי אויך דער אָפּשער רב, הרב בעק. מען האָט געפירט צו דער קבורה ריף־זייף צום סיגעטער בית־עולם... די מלווים האָבן געטראָגן די געלע לאַטע און בשעת דעם הספד אויפן בית־עולם האָט זיך איטלעכער געזעצט שבעה אויף דער ערד...

✡

דער ביבליאָגראַף נפתלי בן־מנחם קאָרעגירט זיך זעלבסט. ער שרייבט, אַז אין זיין ספר „מספרות ישראל באונגריה", האָט ער על פי טעות אָנגעגעבן, אַז די ערשטע אידישע צייטונג אין סיגעט איז דערשינען אין יאָר 1874 אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם גינצלער מיט'ן נאָמען „התור" און אַז די לעצטע אידישע צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון יחזקאל רינג אונטערן נאָמען „ינג מאַראַמאַראָש" איז דערשינען אין יאָר 1941. איז אויב אין ערשטן פאַל איז בן־מנחם קאָרעקט מיט זיין באַהויפּטונג איז עס אָבער נישט ריכטיק אין צווייטן פאַל. בן־מנחם רעאַגירט דערויף וואָס אין סיגעט איז אין יאָר 1946 דערשינען אַ אידישע צייטונג מיט'ן נאָמען „שבתון" און אין 1947־סטן יאָר איז דערשינען אַ צייטונג מיט'ן נאָמען „אונדזער לעבן". אין דער לעצטער צייטונג האָבן זיך מיט־

באַטייליקט מיט אַרטיקלען דר. א. מאַרקוס, דר. א. גוטמאַן, קלמן כהנא, י. ל. ברוקשטיין און מ א פיינטוך.

✡

יוסף דותן מערקט אָפּ די דאַטע פון 125 יאָר זייט דער פטירה פון׳ם גרינדער פון חסידות אין אונגאַרן הרב ר׳ משה טייטלבוים ז״ל, באַקאַנט אַלס דער בעל „ישמח משה״ דותן שטעלט זיך אָפּ דערויף, וואָס דער רבי האָט פאָראויסגעזאָגט דעם באַקאַנטן שטאַטסמאַן לאַיאָש קאָשוט אַ קאַריערע אויפ׳ן פּאָליטישן געביט ווען ער, קאָשוט, איז נאָך געווען אַ קינד. קאָשוט׳ס קריסטלעכע עלטערן האָבן זייער יינגן זון געבראַכט צום רבי ער זאָל אים געבן זיין ברכה...*

✡

צבי רוטנבערג רעאַגירט וועגן דעם ל״ג בעומר פעסטיוואַל, וועגן וועלכער דער געוועזענער סיגעטער העברעאישער לערער צבי טורמאַן האָט געשריבן, אַז אַ דאַנק דעם סטראַשונעק פון סיגעטער רב, אַז ער וועט אָוועקנעמען דעם הכשר פון איינעם פון די עלטערן וואָס זייער אַ קינד האָט זיך געווען געדאַרפט באַטייליגן אין דער פייערלעכער אַראַנזשירונג פון יאָר 1921 אַז צוליב דעם איז די פאָרשטעלונג נישט צושטאַנד געקומען. רוטנבערג שרייבט, אַז ער איז געווען איינער פון צבי טורמאנס תלמידים. עס געפינט זיך ביי אים עד היום אַ תעודה (וועלכע ווערט פּרעזענטירט אין דער צייטונג פונקט ווי די איינלאַדונג צום ל״ג בעומר פעסטיוואַל) פון יאָר 1921 פון דער סיגעטער העברעאישער שול (איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז אַזאַ שול האָט ווען עס איז עקזיסטירט אין סיגעט. — א. ב.) אויף וועלכער עס געפינט זיך די חתימה פון מר צבי טורמאַן . . .

✡

יחזקאל רינג באַשרייבט דעם גבאי פון׳ם סיגעטער הויף ר׳ משה קאָהן (נאַנאַשער) ז״ל, וועלכער איז געווען דער קאָמפּאָזיטאָר פון די סיגעטער ניגונים און וועלכער פלעג מיט אַ פערלדיקן כתב פאַרשרייבן

* איך האָב געהערט נאָכהערציילען, אַז דער אוהעלער רבי ר׳ משה טייטלבוים, זאָל האָבן אָנגעווינטשן דעם יינגן קאָשוט ער זאָל חערלעבן די עלטער פון 95 יאָר ווי עס שטייט אין תהלים (ס״ו) „קשט סלה״ — אַז קאָשוט (קשט) וועט לעבן אַזויפיל וויפל עס איז די גמטריה פון סלה — 95. קאָשוט איז געווען אַריבער 90 ווען ער איז געשטאָרבן . . . — א. ב.

אַלע חידושי התורה פונ׳ם „עצי חיים" ז״ל. דרייצן קינדער זיינען ביי אים געבוירן און פון אַלע קינדער האָט זיך בלויז איינער געראַטעוועט פון אומקום, דער חזן עקיבא קאָהן.

✡

דר. אַרמין גוטמאַן רעמיניסירט ווי מען האָט אין סיגעט, מיט יאָרן צוריק, צוזאַמענגעשפּאַנט עפּעס אַ בראַדיאַגע מיט אַ נאַרישער מויד און ווי מען האָט געפּראַוועט זייער חתונה אויפ׳ן סיגעטער בית־עלמין, בכדי אַזוי אַרום אָפּשרייען די שפּאַנישע כאָליערע וועלכע האָט געבושעוועט אין סיגעט...

✡

שלמה זכרוני גיט איבער אַן אינטערוויו מיט ר׳ מרדכי לייכטער ז״ל. ר׳ מרדכי לייכטער איז געווען איינער פון די פאַרבנרייכסטע פּערזענלעכ־קייטן וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט. כאָטש ער איז געווען אַ מזרחיסט, וואָס אין די חסידישע קרייזן איז עס געווען אַ באַדייטנדער חיסרון, איז ער פונדעסטוועגן געווען דווקא אַ חסידישער איד און געטראָגן אַ קאַפּטן און שטריימל אין שבת און ער האָט זיך גוט פאַרטראָגן סיי מיט סיגעטער און סיי מיט וויזשניצער חסידים.

ר׳ מרדכי לייכטער און ר׳ משה דוד אשכנזי ז״ל זיינען עס געווען די „דיפּלאָמאַטן" וועלכע האָבן שלום געמאַכט צווישן דעם סיגעטער רב ר׳ חיים צבי טייטלבוים און דעם וויזשניצער רבי ר׳ ישראלצע האַגער, זכרונם לברכה. די צוויי רביים זיינען פאַר יאָרן לאַנג נישט געווען שווה־בשווה און בלויז צוויי אַזוינע פּערזענלעכקייטן ווי די פריער דערמאָנטע, האָבן מיט זייער דיפּלאָמאַטישן טאַקט געקאָנט דורכפירן די איידעלע שליחות שלום צו מאַכן מיט צווי ריזן, גדולי התורה, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט פאַרשידנאַרטיקע דינאַסטיעס...

ר׳ מרדכי לייכטער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן וועלכע האָבן אין 1918־טן יאָר אַראַנזשירט אַ פעסטיוואַל אין סיגעט, בכדי אָפּצומערקן די היסטאָרישע געשעעניש פון דער „באַלפור־דעקלעראַציע", וועלכע איז אין 1917־טן יאָר פּראָקלאַמירט געוואָרן. אין דער פייערונג פון דער „באַלפור־דעקלעראַציע" האָבן זיך אויך מיטבאַטייליקט דער בראשאָווער רב ר׳ דוד שפּאַרבער, ר׳ בן ציון פיש פון באַרשע, דר. אליהו בלאַנק, ר׳ יוסף רוטנבערג און ר׳ יוסף שטערן.

אין זיין אינטערוויו מיט דעם זשורנאַליסט שלמה זמרוני דערמאָנט אויך ר׳ מרדכי זיין פאָטער ר׳ נחמן דוד ז״ל, דער באַקאַנטער בעטיזער

מלמד אין סיגעט ווי אויך זיין ברודער ר׳ שלמה ז״ל, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ אידישן רוצח. ר׳ מרדכי וויל נישט פּורס בשמו זיין...*

✡

געזאַ פריד באַשרייבט זיין אַ רייזע אין סיגעט אין יאָר 1966: „די סיגעטער בנינים און די קלויסטערס — שרייבט פריד — שטייען ווי געווען. דערפאַר אָבער זעט זיך אָן דער אידישער חורבן אויף שריט און טריט. סיגעט איז אויסגעליידיקט פון אידן״...

✡

דוד פּאַסטערנאַק באַשרייבט זיין עליה פון סיגעט מיט אַ גרופּע עולים אין יאָר 1925. אַ צאָל ציוניסטן זיינען געקומען צום וואקזאַל נעמען אָפּשייד פון די עולים. דער שעף און די באַאַמטע פונ׳ם צוג האָבן באַגריסט די גרופּע. ווען דער צוג האָט געדאַרפט אָפּפאָרן האָבן אַלע זיך גענומען זינגען די „התקווה״. דער שעף האָט צו דער געלעגנהייט אָפּגעשטעלט דעם צוג ביז דער ענדע פונ׳ם געזאַנג...

✡

דוד לאַזאַר שרייבט וועגן דער סיגעטער אגודה וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1931. לאַזאַר רעאַגירט דערויף, וואָס נאָך שווערער מי איז זיי געלינגען צו איבערצייגן דעם ייִנגן סיגעטער רב ר׳ יקותיאל יהודה

---

* אויב ר׳ מרדכי וויל נישט דערמאָנען דעם נאָמען פונ׳ם רוצח, וואָס זיין נאָמען איז געווען אַ שימף־וואָרט אין גאַנץ טראַנסילוואַניע, וועל איך אויך נישט דערמאָנען זיין נאָמען. אָבער בכדי לגלגל זכות על ידי זכאי, איז כדאי צו צוגעבן, אַז אַ דאַנק דער חכמה פון ר׳ מרדכי׳ס דערמאָרדעטן ברודער ר׳ שלמה, האָט מען אַנטדעקט דעם רוצח, וועלכער איז דווקא געווען אַ באַקאַנטער חסיד... ער האָט געהאַט אויף זיין קרעדיט אַ היפּשע צאָל קרבנות און עגונות. דער רוצח האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ מין היפּנאָטישן כוח מיט וועלכן עס איז אים געלונגען צו איבערצייגן זיינע צוקונפטיקע קרבנות, אַז זיי זאָלן אין אים האָבן פולן צוטרוי. זיי, די קרבנות, האָבן אים געמוזט געבן תקיעת־כף, אַז זיי וועלן דעם ענין פון אַ געשעפטס־טראַנסאַקציע פון וועלכער מען קאָן איבער נאַכט נתעשר ווערן, קיינעם ניט דערציילן, אפילו פאַר׳ן אייגענעם ווייב. ר׳ שלמה לייכטער איז אָבער געווען קלוגער ווי פרימער און ער האָט דווקא יאָ דערציילט פאַר זיין ווייב. אַזוי אַרום איז אַנטדעקט געוואָרן די מיסטעריע פון אַ צאָל פאַרשווינדענע קרבנות. מייסטענס ייִנגעלייט מיט אַ לייטישן נדן... דער ענין פון דעם סאַטמאַרער רוצח איז איינס פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלען פון אידישן לעבן אין טראַנסילוואַניע אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן... — א. ב.

טייטלבוים הי״ד, אַז ער זאָל געבן זיין הסכמה דערויף. אינצווישן האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט אייניקע מונקאַטשער חסידים און האָבן אויף קיין שום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז דעם סיגעטער רב׳ס חתימה זאָל זיך געפינען אין דער הסכמה. דער סיגעטער רב האָט נאָכדעם פאַרלאַנגט פון דער אגודה, אַז זיין הסכמה זאָל נישט פאַרעפנטלעכט ווערן כאָטש בעל־פה איז ער דווקא מסכים מיט דער אגודה...*

✡

הרב שמואל (שטיין) בארי רעאַגירט וועגן אַ ריי סיגעטער פערזענלעכקייטן ווי אַ שטייגער אַ איד מיט׳ן נאָמען ר׳ יאָסעלע בערגער, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין שטאָט אַלס דער „לעהער שוחט״. „ביי מיר איז גאָר קיין ספק נישט — שרייבט הרב בארי — אַז ווען דער איד וואָלט געווען געלעבט ערגעצוואו אין דער גרויסער וועלט, ווי אַ שטייגער אין ווילנע, וואַרשע אָדער בערלין, וואָלט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ וועלטס גאון. און דאָס איז ער באמת געווען״. ר׳ יאָסעלע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט מתיר צו זיין עגונות. פאַרשטייט זיך, אַז על פי הדין והלכה מיט דער תמיכה פון סיגעטער בית־דין און־אַנדערע גדולי־ישראל, וועלכע האָבן מיט אים מסכים געווען.

ר׳ שלמה העלער, דער סיגעטער דיין, וועלכער איז געווען דער ראש בית דין און נישט קיין קלענערער גאון פון ר׳ יאָסעלען (לפי עניות דעתי איז דער סיגעטער ר׳ שעיה וויס, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום אָפיציעלן טיטל, געווען אין דער בחינה פון עולה על כולם — א. ב.), האָט זיך איינמאָל בדרך הלצה, נאָכדעם ווי ר׳ יאָסעלע האָט שוין געהאַט מתיר געווען 19 עגונות, געווענדעט צו אים: „ר׳ יאָסעלע, מיט׳ן מתיר זיין אַזויפיל עגונות גרייט איר זיך צו לעולם הבא מיט אַ נישקשהדיקן אַראַבישן גן עדן״...

הרב בארי רעאַגירט אויך דערויף, וואָס אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן האָט אין סיגעט געמאַנגלט פרוטות און דער אָרעמער קלאַס האָט שטאַרק געליטן ווייל די פרוטות זיינען געווען די נדבות פאַר די

---

* עס איז נישט קיין וואונדער, פאַר וואָס די מונקאַטשער חסידים האָבן געשטערט דעם סיגעטער רב. ביים מונקאַטשער רב ר׳ חיים אליעזר שאַפּירא ז״ל איז „בר קמצא״ געווען טריף. די ראשי־תיבות פון בר קמצא זיינען נישט מער און אויך נישט ווייניקער, ווי: בונדיסטן, רעוויזיאָניסטן, קאָמוניסטן, מזרחיסטן, ציוניסטן און אגודיסטן... — א. ב.

אָרעמעלייט... האָט זיך קהל אַן עצה געגעבן און האָט אַרויסגעלאָזט אין צירקולאַציע אייגענע באַנקנאָטן, „פּאַפּירלעך" אין ווערט פון די אָפּיציעלע שטאָטלעכע פּרוטות. אפילו די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט זיך באַנוצט מיט אָט די דאָזיקע „מטבעות"...

אינטערעסאַנט איז ווי הרב בארי באַשרייבט דעם קרעטשינעווער רבי הרב ר' אליעזר וואָלף רויזנבוים ז"ל. דער קרעטשיניוער רבי פלעג אויפשטיין אין מיטן דער נאַכט אין ווינטער און ער פלעג בכבודו ובעצמו זיך מטריח זיין און איינהייצן דעם אויוון ביי זיך אין בית המדרש. בכדי די אורחים וועלכע האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט זאָלן נישט פרירן. בעת דער רבי האָט אַריינגעלייגט די שייטלעך האָלץ אין אויוון אַריין האָט הרב בארי זיך אונטערגעהערט ווי ער האָט געשעפּטשעט שטילערהייט „לפולחנא דקדושא ברוך הוא"...

✡

מ. ש. גשורי רעאַגירט דערויף וואָס סיגעט איז געווען אַ צענטער פון חסידות און פון נגינה. גשורי קומט צו דער מסקנה, אַז דער קאַליווער רבי ר' יצחק אייזיק טויב ז"ל, איז געווען דער ערשטער אונגאַרישער רבי, וועלכער האָט פאַראידישט אונגאַרישע לידער ווי אַ שטייגער דאָס באַקאַנטע אונגאַרישע פאַסטוך־ליד „סאָל אַ קאָקאָש מאַר" (דער האָן האָט שוין געקרייעט). גשורי זאָגט, אַז עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז דער קאַליווער רבי איז געווען אַ תלמיד פון ר' שמעלקע ניקלעשבורגער און פון ר' אלימלך ליזענסקער ז"ל.

אינטערעסאַנט איז גישורי'ס באַמערקונג, אַז פון די צען קבין (מאָסן) אָרעמקייט וועלכע האָבן געניידערט איבער דער וועלט האָט דערפון מאַראַ־מאַראָש אַריינגעקראָגן גאַנצע ניין קבים (אַ הויפּט טרעף! — א. ב.) . . . „פונדעסטוועגן — שרייבט גשורי — האָבן די דאָרטיקע אידן זיך נישט באַקלאָגט אויף זייער דאַליע. די מאַראַמאַראָשער אידן האָבן פאַר זיך געשאַפן אַן אייגענע וועלט פון אַ הויכער מדרגה, אַ וועלט פון ד' אמות חסידות, שמחה און התלהבות; אַ גלויבן אין עתיד, אַז די חסדים פון דעם אַלמעכטיקן זיינען נישט געגאַנגען לאיבוד און בעסערע צייטן וועלן קומען..."

✡

יצחק פיינטוך באַשרייבט די ראָלע פונ'ם לאָמפּן־גלעזל אין די אידישע אָרעמע היימען: „אַז דאָס לאָמפּן־גלעזל האָט געקראַכט האָט מען עס צוגעשטיקעוועט מיט פּאַפּיר. אַזוי, אַז מיט דער צייט איז געווען מער

פּאַפּיר ווי גלאָז... ביי די געלאַטעטע לאָמפּן־גלעזלעך זיינען עס געזעסן די מאַראַמאַראָשער אידן גאַנצע נעכט און האָבן געלערנט תורה און זיי האָבן אָפּגעראָכטן חצות. אַ דאַנק דעם פּאַפּיר אַרום דעם גלעזל האָט דאָס ליכט נישט געשטערט די קינדער, וועלכע זיינען איינגעוויגט געוואָרן מיט׳ן זיסן גמרא ניגון... ״

✡

יצחק בן־ציון שרייבט וועגן אַ מערקווירדיקן סיגעטער איד מיט׳ן נאָמען ר׳ משה (ביסטעריר) פאַרקאַש, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַן איינפאַכער איד, וואָס האָט געהאַנדלט מיט קאַליך און מען האָט אים גערופן דער קאַליך־איד. דערווייל איז עס דער איינפאַכער קאַליך־איד געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם, וועלכער האָט געלערנט יומם ולילה. אין שטאָט האָט מען געשמועסט, אַז ר׳ משה פאַרקאַש האָט שוין זעקס מאָל מסיים געווען גאַנץ ש״ס...

✡

זשוזשי פריד (גאָל) שרייבט וועגן איר פאָטער דר. אַבריש פריד הי״ד. דר. פריד איז יאָרן לאַנג געווען טעטיק אין דער אָנפירערשאַפט פון די סיגעטער ציוניסטן. זשושי שרייבט, ווי עדי־ראיה האָבן דערציילט, אַז ווען איר פאָטער איז געפירט געוואָרן אין אושוויץ צו דער גאַז־קאַמער האָט ער בקול־רם געזינגען העברעאישע לידער...

✡

י. ל. ברוקשטיין גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק וועגן סיגעטער לעבן. צום אַרטיקל איז פאַראַן אַ בילד מיט אַ מצבה פון סיגעטער אַלטן בית־עולם. אויף דער מצבה זיינען אויסגעקריצט די ווערטער ״רבנו המגיד המפורסם ואב בית דין צבי בן משה אברהם נפטר ד׳ אלול תקל״א (1771) *.

---

* וועגן דער מצבה איז פאַראַן אַ לעגענדע. אַזוי ווי די מצבה געפינט זיך אויפ׳ן אַלטן בית־עולם, וועלכער איז ליקווידירט געוואָרן און דאָך איז די מצבה דאָרט פאַרבליבן, איז יש טעם בחבר: מען האָט פּרובירט די מצבה אַרויסרייסן פון באָדן אָבער קיינער איז נישט געווען בכוח זי אַרויסצורייסן. האָט מען פּרובירט די מצבה אַרומבינדן מיט קייטן צו וועלכע מען האָט איינגעשפּאַנט צוויי פערד. אויך די פערד זיינען נישט בכוח געווען אַרויסצורייסן די מצבה. די פיס פון די פערד האָבן זיך אונטערגעבראָכן... אַזוי אַרום איז די מצבה פאַרבליבן עד היום. אין אַן עת צרה פלעגן די סיגעטער אידן קומען זיך משתטח זיין אויפן קבר פון דעם לעגענדאַרישן צדיק הרב צבי בן אברהם ז״ל וועלכער איז געווען, לויט דער גירסא פון נפתלי בן־מנחם, דער ערשטער סיגעטער רב. — א. ב.

אַ קאָפּיע פון אַן אונגאַרישער צייטונג (דער טעקסט רעדט פאַר זיך זעלבסט) מיט'ן נאָמען „מאַראַמאַראָש", וואָס איז דאַטירט דעם 16־טען יולי 1944. דאָס קעפּל פון דער צייטונג: „מאַראַמאַראָש־סיגעט אָן אידן". די צייטונג דריקט אויס פרייד און צופרידנקייט, וואָס סוף־כל־סוף איז סיגעט און מאַראַמאַראָש פּטור געוואָרן פון די אידן... די צייטונג דריקט גלייכצייטיק אויס טיפן באַדויער פאַר וואָס מען קאָן נאָך נישט זאָגן, אַז מען איז שוין טאַקע פּטור געוואָרן פון די אידן אין גאַנץ אונגאַרן...*

✡

אַ רשימה פון אַריבער זעכציק חיילים אָפּשטאַמיקע פון סיגעט און מאַראַמאַראָש (ווי אויך אייניקע קאַרפּאַטישע) וועלכע זענען געפאַלן אין די מלחמות פון מדינת ישראל (אין דער רשימה געפינט זיך אויך מיין ברודערס זון דוד באַש בן גרשון ומלכה)...

✡

נפתלי בן מנחם שרייבט וועגן ר' יהודה מודרין ז"ל וועלכער איז געווען אַ סיגעטער אידעם. ר' יהודה מודרין האָט געלעבט אין סיגעט פאַר 56 יאָר. ער איז געווען אַ בעל מחבר פון „זכרון שמואל" און „פּרי העץ" ווי אויך אַנדערע חיבורים וועגן שאלות ותשובות. ר' יהודה איז געווען אַ תלמיד פון חתם סופר און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען אַ רבנות פּאָסטן.

נפתלי בן מנחם, שרייבנדיק וועגן די סיגעטער גאונים פאַרנעמט דער בעל „ערך־שי" און „תשורת ש"י" ,רבי שלמה לייב טאַבאַק, אַ פּראָמי־נענט אָרט. ר' שלמה לייב טאַבאַק איז געווען דיין אין סיגעט פאַר 50 יאָר צייט. אויך זיין זון ר' מאיר דוד טאַבאַק איז געווען דיין אין סיגעט פאַר 70 יאָר. אינטערעסאַנט איז די באַמערקונג פון בן־מנחם אין שייכות וועגן דער „ערך ש"י" איז געווען אַ יונגערמאַן און ער איז מיט זיין מוטער געפאָרן צו איינעם פון די רבנים, וועלכער האָט אים געוואָלט נעמען פאַר אַן אידעם. אַז דער יינגער ר' שלמה לייב האָט דערזען דעם אוצר מיט ספרים וואָס יענער רב האָט פאַרמאָגט, האָט ער זיך געבעטן ביי זיין

---

* עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין זעלבן נומער פון דער צייטונג איז פאַראַן אַן אויסצוג פון אליעזר וויזל'ס בוך „און די וועלט האָט געשוויגן"... וויזל'ס אויסצוג איז פאַרזען מיט אַ בילד ווי מען וואַגאָנירט איין די סיגעטער אידן צו דער דעפּאָרטאַציע קיין אוישוויץ... — א. ב.

מוטער, אַז זי זאָל תיכף־ומיד מסכים זיין צום שידוך . . . נו, פונ׳ם שידוך איז טאַקע גאָרנישט געוואָרן, אָבער ביים צוקונפטיקן בעל „ערך ש״י״ איז נישט געווען דער עיקר די כלה נאָר בלויז די ספרים.

✡

קלמן כהנא שרייבט וועגן דעם סיגעטער מלמד ר׳ יוסף לייב כהנא, וועלכער האָט מיט זיינע גמטריאות אויסגערעכנט, אַז אין יאָר תרפ״ו (1926) דאַרף קומען משיח . . .

✡

ליפּא שוואַרץ שרייבט וועגן איינעם אַ מיסטעריעזן פּאַרשוין מיט׳ן נאָמען נחומקע דץ וועלכער פלעג זיך אַרומשפּילן מיט קליינע קינדער, וועלכע פלעגן זיך דווקא איזדעקעווען איבער אָט דעם דאָזיקן פּאַרשוין און פון אים אָפּחוזקן. מען האָט פון אים נישט געקאָנט געוואָר ווערן, ווער ער איז, וואָס ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. ליפּאס ברודער ר׳ יחזקאל שוואַרץ הי״ד, איז געווען אינטריגירט צו וויסן וואָס נחומקע טוט בשעת ער מיינט, אַז קיינער זעט אים נישט. האָט ר׳ יחזקאל אים טאַקע נאָכ־שפּיאָנירט, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ווען קיינער איז נישטאָ אין בית־המדרש איז נחומקע עוסק אינ׳ם „טור בית יוסף״ און אַז טאָג־טעגליך לערנט ער בסדר אַ שיעור, סימן נאָך סימן... האָט זיך ר׳ יחזקאל מיישב געווען און ער האָט דעם מיסטעריעזן נחומקען איינגעלאַדען צו זיך אַהיים אויף וועטשערע און ער האָט זיך גענומען צו אים, ער זאָל זיך געבן צו דערקענען ווער ער איז עס אַזוינס, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ נחבא אל הכלים און מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ שטיקל מטורף, וועלכער שפּילט זיך און מלוצהט זיך אַרום מיט קליינוואַרג... נחומקע האָט זיך געבעטן ביי ר׳ יחזקאלן: „לאָזט מיך צו רו, איך בעט אייך, און פאַרגעסט אין אַלעמען!״. אַז ר׳ יחזקאל האָט געזען, אַז ער קאָן ביי אים גאָרנישט פועלן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וועט אים נישט אָפּלאָזן ביז ער וועט אים נישט מסביר זיין אַ תוספת אין מסכת עירובין, וואָס איז אים שטאַרק קשה. נחומקע האָט פאַר ר׳ יחזקאלן געגעבן צום פאַרשטיין דעם ענין אויף אַזאַ איינפאַכן און לומדישן אופן ווי איינער פון די גדולים. מער האָט נחומקע נישט געוואָלט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט אים.

אין איינעם אַ שבת׳דיקן אינדערפרי האָט מען געטראָפן אַ טויטן ביים אַריינגאַנג פון דער מקווה. דער מת איז געווען דער מיסטעריעזער נחומקע דץ. לעבן דעם גוף האָט מען געפונען אַ טלית מיט צוויי פאָר תפילין. ליפּא

און יחזקאל שווארץ האָבן אוועקגעשטעלט אַ האַלצערנע מצבה אויף זיין קבר.

אויף דער מצבה איז אויסגעקארבט דער פאָלגנדער נוסח:

פ״נ

רבי נחום הנקרא בפי כל

רבי נחומצה דץ

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

✡

אברהם איזראַעל באַשרייבט סיגעט של מעלה. ער דערמאָנט אַ ריי פערזענלעכקייטן און גאונים וועלכע האָבן געצויגן זייער שורש פון סיגעט. איזראַעל שטעלט זיך אָפּ דערויף וואָס די חסידים פון וויזשניץ, אַטעניע און קאַסיוו האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין סיגעטער לעבנס שטייגער: „דער באָרשער רבי, ר׳ פנחס האַגער ז״ל, אַ ברודער פון ר׳ ישראלצי וויזשניצער, האָט געפירט אַ מאַיעסטעטיש הויף אין סיגעט; אויך די אייניקלעך פון ר. מרדכילע נאַדווארנער, אַן אָפּשטאַמיקער פון ר׳ מאירל פרעמישלאנער, האָבן איינגעאָרדנט זייערע חסידישע אַמבאַסאַדעס אין סיגעט און האָבן נושא פירות געווען מיט גרויס הצלחה; די חסידישע וואָרט-טרעגער פון דער חיבת-ציון באַוועגונג זיינען געווען די אָנהענגער פון ר׳ יאָסעלע ליכטנשטיין ז״ל (משלשלת ר׳ הלל קאָלאָמייער);

„עס האָבן אויך נישט געפעלט חסידישע אָנהענגער פון אַנדערע דינאַסטיעס. ווי אַ שטייגער, בעלזער, דאַלינער, ספּינקער, קאַליווער וכו׳. נאָך פאַרן אנטשטיין פון דער טייטלבוים דינאַסטיע האָבן שוין געלעבט זיילען און ריזן פון תלמוד און הלכה אין סיגעט. ווי אַ שטייגער, ר׳ יעקב הכהן העלער ז״ל, דער בעל „קונטרס הספיקות״, וועלכער האָט געווירקט אַלס סיגעטער רב פון יאָר תקס״ב; ר׳ מנחם שטערן ז״ל, דער בעל „דרך אמונה״, ר׳ שלמה לייב טאַבאַק ז״ל, דער בעל „ערך ש״י״, ר׳ חיים אריה כהנא ז״ל, דער בעל „דברי גאונים״, ר׳ נחמן כהנא ז״ל, דער בעל „אורחות חיים״. און טאַקע די זיילן פון דער טייטלבוים דינאַסטיע, דער „ייטב לב״, „קדושת יום טוב״, און „עצי חיים״, ז״ל, מיט זייערע צענדליקער חיבורים אויף תורה, הלכה און שאלות ותשובות;

„אַט די דאָזיקע ספרים וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין סיגעט, זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין נייע אויפלאַגעס אין די צענדליקער טויזנטער און האָבן אויף זייער „שער-בלאַט״ געטראָגן דעם חותם: „געדרוקט אין סיגעט״. די ספרים האָבן אָנגעפילט די שאַנקען און פּאָליצעס

פון די ביבליאָטעקן אין די פּריוואַט הייזער פון טויזנטער חובבי־ספר איף דער וועלט און האָבן ווייט צעטראָגן דעם רום פון סיגעט ווי אַן עיר ואם בישראל. דאָס פּאַרוואָרפענע ווינקל צווישן די קאַרפּאַטן מיט'ן נאָמען סיגעט האָט זיך אַזוי אַרום טיף איינגעקריצט אין דמיון און אין זכרון פון די אַלע וואָס האָבן פון איר פריער נישט געוואוסט;

„וואָס שייך די אידיש וועלטלעכע קולטור — שרייבט אברהם איזראעל צווישן אַנדערן — האָט געווירקט דער דראַנג און דער אומבאַגרענעצטער רצון צו שאַפן ווי שנעלער, ווי גיכער און ווי מער, כדי נאָכצויאָגן מיט ריזן שריט, וואָס דורות האָבן פאַרפעלט;

„אין יאָר 1874 האָט אין סיגעט דערשינען אַ העברעאישע צייטונג מיטן נאָמען „התור". אברהם גינצלער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער צייטונג. אין 1878 דערשיינט דער „השמש" און שפּעטער „החרסה" פון הערש לייב גאָטליב. גאָטליב איז געווען אַן אויסערגע־ווינלעכער מוטיקער פּיאָנער, אפשר צווישן די ווינציקע פאַלן אין דער געשיכטע, אַז אַ מענטש זאָל פאַרמאָגן אַזאַ גרויסע מאָס מוט און ענערגיע אָנצופירן אַן אומדערמידלעכן דרייסיק־יעריקן קאַמף — פון 1878 ביז 1908 און נאָך שפּעטער — אַ קאַמף אין אַ קעגנערישער סביבה, אָן פינאַנציעלע מיטלען, גערודפט און געיאָגט פון פאַנאַטישע עלעמענטן און דאָך נישט אַנטמוטיקט געוואָרן פון איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן".

נאָכדעם ווי עס איז געלונגען פאַר גאָטליבן, מיט דער הילף פון דר. טעאָדאָר הערצל ז"ל, זיך איינצושאַפן בוכשטאַבן פאַר אַ דרוקעריי און ער האָט שוין געהאַט זיינע מאַטריצן פאַרטיק כדי אַרויסצוגעבן זיין ערשטע אויסגאַבע, „זיינען אים באַפאַלן — שרייבט איזראעל — אַ גרופּע פאַנאַטיקער און האָבן צעשטערט די מאַטריצן און זיין גאַנצע דרוקעריי איז געגאַנגען לטמיון"...

איזראעל גיט אָן נאָך אַ ריי דאַטן און נעמען פון אויסגאַבעס וואָס זיינען דערשינען אין סיגעט, שוין אַזוי פרי ווי אין יאָר 1931 איז דער־שינען אַ זשורנאַל „דרכנו", אַ דריי שפּראַכיקע אויסגאַבע (עברית, אידיש און אונגאַריש) אונטער דער רעדאַקציע פון משה קאַפּלער, משה ווייס און אברהם איזראעל.

אין 1933 איז אונטער דער אָנפירערשאַפט פון י. ד. איזראעל הי"ד (אברהמס ברודער) און א. מ. הירש צושטאַנד געקומען דער זשורנאַל „אויפגאַנג". דער אַדרעס: הויפּט־פּלאַץ נומער 11, איז געוואָרן דער אַדרעס פון דער סיגעטער „טאַלמאַקצע 13", אַ מין ליטעראַטן־פאַריין

בזעיר אַנפּין, וואָס האָט געבערויזט מיט באַזוכער פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט; וואו די אידישע פּרעסע און ליטעראַרישע אויסגאַבן פון דער גאַנצער וועלט זיינען טעגלעך אָנגעקומען: „עס האָט זיך געשאַפן דאָס געפיל — שרייבט איזראעל — ביי די יינגע שעפערישע כוחות, אַז זיי געהערן צו דער גרויסער וועלטלעכער ליטעראַרישער משפחה; אַז סיגעט איז נישט מער אַן איזאָלירט אינדזל, צווישן די פּאַרוואָרפענע הרי חושך, נייערט אַ ליטעראַרישער צענטער מיט אַ וועלט אַדרעס”...

אברהם איזראעל גיט איבער ווי זיין יינגער ברודער ישראל דוד פלעג אויפזיין „ביז נאָך חצות און טיימאָל ביז עלות־השחר” און ער פלעג צו ענטפערן בריוו צו די קאָריפייען פון דער אידישער ליטעראַטור. ער דערמאָנט אַזוינע פּאָפּולערע נעמען ווי אַ שטייגער, שלום אש, יוסף אָפּאַטאָשו, שמואל ניגער, דניאל טשאַרני, אברהם און זלמן רייזען, דר. שלמה ביקל, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, איציק מאַנגער און פיל אַנדערע.

איזראַעל פאַרגעסט אויך נישט צו דערמאָנען די סיגעטער שעפער ווי אַ שטייגער הערש לייב גאָטליב, יוסף האלדער, בערל שנאבל, הערצל אפשאָן, הרב ר׳ יקותיאל יהודה גרינוואַלד, משה קאָפּלער, דוד שיין (וואָס איז לויט איזראעלן — געקומען קיין סיגעט אין זיינע יינגע יאָרן און ער האָט זיך איינגעקויפט סיגעטער און מאַראַמאַראָשער בירגערשאַפט), נפתלי בן מנחם (פריעד), וועלכער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין חיבור „מספרות ישראל באונגריה” (לויט איזראעלס גירסא וואָלט בן־מנחמס חיבור ענדער מער פאַרדינט דעם נאָמען „מספרות ישראל במרמרוש...) און הלל דאַנציג *.

איזראעל ענדיקט מיט די פאָלגענדע ווערטער: „ותקצר היריעה, זיך אָפּצושטעלן אויף נאָך פילע צענדליקער יינגע און אַלטע באַגאַבטע און

* ווי עס זעט אויס דערמאָנט איזראַעל בלויז די אַזוי גערופענע „אַלטע גוואַרדיע”, די וועלכע זיינען געווען טעטיק אויפ׳ן שריפטשטעלערישן געביט פאַר׳ן חורבן, ווייל ער דערמאָנט נישט די נעמען פון אליעזר וויזל, דוד ווייס און לייבי ברוקשטיין. אפילו פון צווישן דער אַלטער גוואַרדיע פעלן די נעמען פון וואָלף טאַמבור, יחיאל שטיינבאַך הי״ד און קלמן כהנא, וועלכער האָט דווקא בלויז געשריבן אין אונגאַריש אָבער זיין טעמאַטיק איז אַלעמאָל אַ אידישער. אָבער איזראעל ענדיקט טאַקע זיין באַלערנד קאַפּיטל מיט די ווערטער „ותקצר היריעה”, וואָס מיינט, אַז ער האָט ווייט נישט אויסגעשעפּט אַלעס און אַלעמען. דערמיט בין איך מיט אים פולשטענדיק מסכים... — א. ב.

טאַלאַנטירטע כּוחות, וואָס האָבן געשריבן אין אידיש און אין פרעמדע שפּראַכן און געהערן צו די אומדערזעצלעכע באַשטאַנדטיילן פון דער אידיש קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט די גרויסע ליטעראַרישע משפחה פון סיגעט של מעלה״.

✡

קלמן כהנא שרייבט וועגן צוויי סיגעטער פּערזענלעכקייטן וועלכע שפּילן היינט־צו־טאָג אַ וויכטיקע ראָלע אין אַ וועלטס מאַסשטאַב. דער ערשטער איז אלי וויזל, וועלכער שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אויפ׳ן ליטע־ראַרישן געביט. דער צווייטער איז פּראָפ׳ דוד ווייס, וועלכער שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אַלס אַן עילוי אויפ׳ן תלמודישן געביט.

✡

וואָלף טאַמבור שרייבט וועגן דעם סיגעטער דיכטער יחיאל (חילו) שטיינבאַך, וועלכער איז געבוירן אין יאָר 1915 און וועלכער האָט געלערנט אין דער ישיבה, וואָס איז געווען עטלעכע שפּאַן פון זיין טיר״. טאַמבור שטעלט זיך אָפּ דערויף, אַז שטיינבאַך איז געווען אַ טאַלאַנטירטער דיכטער און אַז ער האָט געשריבן שיינע אידישע לידער נאָך צום באַדויערן זיינען וויניק פון זיינע שאַפונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן:

„פיר לידער זיינע — שרייבט — טאַמבור — זיינען דערשינען אין פיר נומערן פון די „טשערנאָוויצער בלעטער״ אין יאָר 1937 און צוויי לידער אין זאַמלהעפט „יינג מאַראַמאַראָש״, וואָס איז דערשינען אין מערץ 1941״.

טאַמבור ציטירט יחזקאל רינג, וויאַזוי רינג האָט כאַראַקטעריזירט יחיאל שטיינבאַך דעם פּאָעט: ׳זיינע פערזן — שרייבט רינג — זיינען פול מיט דראַמע, שטימונג, טעאַטראַלישקייט און מיט טיפער טראַגישער איבערלעבונג׳.

„אַזאַ דיכטער איז ער געווען, יחיאל שטיינבאַך, — שרייבט טאַמבור — מיר האָבן נישט געוואוסט, אַז דאָס וועט אויך זיין דער עפּיטאַף אויף זיין נישט עקזיסטירנדיקער מצבה. יהי זכרו ברוך״.

✡

הרב לייבוש בער האַלפּערט באַשרייבט ווי אין יאָר 1930 איז חרוב געוואָרן דאָס מאַראַמאַראָשער שטעטל מיט׳ן נאָמען בארשע. אינ׳ם שטעטל האָבן זיך אָרגאַניזירט אַ צאָל אַנטיסעמיטן, וועלכע האָבן געהעצט די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַקעגן די 2,000 אידישע נפשות פון שטעטל. אַז די ראשי־הקהילה האָבן זיך דערפון דערוואוסט האָבן זיי הערויף אויפ־

מערקזאַם געמאַכט די שטאָטישע באַאַמטע, מיט דער באַמערקונג, אַז עס דראָעט אַ גרויסע סכנה די בארשער אידן. אַזוי ווי אַלעמאָל אין דער אידישער געשיכטע, האָבן אויך אַצינד די געזעץ־היטערס, זיך געמאַכט אַ קליינעם צימעס דערפון: „איר אידן — האָבן די שטאָטישע באַאַמטע געטענהט — זייט גרויסע פחדנים! מען האָט אייך נאָך גאָרניש געטאָן און שוין שרייט איר געוואַלד!"...

אַט וויאַזוי הרב האַלפערט באַשרייבט דעם חורבן פון שטעטל:

„אין משך פון עטלעכע שעה האָט די מורא׳דיקע שרפה חרוב געמאַכט צוויי דריטל פונ׳ם ישוב. אידיש האָב און גוטס פון דורות איז געגאַנגען אין רויך"...

און כאָטש די שטאָט־טאַטעס האָבן גענוי געוואוסט ווער עס זיינען די שולדיקע: „האָבן אָבער — שרייבט הרב האַלפערט — די מלוכה־אָרגאַנען געהאַט אַן אינטערעס אָפּצואווישן די שפּורן פון דעם מערדערישן פּאָגראָם, וואָס האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם אין דער גאַנצער וועלט".

הרב האַלפערט רעאַגירט, „אַז עס איז שווער צו שילדערן און איבער־געבן אַ בילד פון אַט די סצענעס וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענע ערשטע שעה׳ן פון נאָך דער שרפה. אידן מיט פאַררויכערטע פּנים׳ער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט העשטלעך פון זייער געראַטעוועטע אָרעמקייט, קוקנדיק מיט פאַרצווייפלונג און ביטערקייט צו זייערע פריש חרוב געוואָרענע נעסטן. צום שבח פון די אידן מוז געזאָגט ווערן, אַז אויך אין יענע קריטישע און שווער געפּרואווטע שעה׳ן האָבן זיי אַרויסגעוויזן העלדישקייט און עס איז בולט געקומען צום אויסדרוק זייער שטאַרקער כאַראַקטער און פעסטער בטחון און נישט פאַרלוירן אויף איין רגע זייער אמונה אין השם יתברך;

„מיט דער הילף פון אידישע אָרגאַניזאַציעס — ענדיקט הרב האַלפערט — און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן איז געלונגען אין משך פון עטלעכע יאָר צוריקצושטעלן אַ חלק פון דעם ישוב, וועלכער האָט נאָך ווייטער עקזיסטירט, על אפם ועל חמתם פון אַלע שונאי ישראל. ביז — ביז עס איז געקומען דער שרעקלעכער קאַטאַקליזם און צוזאַמען מיט אַלע אידישע קהילות אין מזרח אייראָפּע איז דורך די נאַציס ימח שמם חרוב געוואָרן דאָס אַמאָליקע בליענדע מאַראַמאַראָשער שטעטל, בארשע".

✡

אַ בריוו פון דעם סיגעטער מוכר ספרים ר׳ אביגדור גרינוואַלד ז״ל צו זיין ברודער אין אַמעריקע הרב יקותיאל יהודה גרינוואַלד ז״ל, דער

באַקאַנטער היסטאָריקער און געלערנטער, וועלכער איז פאַר פיל יאָרן געווען רב אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ. אין בריוו צו זיין ברודער באַשרייבט ר׳ אביגדור די לוויה פון דעם סיגעטער רב ר׳ חיים צבי טייטלבוים ז״ל, וועלכער איז באַקאַנט ווי דער בעל „עצי חיים״. דער סיגעטער רב איז אין עלטער פון 46 יאָר פלוצלינג נפטר געוואָרן אין 1926־טן יאָר און זיין עלטסטער זון הרב יקותיאל יהודה הי״ד איז בלויז 14 יאָר אַלס געווען. ר׳ אביגדור שטעלט זיך אָפּ דערויף, „וואָס נאָכן צוריק קומען פון׳ם בית־הקברות האָט מען אַוועקגעזעצט דעם יינגן רב אויף דער שטול פון זיין פאָטער און מען האָט אים געגעבן קוויטלעך וועלכע ער האָט נישט געוואָלט בעמען און ער האָט שטאַרק געוויינט. ביז דער קאַשויער גאון ר׳ שלום בראַך האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל עס טאָן אין זכות פון זיינע אבות און אַזוי אַרום וועט ער אויך מקיים זיין כיבוד־אם... אויך דער אלשיך האָט זיך אַזוי נוהג געווען...

✡

שלמה זמרוני באַשרייבט די משפחה פון ר׳ יעקב גרינוואַלד, וועלכער איז יאָרן לאַנג געווען אַ מוכר ספרים אין סיגעט און וועלכער האָט אין 1928־סטן יאָר פאַרעפנטלעכט אַ חיבור מיט׳ן נאָמען „חלק יעקב״. זיין זון ר׳ אביגדור גרינוואַלד האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ חיבור מיט׳ן נאָמען „כתר תורה״. אָבער די קרוין פון דער משפחה האָט געטראָגן ר׳ יעקבס זון הרב ר׳ יקותיאל יהודה גרינוואַלד, וועלכער איז פאַר 32 יאָר געווען רב אין קאָלאָמבוס, אָהייאָ און וועלכער איז גוט באַקאַנט אַלס היסטאָריקער, געלערנטער, פאָרשער און שרייבער. הרב גרינוואַלד איז געווען דער וואָס האָט אַנטדעקט דעם קבר פון דעם פאַלשן משיח שבתי צבי אין טירנא, אלבאניע. הרב גרינוואַלד האָט געעפנט דעם טויער פאַר די פאָרשער פון אונגאַרישן אידנטום, וועלכע האָבן אַ דאַנק אים געקראָגן אַ ברייטן אַריינבליק פון אַן עדה וואָס איז געווען ווי אַ פאַרפרעמדטער שבט... הרב גרינוואַלד האָט פאַרעפנטלעכט 45 ספרים...

✡

יוסף ג. פערל באַשרייבט דעם נאָענטסטן ישוב פון סיגעט, זיין שטעטל טשאַרדע, וואָס האָט בלויז 24 אידישע משפחות פאַרמאָגט. פערל רעאַגירט דערויף, וואָס צוליב אַן ארץ־ישראל׳דיקער מאַפּע איז פאַרשטערט געוואָרן אַ שמחה, וועלכע פלעג פאַרקומען איטלעכן יאָר ווען דער סיגעטער רב איז געקומען צו גאַסט אויף שבת. ווייל טשאַרדע איז געווען אונטער דער השגחה פון׳ם סיגעטער רב הרב חיים צבי טייטלבוים ז״ל, איז שוין געווען

אַ חזקה, אַז איינמאָל אין יאָר זאָל הער רב קומען פאַרברענגען אַ שבת אין טשאָרדע:

„שבת צו נאַכטס — שרייבט פּערל — איידער דער רב האָט זיך צוריקגעקערט קיין סיגעט, פלעגן די יינגלעך מאַכן דעם אמת׳ן טראַסק, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן געמאַכט פון מאַליי־קאַטשאַנעס איינגעטונקענע אין נאַפט. פלעגן מיר באַגלייטן דעם רבי אַהיים, זינגענדיק דעם ניגון, וועלכן מען האָט געזינגען ביים רביס טיש. אַ ניגון וואָס דער „קאָמפּאָזיטאָר" פון רביס הויף, ר׳ משה נאַגאַשער האָט פאַרפאַסט"...

נאָך דער באַלפור דעקלאַראַציע פון יאָר 1917, האָט טשאָרדער קהל באַשלאָסן איינצוראַמען אַן ארץ־ישראלדיקע מאַפּע און זי, די מאַפּע, פּראָמינענט אוועקשטעלן אין הער טשאָרדער שוהל. צוליב אָט דער מאַפּע פלעג דער סיגעטער רב נישט אַריינגיין אין שוהל אַריין דאַוונען, ניירט, ער איז אין סאַמע ווינטער געשטאַנען אין פּאָליש און דאָרט געפּרויערן... דער רב איז געווען אַ קעגנער פון ציוניזם און ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, אַז אַ ציוניסטישע מאַפּע זאָל זיך געפינען אין אַ מקום קדוש...

שלוש סעודות פלעג פאַרקומען אין קליינעם בית־המדרש, וואָס איז לעבן דער שוהל און דאָרטן פלעג דער סיגעטער רב פאַרברענגען צוזאַמען מיט די טשאָרדער אידן. איינמאָל, אינמיטן שלוש סעודות, ווען דער סיגעטער רב איז דאָרט געווען, האָבן די טשאָרדער אידן דערהערט אַ גערודער. צוויי אמתע חברהלייט האָבן אין סאַמע שבת צעבראָכן די ראָם און צעריסן די מאַפּע אויף שטיק־שטיקלעך און זיינען נעלם געוואָרן... צוליב דעם חילול־שבת און וועגן סקאַנדאַל פון דער צעריסענער מאַפּע איז אָט דעם שבת צו נאַכט נישט פאָרגעקומען דער פּאַקל־צוג מיט וועלכן מען פלעג אַהיימבאַגלייטן דעם סיגעטער רב נאָך זיין יערלעכן באַזוך און יונגוואַרג האָט אָנגעוואוירן די געלעגנהייט זיך משמח צו זיין מיט׳ן געוויינלעכן טראַסק...

✡

שלמה שמיר׳ס אַן אַרטיקל פון „הארץ" פון 12.12.71, וואָס איז באַזירט אויף דער פערזענלעכקייט פון אלי וויזעל — איז איבערגעדרוקט אין „מרמרוש־סיגט". שמיר׳ס אַרטיקל אַן און פאַר זיך איז אינטערעסאַנט און באַלערנד. אין איינצלנע זאַצן גיט ער איבער די ראָלע וואָס וויזעל שפּילט היינט צו טאָג אינערהאַלב די קרייזן פון אַמעריקאַנער און פּראַנ־צויזישן אידנטום; ווי וויזלס לעקציעס רופן אַרויס גרויסן אינטערעס אפילו ביי גלחים, נאָנעס און פּראָפעסאָרן. איבעראַל ווי וויזעל טרעט אַרויס

זיינען די זאַלן געפּאַקט און עס איז שווער צו קריגן אַ בילעט, ווייל די בילעטן צו זיינע פאָרטראַגן ווערן שנעל אויספאַרקויפט.

גאָר אינטערעסאַנט איז שמיר׳ס אַריינפיר צו זיין אַרטיקל וועגן אלי וויזעל, אַז ער, וויזעל, איז געווען ערנסט באַטראַכט פאַר אַ קאַנדידאַט פון נאָבל־פּרייז. אוניווערזיטעטס פּראָפעסאָרן, שטאַטס־לייט פון אַמעריקע און פון פילע אַנדערע מדינות האָבן פּראָפּאַנירט וויזעל׳ן ווייל מיט זיינע שאַפונגען און זיינע רעפעראַטן האָט וויזעל גרויסע פאַרדינסטן אינ׳ם פאַראייביקן די קרבנות פון חורבן און דערמיט איז ער אַ גרויסער צו־שטייער צום דערנענטערן דעם שלום...*

✡

הרב שמואל באַרי (שטיין) באַשרייבט זיין רבי ר׳ אליעזר שמחה רייך ז״ל, וועלכער איז געווען דער איינציקער חסידישער לערער אין סיגעט וואָס „האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים לייענען און שרייבן אַ ריינעם און שיינעם לשון־קודש על פּי דקדוק״.

ר׳ אליעזר שמחה רייך האָט פיל געהאָלפן בשעת דער ערשטער וועלט מלחמה, די אידישע קריג געפאַנגענע, וועלכע זיינען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סיגעט, אַז זיי זאָלן קענען עסן כשר׳ע מאכלים. ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן די סיגעטער מענזאַ. אַן אַנשטאַלט וואָס האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די סיגעטער ישיבה־בחורים זאָלן נישט דאַרפן הונגערן. די בויט־באַדערפטיקע האָבן געקראָגן מענזאַ־קאַרטן אָן געצאָלט. ר׳ אליעזר שמחה,

✡

* אין די העפטן פון „מרמרוש־סיגעט״ געפינען זיך אַ גרעסערע צאָל אַרטיקלען פון אלי וויזעל, וועלכע זיינען צום ערשטן געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס״ און וועלכע האָבן אַ שייכות צו סיגעט. איניקע פון וויזעלס אַרטיקלען זיינען איבערזעצט אויף אונגאַריש פון העלען רייך ז״ל. איך האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט וועגן יעדן אַרטיקל זיינעם אין „מרמרוש סיגעט״, ווייל די אַרבעטן זיינען געווען צום ערשט געדרוקט אין „פאָרווערטס״ און וויזלס אַרטיקלען זיינען געלייענט געוואָרן פון צענדליקער טויזענטער בלויז אין אידיש אַליין.

גאָר אינטערעסאַנט איז שמיר׳ס באַמערקונג, אַז אַנשטאָט וויזל זאָל געווען באַקומען דעם נאָבל־פּרייז פאַר שלום (אין יאָר 1971) האָט אים גאָר געקראָגן ווילי בראַנד, אַן אָפּשטאַמיקער פון די וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר׳ן חורבן, וועלכער איז צושטאַנד געקומען אין פריערדיקן דור... — א. ב.

וועלכער האָט זיך געלערנט שחיטות, האָט איינמאָל אָוועקגעוואָרפן דעם חלף מיט׳ן שאַרף־שטיין און זיך גענומען ענדער צו מלומדת. אין עלטער פון אַריבער פערציק יאָר איז ער נפטר געוואָרן.

✡

הרב שמואל בארי (שטיין) גיט איבער אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ אידן מיט׳ן נאָמען ר׳ מנחם אליעזר רוביק, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין סיגעט אַלס ר׳ מעניע דער שוחט. ר׳ מעניע איז געווען איינער פון די פיר שוחטים וואָס סיגעט האָט פאַרמאָגט. ער האָט כל ימיו געוואָלט זיין אַ מוכר ספרים, וואָס איז אַ שיינע און אַן אידעלע פרנסה. האָט אָבער אין סיגעט פּאַסירט אַ מעשה שהיה, וואָס צוליב דרכי־שלום האָט סיגעטער קהל געמוזט אָנשטעלן אַ בייטראַלן שוחט צו וועלכן אַלע מיני חסידים אין סיגעט זאָלן מסכים זיין און מרוצה זיין, איז אויף ר׳ מעניען אויסגע־איבט געוואָרן אַ דרוק און באין ברירה, אַנשטאָט צו ציען פרנסה פון אַן איידעלער באַשעפטיקונג איז גאָר געפאַלן דער גורל אויף אים צו קוילענען אומשולדיקע עופות... „ווען ר׳ מעניע פלעג נעמען אַן עוף אין זיינע הענט צו קוילען — שרייבט הרב בארי — פלעג ער שעפטשען שטיל, מיט טרערן אין זיינע אויגן, ׳ס׳זאָל זיין צו אַ תיקון נפש׳ ״...

ווען ר׳ מעניעס זון, סרולי, האָט געדאַרפט בר־מצווה ווערן האָט ר׳ מעניע דער שוחט געמוזט אויפגעבן זיין פאַך צוליב זיין שוואַכער ראיה און ער האָט געמוזט אויסקומען אויף חיונה פון זיין מאַגערער פּענסיע, וואָס ער האָט באַקומען פון קהל. האָט ר׳ מעניע צוגערופן זיין זונדל און ער האָט זיך פאַר אים מתנצל געווען, אַז ער קאָן זיך נישט דערלויבן אַזאַ לוקסוס ווי אַ בר־מצווה סעודה, ווייל זייענדיק שוחט אין סיגעט פאַר מערער יאָרן האָט ער זיך דערוואָרבן פיל באַקאַנטע, וואָלט ער דעריבער געדאַרפט איינלאַדן אַרום 500 מענטשן. אָבער, אַזוי ווי ביי אַ סעודת־מצווה איז דער עיקר די אָרעמעלייט: „איז וויפל אָרעמעלייט, — טענה׳ט ר׳ מעניע צו זיין בר־מצווה בחור — מיינסט וואָלט איך געהאַט צווישן זיי — צען? וועל איך רופן צען אָרעמעלייט און דאָס וועט זיין די שענסטע בר־מצווה סעודה״...*

✡

* ר׳ מעניע דעם שוחט׳ס זון, דר. ישראל רובין איז היינט צוטאָג סאָציאָלאָגיע פּראָפעסאָר אין קליוולאַנדער סטעיט אוניווערזיטעט. ער איז אַ בעל־מחבר פון מערערע ווערק אויף

דוד גלעדי באַשרייבט ווי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די צוואַנציקער יאָרן קיין סיגעט און ווי ער האָט געהאַט אַ צוטריט צו די ספרים פון ר׳ משה לייב דאַווידאָוויטש, הרב מנחם עקשטיין, ר׳ אליהו האָראָוויץ ווי אויך צו דער רייכער קאַלעקציע ספרים וואָס האָבן זיך געפינען אין דער פּריוואַטער ביבליאָטעק פון ר׳ ישראל ווייס. וועגן די ספרים פון ר׳ ישראל ווייס שרייבט גלעדי, אַז אין יאָר 1966 האָט ער פאַרבראַכט אין סאַטמאַר, האָט ער באַגעגנט איינעם אַן אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ קעלער אַריין און מיט אַ ליכט אין דער האַנט האָט ער אים געוויזן אַ הויפן פאַרשטויבטע ספרים. ר׳ ישראל ווייס האָט געהאַט אַ האָטעל אין סאַטמאַר האָט ער פאַר׳ן חורבן אַריבערגעפירט זיינע ספרים אַהין (דענקענדיק מסתמא, אַז דאָרטן וועלן זיינע טייערע ספרים זיין בעסער געשיצט. — א. ב.). גלעדי האָט זיך שנעל אָריענטירט, אַז דאָס וואָס ער זעט איז בלויז די שריים פון די טייערע און זעלטענע ספרים וועלכע האָבן זיך געפינען אין ר׳ ישראל ווייס סיגעטער ביבליאָטעק, ווייל ווער עס האָט געוואָלט האָט שוין פון פריער צעשלעפּט די מער ווערטפולע עקזעמפּלאַרן. אָט אַזאַ איז געוואָרן דער גורל פון דער ביבליאָטעק. צום שלוס דריקט בלויז גלעדי אויס זיין האָפנונג, אַז די ספרים געפינען זיך אין ריכטיקע הענט...

✡

דער טשערנאָוויצער באַקאַנטער אידישער שריפטשטעלער משולם סורקיס האָט ביי מערערע געלעגנהייטן באַזוכט סיגעט און מאַראַמאַראָשער שטעטלעך ווי אַ שטייגער בארשע, סעפּינקע און אַנדערע. סורקיס איז געווען איבעררעאַשט צו באַגעגענען מאַראַמאַראָשער אידן וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט מיט וואַלד־אַרבעט און ענלעכע מלאכות וואָס די גוים האָבן אויסגעטראַכט, אַז אידן זיינען נישט מסוגל דורכצופירן. אינטערעסאַנט איז סורקיס אויספיר פון זיין קאַפּיטל זכרונות וועגן דער

סאָציאָלאָגישע געביטן. ער איז דער בעל־מחבר פון „ען איילענד אין דהי סיטי״, וואו ער באַשרייבט ווי די סאַטמערער חסידים האָבן זיך איינגעלעבט אין אַ פלוראַליסטישער געזעלשאַפט ווי ניו יאָרק. די חסידים לעבן אויף זייער אַן אייגענעם אינדזל ווי וויליאַמסבורג, אַן און פאַר זיך. אַ מין עם לבדד ישכון. פון אַ סאָציאָלאָגישן שטאַנדפּונקט באַראַקטעריזירט דר. רובין זייער טרעפלעך אַזוי דעם סאַטמערער רבי ר׳ יוליש טייטלבוים ווי זיינע חסידים און זייער שטייגער לעבן „פונ׳ם שטיבל ביז צום גריבל״. — א. ב.

מאַראַמאַראָשער געגנט און אירע אידן:

„שוין נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, — שרייבט משולם סורקיס — ווען די עסטרייך־אונגאַרישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן, האָט דער ווערסאַלער טראַקטאַט אויך געמאַכט אַ קייזער־שניט אין מאַראַמאַראָש, און זי צעטיילט אויף צוויי חלקים. דער גרעסטער טייל, בראש מיט דער הויפּט־שטאָט סיגעט, איז צוגעפאַלן צו רומעניע, בשעת דעם קלענערן חלק האָט מען צוגעשלאָסן צו טשעכאָסלאָוואַקיע. „מאַראַמאַראָשער אידן האָבן נישט אָנערקענט די באַשטימונגען פון ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט; זיי האָבן זיך אָריענטירט לויט זייערע רביישע הויפן״.

דאָס דאָזיקע כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן אָט דער פאָלגענדיקער אַנעקדאָט:

„אַ מאַראַמאַראָשער איד איז געקומען זיך היילן צו אַ ווינער פּראָפעסאָר. דער פּראָפעסאָר האָט אַמאָל געהערט וועגן מאַראַמאַראָש, ער האָט זיך אָבער שוואַך פונאַנדערגעקליבן וויאַזוי מ׳האָט עס צעטיילט נאָך דער מלחמה, האָט ער געפרעגט ביי זיין פּאַציענט: ׳צו וועמען אייגנטלעך געהערט אייער מאַראַמאַראָש?׳ דערויף האָט דער איד געענטפערט: אַמאָל האָט געהערט מאַראַמאַראָש אינגאַנצן צום ׳וויזשניצער׳ זאָל לעבן, נאָר זינט די ׳סעפּינקער׳ (געמיינט די סעפּינקער חסידים) האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, געהערט דער רוב צו וויזשניצע און אַ טייל צו סעפּינקע״.

✡

יום טוב ליפּא הל־אור (העלער) האָט פאַרעפנטלעכט אַ חיבור מיט׳ן נאָמען „התחיה הרוחנית־מוסרית של עם ישראל״ אין וועלכן ער באַשרייבט דעם בעל־מופת פון פאַליען־קאַבאַלעצקי (קאַרפּאַטיש־מאַראַמאַראָש) הרב ר׳ מרדכי וויזל הי״ד.

אין די צוואַנציקער יאָרן איז פלוצלינג מפורסם געוואָרן דער פאַליענער רבי ווי אַ בעל־מופת און עס האָבן צו אים געשטראָמט חסידים, סתם אידן ווי אויך נישט־אידן, אויסצובעטען ביים רבי אַ ישועה. דער רבי איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און אויף זיין טיש האָט ער געהאַט צוויי שיסלען אין וועלכע ער פלעג אַריינטאָן די פּדיונות. איין שיסל פאַר די פּדיונות פון אידן און די אַנדערע פאַר די פּדיונות פון קריסטן. פון דער אידישער שיסל פלעג דער רבי צעטיילן צדקה פאַר אידישע אָרעמעלייט און פון דער צווייטער שיסל האָט ער צעטיילט פאַר קריסטלעכע אָרעמע־לייט.

נישט געאַכט דערויף וואָס ער האָט געליטן אויף פּאַרקינסאָנס

קראַנקהייט פלעג ער גיין איטלעכן טאָג אין מרחץ און זיך טובלען דריי הונדערט און צען מאָל (ש״י טבילות) און אויף זיין וועג אהיימגייענדיק פלעגן שטיין אויסגעשורהט אידן און גוים וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיינע ברכות.

דער פירסום פון פאַליענער רבי האָט נישט אָנגעהאַלטן פאַר אַ לאַנגער צייט. אַזוי ווי ער איז פלוצלינג מפורסם געוואָרען פונקט אַזוי האָט מען אין אים שנעל פאַרגעסן.

הל־אור שרייבט, אַז אַ דאַנק אָט דעם רבי איז ער געבליבן לעבן. דער רבי האָט אים געוואָרנט: „יום טוב ליפא גיי זיך באַזעצן אין ארץ ישראל אײדער עס ווערט צו שפעט... איך זע פאָראויס אַ גרויסע און אַ שרעקלעכע שרפה, וועלכע דערנענטערט זיך צום אידישן הויזגעזינד, נאָר איך וויס נישט קיין פרטים״.

„אָט דער רבי האָט אָבער נישט פאַרלאָזט זיינע חסידים, — שרייבט הל־אור — און ער איז מיט זיין צוזאַמען אומגעקומען״...

✡

אין לעצטן נומער, אין נומער 59־60, פון „מרמרוש סיגעט״ ווערן דערמאָנט די פטירה פון ר׳ מרדכי לייכטער, דער געוועזענער סיגעטער ציוניסטישער כלל טוער, ווי אויך די פטירה פון דעם ביבליאָגראַף נפתלי בן־מנחם, זכרונם לברכה. עס ווערט אויך אָפגעגעבן אַן אָפשאַצונג פון דעם סיגעטער דיכטער בערל שנאבל ז״ל: „אין 1943 — זאָגט זיך צווישן אַנדערן — איז דערשינען אין בוקאַרעסט אַ אידיש בוך, אַן אָפקלייב פון בערל שנאבלס דיכטונג אונטערן טיטל „ישיבה לידער״. עס איז דאָס איינציקע אידישע בוך וואָס איז דעמאָלט אַרויס אין אייראָפּע. יענע אייראָפּע, וועלכע האָט געשמאַכט אונטער דעם גראָבן היטלעריסטישן שטיוול״.

✡

אַ קאַפּיטל פון חיים ישראל פערל׳ס בוך „פאַרלאָשענע ליכט אין מאַראַמאַראָש״. דער נאָמען פונ׳ם קאַפּיטל איז „ווען בערד פאַלן אויף קידוש השם״. אין דאָזיקן קאַפּיטל באַשרייבט פערל ווי אין דער געטאָ פון מאַראַמאַראָשער שטעטל דראַגאָמירעשט איז אַרויס די גזירה, אַז די אידן מוזן אָפשערן די באָרד. די דריי זקנים אין דער געטאָ האָבן זיך שטאַרק געבונטעוועט אַקעגן אָט דער דאָזיקער גזירה און אַזוי ווי חיים ישראל פערל איז געווען דער ייִנגסטער צווישן די מענער איז אויף אים געפאַלן דער גורל צו זיין דער „רוצח״ פון די בערד:

„אויף דער ערד האָבן זיך אויסגעמישט — שרייבט פערל — די דריי אָפּגעשניטענע בערד. זיי זיינען געליגן פאַרשעמטע, פאַרשוועכטע, צעטראָטענע און האָבן זיך געוואַלגערט ווי צעריסענע ספרי־תורה׳ס נאָך אַ פּאָגראָם.

„ר׳ עזריאל איז צוגעגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט, זיך איינגעבויגן און מיט הדרת־קודש צונויפגעקליבן זיינע ווייסע האָר־קרייזלען. אין זיין ווינקל האָט ער אַרויסגעזוכט די פאות עקסטער, די באָרד עקסטער, זיי פאַרגלעט און פאַרקעמט אַזוי ווי אַ מאַמע גלעט און וואַשט איר טויט קינד צום קבר. ער האָט אַרויסגענומען זיין רויטע פאַטשיילע און האָט פאַרקניפּט דאָרט די האָר און ער האָט זיך נישט מער צעשיידט פון זיין באָרד און פאות.

„ער האָט אויסגעפירט — געקומען אהין... מיט אַ באָרד... מיטן צלם־אלוקים״...

✡

אין דער זעלבן און לעצטן נומער פון „מרמרוש סיגט״ פון יוני 1974־סטן יאָר ווערט אָפּגעמערקט דער ערשטער יאָרצייט פון העלען רייך ז״ל, די וואָס איז געווען דער רוח החיים פון דער צייטונג. דער בעסטער סימן, וואָס נאָך איר פטירה האָט די צייטונג אופגעהערט צו עקזיסטירן. יהי זכרה ברוך!

✡

אָט דערמיט ענדיק איך מיינע ציטאַטן, באַמערקונגען און באַאָבאַכטונגען פון דעם זשורנאַל „מרמרוש סיגט״. אברהם איזראעל אין זיין קאַפּיטל „סיגעט של מעלה״ ענדיקט מיט די ווערטער „ותקצר היריעה״, אַז דער בויגן איז צו קורץ. אויך איך וועל זיך באַנוצן מיט די זעלבע ווערטער, ווייל זייער פיל פערזענלעכקייטן וואָס וואָלטן אודאי זיך פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן, זיינען צום באַדויערן, נישט דערמאָנט געוואָרן פשוט דערפאַר וואָס „ותקצר היריעה״, אויב דאָס איז בכלל אַ תירוץ...

אָבער פון דעם ביסל וואָס איז יאָ געזאָגט געוואָרן וועט אפשר אַמאָל צונוץ קומען, אויב אַן אָפּשטאַמיקער פון סיגעט צי פון מאַראַמאַראָש וועט זיך וועלן דערגרונטעווען פון וואָס פאַר אַן אָרט זיינע אבות־אבותיו שטאַמען — פאַר דעם יעניקן וועט דאָס דאָזיקע מאַטעריאַל זיין גאַנץ נוצלעך.

אויב פאַר אַלעקס העילין, דעם מחבר פון „רוטס״ איז אָנגעשטאַנען זיין יחוס צו דערגרונטעווען זיך פון וואַנעט ער שטאַמט, על אחת כמה

וכמה מעגן עס טאָן די יינגע דורות וועמעס שורש איז פאַראַנקערט ערגעצוואו אין דער מאַראַמאַראָשער סביבה, וואו עס האָבן געלעבט אַ גרויסע צאָל פון אויסערגעוויינלעכע אידן, וואָס אַ גאַר גרויסער טייל פון די טייערע און האַרציקע צדיקים און צדקניות זיינען אומגעקומען על קידוש העם ועל קידוש השם.

ארץ אל תכסי דמי! השם ינקום דמם! *

---

* ווי איך האָב שוין באַמערקט, אין מיין דאָזיקער עסיי, אַז איך האַלט פון כלל: „לא עליך המלאכה לגמור", וויל איך אין שייכות דערמיט געבן די פאָלגענדע דער־קלערונג: די מאַטעריאַלן אין די 60 נומערן פון „מחמרוש סיגעט" זיינען נישט אויס־געשעפּט געוואָרן מיט מיין דאָזיקער אַרבעט. עס געפינט זיך דאָרטן נאָך פיל מאַטעריאַל, וואָס וואָלט באַדאַרפט ווייט און ברייט אויסגעשעפּט ווערן מצד ליטעראַטור־קריטיקער און געשיכטע־פאָרשערס. — א. ב.

מיניאטורן

קנאה שנאה

דער שפּיל פון טויבן שמיל

אַ קינד פון אַ צעבראָכענער היים נעבעך . . .

קנאה־שנאה

(פֿאָלקסטימלעך)

געווידמעט מיין ברודער יצחק אייזיק באַש ז״ל

דער מלך פּילט זיך איינזאַם אין די זומערדיקע חדשים אין זיין זומער־פּאַלאַץ. לאָזט ער זיך פון צייט צו צייט באַהערשן פון זיין שוואַכקייט. גיט ער אַ כאַפּ זיין פישער־שיפל און לאָזט זיך אַוועק איינער אַליין איבערן רחבות׳דיקן טייך. ער גיט זיך איבער פולשטענדיק צו זיין ליבלינגס־ספּאָרט פון פיש־כאַפּן, נישט לאָזנדיק וויסן קיינעם, אַז ער וועט אין משך פון טאָג זיין אָפּוועזנד פון׳ם פּאַלאַץ.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן, אַ ליכטיקער, וואָס האָט זיך געטובל׳ט אין דער פאַרפלייצונג פון די זון־שטראַלן, האָט זיך דער מלך, ווי זיין טבע, איינער אַליין אַרויסגעלאָזט מיט זיין פישער־שיפל איבער דעם העל צעשטראַלטן טייך וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט זיין מאַיעסטעטס לאַנקע פון׳ם זומער־פּאַלאַץ. דער פרימאָרגן איז נישט בלויז געווען אַ ליכטיקער און אַ וואַרעמער, נאָר אויך אַ סאָלידער און אַ לאַסטשענדיקער, אַן אַנגענעמער פון אַלערליי שטאַנדפּונקטן, וואָס שייך כאַפּן פיש.

— וואָס פאַר אַ הערלעכער פרימאָרגן! — טראַכט ביי זיך דער מלך מיט באַגייסטערונג.

דער פיש־פאַנג איז דווקא געווען אויסערגעוויינלעך גוט. ס׳האָט דעם מלך געלונגען אין משך פון אַ קורצער צייט צו כאַפּן אַ גאַנצע מאַטניע פון פאַרשידענערליי פישלעך, העכטלעך, פּיסטראַנגען, ציגיינערלעך, מאַרענעס און סתם אייניקע קליינע גאָלד־פישלעך. אַן אויסוואַל פון פיש וואָס איז אַ זעלטנהייט.

ווי וואויל זיין מאַיעסטעט האָט באַוויגירט ס׳שיפל האָט ער נישט באַמערקט, זייענדיק אַריינגעטאָן ראשו ורובו אין זיין פאַרגעניגונגס עובדה, ווי ווייט אַוועק פון ברעג ער דערווייטערט זיך און ווי ווייט מסוכן דער גאַנצער פישער־פאַרגעניגן קאָן זיך טיילמאָל ענדיקן.

שפּעט באַכמיטאָג אַז דער מלך האָט זיך מיישב געווען אַז ער האָט שוין געגנוג פיש געכאַפּט פאַר׳ן הייַנטיקן טאָג און אַז ס׳איז שוין צייט צוריקצוקירעווען ס׳שיפל האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויפ׳ן הימל אייניקע אומשולדיקע־לייכטע וואָלקנדלעך וועלכע זענען אָבער פון מינוט

צו מינוט געוואָרן טונקלער, כמורנער, און געדיכטער אַזוי ס'איז שוין געווען אויסערן ספק אַז אין משך פון איניקע מינוטן קאָן זיך אַראָפּלאָזן אַ גאָס־רעגן — אויב נישט טאַקע אַ שטורם.

אומזיסט האָט דער ווינט פּרובירט מיט אַלע כוחות צו קומען דעם מלך צו הילף און צעטרייבן די וואָלקנס. וואָס מער דער ווינט האָט פּרובירט זיי צעטרייבן אַלץ מער האָבן זיך די וואָלקנס פאַרמערט. דער ווינט מיט די וואָלקנס האָבן נאָכדעם אַזויווי געמאַכט יד־אחת אין פאַרשווערונג קעגן מלך. עס איז אין מיטן טאָג טונקל געוואָרן און אַ שלאַקס־רעגן האָט געפּאַטשט דעם מלך אין פּנים אַריין און פאַרפּלייצט זיין שיפל. אין אַ ווייל אַרום האָט דער מלך פאַרלאָרן זיין קאָנטראָל און איז אַריינגעפאַלן אין די שטורעמדיקע כוואַליעס פון טייך.

צום מזל פון קעניג האָט ער געקאָנט גוט שווימען און זיך נישט אונטערגעגעבן. שווימענדיק אַקעגן שטראָם מיט זיינע לעצטע כוחות, האָט ער, מיט דער הילף פון זיין שר אין הימל, גובר געווען דעם שטראָם, וועלכער האָט אָבער פון אים אַרונטערגעריסן אַלע מלבושים און אים געלאָזן אדם־נאַקעט.

עס איז שוין געווען בין־השמשות, אַרום פאַרנאַכט צו, ווען דעם קעניג האָט קוים מיט צרות געלונגען צו דערשלאָגן זיך צו אַ ברעג. אין אַ ווילע אַרום האָט ער באַמערקט, ווי אַ מאַטע ליכטיקייט שיינט פון דער ווייטנס, אַ סימן, אַז אַ ישוב איז נישט ווייט אַוועק.

▼

אַצינד וועלן מיר לאָזן דעם מלך אַ נאַקעטן, זוכן הילף, און ווענדן אונזער אויפמערקזאַמקייט צו שמערקע בעל־אכסניה, דעם ארענדער פון'ם ישוב.

שמערקע, צוזאַמען מיט זיין ווייב סערקע, האָבן אַלע יאָרן שווער געהאָרעוועט. זייער חיונה האָבן זיי געשעפּט פון אורחים וואָס זיינען ביי זיי איינגעשטאַנען, דורכפאָרנדיק דעם ישוב. די קרעטשמע איז געווען על־פּרשת־דרכים, אַ מהלך ווייט פון שטאָט און נישט צו ווייט צום וואַלד. שמערקע האָט זיך געפירט גאַנץ אידישלעך, נישט געאַכט דערויף וואָס ער איז געווען אַזויווי איזאָלירט פון אַ אידישן ישוב, זייענדיק פאַרוואָרפן ווייט אַוועק. זיינע טעכטער האָט ער גאָר יונג חתונה געמאַכט און די זין האָט ער אַוועקגעשיקט אין שטאָט לערנען, אין די חדרים און אין די ישיבות. אַלע באַלעגאָלעס און סתם רייזנדע האָבן אים גוט געקאָנט און

איטלעכער האָט צו אים, ווי אויך צו זיין ווייב, געהאַט אַ גאַר פריינטלעכע באַציונג.

ויהי היום, אין איינעם אַ שיינעם טאָג, האָט זיך איינער אַ איד, יאַנצע־באַלעגאָלע, מתקנא געווען אין שמערקען און ער האָט זיך מיישב געווען, אַז אויך ער, יאַנצע, זאָל זיך אַוועקשטעלן מיט אַן אכסניה, על־פרשת־דרכים, אַקעגן איבער שמערקען.

אומזיסט האָט שמערקע געשריגן, אַז יאַנצע איז אים משיג־גבול, אַז ער נעמט ביי אים אַוועק זיין פרנסה, און אַז על־פי־דין טאָר עס יאַנצע נישט טאָן. יאַנצע האָט זיך נישט געמאַכט קיין צימעס פון שמערקעס שרייען און איז אָנגעגאַנגען מיט זיין געשעפט; וואָס מער שמערקע האָט אויסגעזעצט קעגן יאַנצען, אַלץ טיפער איז געוואָרן דער ריס צווישן זיי; אַלץ מער האָט די שנאה געוירן און געוואַקסן. די שנאה איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז נישט נאָר האָבן שמערקע און יאַנצע זיך נישט באַגריסט איינער דעם צווייטן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, נאָר אויך זייערע בני־בית האָבן זיך איינער דעם צווייטן נישט געקאָנט אָנקוקן; זיי האָבן זיך קעגנזייטיק מחרף ומגדף געווען, באַליידיקט, ביי יעדער געלעגנהייט. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז זיי האָבן זיך קעגנזייטיק געסטראַשעט מיט מסירה.

אין איינעם אַ טאָג וועקט זיך שמערקע אויף פון זיין שלאָף און ער דערמאָנט זיך אין אַ וואונדערבאַרן חלום וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט. מיט באַגייסטערונג רופט ער צו זיין ווייב און זיין גאַנצן בני־בית, למקטן־ועד־גדול, ווענדענדיק זיך צו זיי כהאי לישנא:

— זייט וויסן, מיינע ליבע, אַז אונז שטייט פאַר אַ גרויסע ישועה, עס האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַ וואונדערבאַרער חלום —

זיין ווייב, סערקע, האָט אים אָבער איבערגעהאַקט אינמיטן פון זיין גרויסער באַגייסטערונג:

— דו מיט דיינע חלומות! אפשר וואָלסטו זיך בעסער פאַרטראַכט וויאַזוי מיר וואָלטן געקאָנט פאַרבעסערן אונזער פרנסה. זייט דער יאַנצע האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איבער אונז מיט זיין אכסניה האָט ער אונז אַוועקגענומען כמעט אַלע בעסערע געסט.

שמערקע פרובירט זיך פאַרענטפערן:

— אפשר איז מיין חלום טאַקע אַן אָנדייט וויאַזוי מיר וואָלטן פון אַט דעם יאַנצען געקאָנט פטור ווערן...

— אדרבה, לאָמיר שוין הערן, — האָט סערקע קוים מסכים געווען

זיך צוצוהערן צום וואונדערבאַרן חלום.

— ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, ווי דער אַלטער רבי ר' זושא, זכרונו לברכה, האָט ביי מיר גענומען אַ קוויטל אין וועלכן איך האָב געבעטן אויף אַ ישועה, דערציילנדיק ווי שטאַרק אונזער פּרנסה איז געשלאָגן געוואָרן זייט יאַנצע האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט זיין אַפּרוהויז פּונקט קעגן איבער אונז. דער צדיק ר' זושא האָט אָנגענומען מיין האַנט, פאַר־גלייזנדיק זיינע גרויסע אויגן כלפּי מעלה און מיר אָנגעוואונטשן:

— „תשועת ד' כהרף עין", אַז גאָטס ישועה קאָן קומען אין איין אויגנבליק.

שמערקע האָט ווייטער געוואָלט דערציילן וואָס אַזוינס ער האָט געזען אין זיין וואונדערבאַרן חלום, נאָר סערקע האָט געמיינט, אַז דער חלום האָט זיך שוין געענדיקט:

ס'איז טאַקע אַן אינטערעסאַנטער חלום, אָבער פון אַ חלום ביז וואָר, איז פאַלג מיך אַ מהלך!

— וואָס מיינסטו, סערקע, אַז דער שר־של־חלומות האָט סתם, אַזוי זיך, מטריח געווען דעם אַלטן צדיק ר' זושאן, אַז ער זאָל מיר אָנווינטשן און דער חלום זאָל מיר נישט מקוים ווערן?! אונזערע הייליקע חכמים, זכרונם לברכה, האָבן אונז געלערנט: „צדיק גוזר, הקדוש ברוך הוא מקיים", — אַז אַ צדיק איז גוזר ווערט עס ביי זיין ליבן נאָמען אָנגענומען.

סערקע האָט מיט אַ טיפן קרעכץ אַזויווי מסכים געווען, אַז איר שמערקע איז גערעכט. דערויף האָט שמערקע ווייטער ממשיך געווען זיין וואונדערבאַרן חלום:

— אַזוי אַט, האַלטנדיק דעם רבים האַנט, האָב איך זיך פּלוצלינג דערזען אין אַ פּאַלאַץ. דעם רבי'ן האָב איך טאַקע מער נישט געזען, אָבער איך האָב נאָך אַלץ געפילט זיין האַנט אין מיינער...

אַזוי סערקע, ווי ס'גאַנצע בני־בית, זיינען געשטאַנען ווי געפּלעפטע, שטאַרק פאַראינטערעסירטע אין אויסגאַנג פון'ם באמת וואונדערבאַרן חלום. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט שמערקע ווייטער פאַרגעזעצט:

— באַוואָכטע זעלנער מיט באַיאָנעטן איז זייערע הענט שטעלן זיך פאַר מיר אַוועק אין אַן אַכטונגס פּאָזיציע און סאַלוטירן מיך. איין אָפיציר גייט פאַר מיר און אַ צווייטער אַהינטער מיר,ביידע אויף אַ דיסטאַנץ פון דריי שריט. זיי פירן מיך אַריין אין טרוין־צימער, וועלכעס האָט אויסגעזען פּונקט ווי דאָס טרוין־צימער פון מלך אחשורוש, אין וועלכן זיין מאַיעס־טעט דער קעניג און די קעניגין זיצן אויף זייער טרוין. עס איז מיך ממש

באַפאַלן אַ פחד, וויאַזוי איך קום עס פלוצלונג אַריין אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, אַרומגענומען מיט פאַרשידענערליי באַדינער און שררה׳ס. פון גרויס איבעראַשקייט האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך האָב אפילו פאַרגעסן זיך צו בוקן און צו מאַכן די ברכה: „שנתן מכבודו לבשר ודם״. ס׳האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן צו קלאַפּן ווי ביי א גזלן. מיט א ציטער, אַ באַדעקטער מיט שוויס, האָב איך זיך דורכגעוועקט.

שמערקעס בני־בית זיינען פאַר ווייל געבליבן ווי פאַרצווייפלט, פאַרוואָס דער חלום האָט זיך עס באַדאַרפט צו ענדיקען גענוי ווען די מעשה וואָלט געקאָנט זיין אַמאַינטערעסאַנטסטן.

— נו, וואָס זאָגט איר צו אָט דעם חלום?

— וואו נעמט מען אַ יוסף־הצדיק וואָס זאָל דיר קאָנען פותר־חלום זיין? — האָט סערקע געזאָגט.

אַזוי זיינען עס געלאָפן די חדשים און די יאָרן, זייט שמערקע האָט דערציילט זיין וואונדערבאַרן חלום. קיין אויסערגעוויינלעכע נייעס איז נישט געשען. די פרנסה איז ווייטער געבליבן געשלאָגן ווי פריער; די מחלוקות און די שנאה צווישן שמערקען און יאַנצען איז ווייטער אָנגע־גאַנגען.

▼

אַצינד וועלן מיר איבערלאָזן שמערקען און יאַנצען מיט זייער קנאה־שנאה און זיך צוריק נעמען צום נאַקעטן מלך:

אַז דער מלך האָט זיך דערזען אַ נאַקעטער, איינער אַליין אויף גאָטס באַראַט, לעבן אַ וואַלד, האָט ער פאַר אַ ווייל נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. איין זאַך האָט ער אָבער יאָ געוואוסט: ער טאָר נישט בלייבן איבער דער נאַכט אין וואַלד, נאָר ער מוז לויפן זוכן שוץ אַזוי שנעל ווי נאָר מעגלעך. ווען נישט קאָן ער נאָך ווערן פאַרצוקט פון אַ ווילדער חיה. ער האָט זיך פאַר אַ היפּש לאַנגער צייט געלאָזט פירן פון דעם מאַטן שיין פון ליכט וואָס האָט פון מינוט־צו־מינוט מער רעפלעקטירט זיין עקזיסטענץ. צו זיין מזל האָט זיך דער הימל אויסגעלויטערט. עס האָט געוויעט אַ לייכט ווינטל, וואָס האָט די בלעטער פון די ביימער געמאַכט פּליסטערן און רוישן שטיל. פון צייט־צו־צייט האָט זיך געהערט אַ צווישטש פון אַ פויגל ווי אויך אַ געברום פון פאַרשידענע באַשעפענישן. די לבנה מיט אירע מילי־מיליאַסן שטערן האָבן זיך שטילערהייט צוגעקוקט ווי דער מלך בלאָנדזשעט אַ נאַקעטער אין וואַלד...

ענדלעך האָט זיך דער מלך דערזען לעבן אַ פויערישער כאַטע. פונקט

איז דער פויער אַרויסגעקומען מיט זיין שומר, זיין גרויסער וואָלף־הונט. אַז דער הונט האָט זיך צעהאַוועקט און אַז דער פויער האָט נישט געגוי געקאָנט באַמערקן אין דער פינסטער וואָס פאַר אַ באַשעפעניש עס באַוועגט זיך פאַר זיינע אויגן, האָט ער, דער פויער, אָנגערייצט זיין הונט. דער מלך האָט, פאַר גרויס מורא, זיך גענומען לויפן הענדום־פענדום, ביז עס איז אים קוים געלונגען אַרויפצודראַפּען זיך אויף אַ בוים, און אַזוי אַרום איז ער קוים ניצול געוואָרן.

דער מלך איז ממש אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק נישט ווייסנדיק וויאַזוי ער וואָלט געקאָנט ניצול ווערן פון זיין גרויס אומגליק. צום סוף האָט ער באַשלאָסן צו פּרובירן גיין אין אַ צווייטער ריכטונג, וואו עס לייכט זיך, אפשר וועט ער אָצינד האָבן מער מזל.

דער מלך איז אַזוי לאַנג געגאַנגען ביז ער איז אָנגעקומען צום פּרשת־דרכים פון שמערקעס אכסניה. אַז שמערקע האָט דורכן פענסטער דערזען אַ באַקעטן מענטש וואַנדערן אין פעלד האָט ער תיכף פאַרשטאַנען, אַז ס׳מוז זיין אַ מענטש אין נויט; עס מוז זיין עמיצער וואָס מיט אים איז געשען אַן אומגליק. אָדער מען האָט אים באַראַבעוועט; אָדער ער איז ניצול געוואָרן פון דערטרונקען ווערן. און אַן שהיות האָט שמערקע גערופן דעם „מענטשן" צו זיך און אים נישט געפרעגט קיין שאלות: ווער ער איז עס אַזוינס און וואָס ער טוט עס דאָ אין מיצקע־דערינען אַ באַקעטער? — ניין, שמערקע האָט אים נישט געוואָלט שטעלן אין נאָך אַ גרעסערער פאַרלעגנהייט. אַנשטאָט פרעגן שאלות, האָט ער אים שנעל געגעבן אַ שלאָף ראָק, אים אַריינגענומען אין דער אכסניה און אים געגעבן צו עסן און טרינקען די מחסורו — וויפיל באַר זיין האַרץ האָט באַגערט.

דער מלך האָט זיך נישט געגעבן צום דערקאָנען ווער ער איז עס אַזוינס. ער האָט זיך געטראַכט, אַז מען וועט אים סיי ווי נישט גלויבן, אַז ער איז עס זיין מאַעסטעט דער קעניג, בכבודו ובעצמו. כאָטש נעם און שריי: „אני־שלמה!" איז, אויב עס איז אים שוין יאָ באַשערט פאַרוואָגלט צו ווערן פון זיין פּאַלאַץ, וויל ער טאַקע אין איין וועגס זען, וויאַזוי זיינע אונטערטאַנען באַציען זיך מיט אַ מענטש אין אַן עת־צרה. אומדירעקט, האָט ער נישט געקאָנט ביי זיך פועל׳ן, אַז ער זאָל מוחל זיין דעם פויער פאַר זיין קאַלטבלוטיקער באַציאונג צו אים, בשעת ער האָט אָנגערייצט זיין כלב. דערפאַר אָבער, האָט ער געפילט אַ וואַרעמען צו־טרויען צו שמערקען.

נאָך אַ ווייל האָט דער מלך דערציילט שמערקען, אַז ער איז אַן

איינפּאַכער פישער־מאַן פון דער הויפּט־שטאָט און אַז אין היינטיקן גאָס־רעגן איז זיין פישער־שיפל אונטערגעגאַנגען און ער האָט זיך קוים געראַטעוועט פון דערטרונקען צו ווערן.

דער מלך האָט געבעטן שמערקען, אַז ער זאָל אין אים האָבן נאמנות און אים פאַרשאַפן אַ לייטישן מלבוש ווי אויך, אַז ער זאָל אים געבן אַ גמילות־חסד אייניקע פּרוטות וואָס ס׳זאָל אים סטייען אויף הוצאות ביז אין שטאָט אַריין. מיט גאָטס הילף, אַז ער וועט בשלום אָנקומען אַהיים, וועט ער אים אַלעס צוריק צאָלן בכבוד גדול...

שמערקע האָט דערקאָנט אין אופן פון דעם „פישערמאַנס״ רעדן, אַז ער מוז זיין אַן אינטעליגענטער מענטש און אַז אַזאַ מענטשן וואָס מען האָט אַרויסגעהאָלפן אין אַ נויט וועט ער אוודאי נישט שולדיק בלייבן. אָן דעם דאָס שמערקע זאָל זיך געוועזן האָבן באַראָטן מיט זיין סערקען, האָט ער געגעבן דעם מלך וואָס ער האָט פון אים פאַרלאַנגט. שמערקע האָט אים אפילו פאַרשאַפט אַ באַלעגאָלע וואָס זאָל אים פירן לחיים ולשלום אין שטאָט אַריין.

אַז סערקע איז אָבער געוואָר געוואָרן וואָס שמערקע האָט געטאָן צום נאָקעטן אורח, האָט זי גע׳טענה׳ט:

— קיין עוולה איז עס נישט; נאָר הלוואי מיר זאָלן נישט האָבן דערפון קיין נאָכוויעגישן! דער נאָקעטער אורח קאָן צוטיילמאָל זיין אַ שמוגלער, אַ קאָנטראַבאַנדיסט, אַז מען וועט געוואָר ווערן, אַז ער האָט זיך ביי אונז אויסבאַהאַלטן, קענען מיר נאָך, חלילה, האָבן אַ גאַנץ פּעקל...

▼

אַז דער מלך איז בשלום אָנגעקומען צו זיין פּאַלאַץ און זיך געמאָלדן ביי די גאַרד האָבן זיי אים לכתחילה געוואָלט פאַריאָגן. נאָר דער קעניג האָט אָנגעהויבן שטרענג צו קאָמאַנדעווען „פּאַ־וואַיענאַמו״ און ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פונ׳ם קאָמאַנדאַנט פון דער וואַך און פאַרלאַנגט, אַז דער קאָמאַנדאַנט זאָל תיכף־ומיד דערשיינען. ווי נאָר דער קאָמאַנדאַנט איז אָנגעקומען האָט ער דערקאָנט דעם מלך און דער מלך האָט זיך זאָפאָרט אומגעקערט על כסא מלכותו, אָן דעם וואָס עמיצער פונ׳ם הויף זאָל געוועזן האָבן אַן אָנונג, אין וואָס פאַר אַ גרויסער סכנה דער מלך איז נאָר וואָס געוועזן און אַז בלויז צוליב אַ גרויסן נס געפינט זיך דער מלך צווישן די לעבעדיקע...

קוים איז דער מלך געקומען צו די כוחות האָט ער אין שמערקען נישט פאַרגעסן. דער מלך האָט געשיקט אַ ספּעציעלן שליח וואָס זאָל

פאָרן מיט זיין קאַרעטע און ברענגען שמערקען צו זיך אין פּאַלאַץ פאַר אַן אוידיענץ.

אַז שמערקע מיט זיין בני־בית זיינען געוואָר געוואָרן, אַז אַ שליח־מיוחד מיט אַ קאַרעטע איז געקומען נעמען שמערקען אַזש אין קעניג־לעכן פּאַלאַץ אַריין — האָבן זיי זיך זייער שטאַרק דערשראָקן און האָבן נישט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן, צוליב וואָס פאַר אַ צרה מען רופט עס דווקא שמערקען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ! צום ערשטן האָט דערויף רעאַגירט סערקע:

— איך האָב מורא, אַז מיין פאַרדאַכט וועגן דעם נאַקעטן פישערמאַן, אַז ער איז געווען אַ קאָנטראַבאַנדיסט, איז אַ באַרעכטיקטער.אַצינד, ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַן אומגליק מיר זיינען עס אומשולדיקערהייט אַריינ־געקראָכן...

דער קעניגלעכער שטאַפעט האָט אויסגעדריקט זיין פאַרלאַנג, אַז שמערקע זאָל זיך ווי שנעלער צוזאַמענקלייבן און קומען ווייל זיי מוזן זיין אין שטאָט פאַר דער פּינקטלעך באַשטימטער צייט. דאָס האָט נאָך מער דערוועקט ביי סערקען דעם חשד, אַז אַ גרויס אומגליק איז צו זיי געשען. סערקע האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און זי האָט פּאַטעטיש אויסגערופן:

— הלוואי, רבונו־של־עולם, עס זאָל אויסגיין צום גוטן!

אַז שמערקע איז אָנגעקומען אין קעניגלעכן הויף אַריין און אַז ער האָט געזען ווי די שומרים סאַלוטירן אים מיט פולן האָנאָר און ווי מען פירט אים מיט אַן ערן־וואַך אין פּאַלאַץ אַריין און פון פּאַלאַץ אינ׳ם טרוין־צימער, וואו דער קעניג און די קעניגין זיצן אויף זייער טרוין — האָט ער נישט געוואוסט וואו ער געפינט זיך אין דער וועלט. צי חלומ׳ט זיך אים; צי איז עס טאַקע וואָר... עס האָט נישט לאַנג גענומען און זיין מאַיעסטעט דער קעניג ווענדט זיך צו אים גאַנץ פריינטלעך:

— שמערקע, דו דערקענסט מיך?

— אדוני המלך; — האָט שמערקע געענטפערט מיט אַן אונטער־טעניקדיקן טאָן — ווי קום איך, אַ פּראָסטער בשר־ודם, צו קענען זיין מאַיעסטעט.

— געדענקסטו דעם נאַקעטן פישערמאַן?

דאָ האָט זיך שמערקע געוואָלט מתנצל זיין פאַר׳ן מלך; אַז אייגנטלעך האָט ער גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דעם פישערמאַן, אַז ער האָט גאָר קיין חלק נישט אין זיין קאָנטראַבאַנד, ער האָט סתם געמיינט, אַז דער

באַקעטער איז אַ מענטש אין נויט, האָט ער אים פּשוט סתם געוואָלט אַרויסהעלפן. נאָר דער קעניג האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט:

— קוק גוט אין מיין פּנים אַריין!

אַז דער קעניג האָט געזען, אַז שמערקע דערקענט אים נישט האָט ער אים אָן צערעמאָניעס געזאָגט:

— איך בין עס געווען דער נאַקעטער פישערמאַן!

דאָ האָט זיך שמערקע כהרף־עין דערמאָנט אין זיין חלום מיט'ן רבי ר' זושאַן און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער פילט ווי דער רבי שטייט אַהינטער אים און אַז דעם רביס שאָטן פאַרפלייצט דעם גאַנצן אַרום...

דער קעניג האָט זיך נאָכדעם געאייסערט, אַז ער וויל אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט צו שמערקען נישט בלויז מיט שיינע רייד, נאָר טאַקע מיט מעשים: מיט אַ באַלויִנונג וואָס זאָל פון שמערקען אַוועקנעמען זיין יאָך פון זיין שווערער פּרנסה; ער זאָל קאָנען לעבן מתוך נחת והרחבה; אַז ער זאָל האָבן פּרנסה בריוח — די רעשט פון זיין לעבן.

— אַצינד, וואָס איז דיין פאַרלאַנג? — האָט זיין מאַיעסטעט, דער קעניג, געפרעגט שמערקען מיט אַן איידעלער וויכער שטימע.

דעם קעניגס נעימות'דיק לשון האָט געקלינגען אין שמערקעס אויערן ווי אַ האַרציקע מעלאָדיע. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט שמערקע זיך געווענדעט צום מלך:

— אדוני המלך, אַזוי מיינער ווי מיין ווייבס פאַרלאַנג וואָלט געווען: אויב זיין מאַיעסטעט וואָלט געקאָנט אַוועקנעמען דעם ליסאַנץ פון מיין קאָנקורענט, יאַנצע באַלעגאַלע, כדי ביי אונז זאָל זיין „חדש ימינו כקדם"; כדי אונזער פּרנסה זאָל זיין אַזוי ווי איידער דער יאַנצע האָט זיך עס אַוועקגעשטעלט קעגן איבער אונז — וואָלטן מיר געווען גאָר צופרידן...

▼

אַזוי דער מלך ווי די מלכה, די שרים און די דינערשאַפט וועלכע זיינען בעת־מעשה אַנוועזענד געווען אין טראָן־צימער, האָבן מיט גרויס פאַרוואונדערונג און מיט רחמנות'דיקע בליקן זיך צוגעקוקט צו שמערקע בעל־אכסניה...

חסידי אנשי מעשה זאָלן האָבן נאָכדערציילט, אַז דער מלך זאָל זיך געווען נאָכדעם האָבן געווענדעט צו אַלע אַנוועזענדע:

— עס איז מיר אַלע יאָרן געווען קשה, פאַרוואָס דער רבונו־של־עולם האָט די אידן געשטראָפט מיט גלות. דער ענטפער: צוליב קנאה שנאה.

דער שפּיל פון טויבן שמיל

(הומאָרעסקע)

פאַראַן אַ אידיש ווערטל: „ער שפּילט דעם שפּיל פון טויבן שמיל".

כל ימי האָב איך פּרובירט צו זוכן דעם שורש פון דאָזיקן גלייכווערטל אָדער עפּעס אַ פּשט דערויף און ביז איך בין אַליין נישט געפּרוּווט געוואָרן, לא עליכם, מיט אַ מעשה שהיה, ווי אַזוי עס שטייט בפירוש געשריבען אין דער הגדה „מעשה ברבי אליעזר", אַזוי לאַנג בין איך נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשטיין דעם פּשט וואָס עס הייסט אַזוינס „ער שפּילט דעם שפּיל פון טויבן שמיל". ומעשה שהיה כך היה:

געווען זיינען מיר דריי באַקאַנטע פּאָרלעך, מאַן און ווייב, אויף דאַטשע, אָדער ווי מען רופט עס אויפ'ן אַמעריקאַנער אידישן לשון אין „קאַונטרי", וואו מיר האָבן פאַרבראַכט אונזער זומער וואַקאַציע אין די לאָרענשאַנס פאַר אַ גאַנצן חודש צייט. איטלעכעס פּאָרל באַזונדער האָט בשכנות פון אַנדערן געדונגען אַן אַפּאַרטמענט פאַר אַ חודש. די דריי מענער, איך, מעקס און נאָרמאַן האָבן שוין די ערשטע פאַר טעג אָנגעהויבן זיך צו נודיען, עס איז אונז סתם געווען לאַנגווייליק צו זיצן און קוקן ווי די פייגל פליען. די ווייבער האָבן אַלעמאָל געפונען עפּעס אַ באַשעפטיקונג. איינע האָט געשטריקט, אַ צווייטע האָט געמאָלן און די דריטע האָט געקאָכט, אָדער זיי האָבן סתם געשפּילט אין קאָרטן, אין קאַנאַסטאַ, ברידזש אָדער זעקס און זעכציג. די מענער האָבן אָבער נישט געפונען אַ שפּיל וואָס זאָל זיי געמיינזאַם אַמוזירן. מיר, איך, מעקס און נאָרמאַן, וואָלטן גערן געשפּילט אַ פּאָוקערל אָבער צו אַ פּאָוקער מוז מען על פּי דין האָבן אַ מיעוט פון פיר (עס זיינען פאַראַן אַ יש אומרים, אַז דריי קאָנען אויך שפּילן אין פּאָוקער...) ווען נישט, איז עס נישט אינטערעסאַנט. אָבער אַזוי ווי מיר זיינען בלויז דריי — טויג טאָקע נישט!

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן ווענדט זיך צו מיר מיין גוטער פריינט מעקס: „האָסטו חשק צו זיין אַ פערטע האַנט אין אַ „פּאָוקער שפּיל?"

זאָג איך אים: ביסט משוגע, צי חסר דעה, שייך זאָגן צי איך האָב חשק, אַלץ הייסט חשק, זעסט דען נישט, אַז דאָס חיות גייט מיר ממש אויס פאַר אַ שטיקל צייט פאַרטרייב?!"

„אָבער, ווי איך פאַרשטיי — זאָג איך ווייטער צו מעקס'ן — בין איך דאָך קוים די דריטע האַנט!"

זאָגט מיר מעקס: — „אויב דו ביסט מסכים צו זיין אַ פערטע האַנט, דעמאָלט וועט זיך אַ דריטע האַנט שוין טרעפן!"

דאָ ווער איך שוין אויף אַן אמת אומגעדולדיק און איך בעט זיך שוין ביי מיין גוטן פריינט, ביי מעקס'ן, ווי ביי אַ גזלן, אַז ער זאָל אויפהערן רעדן אין רעטענישן און אַז ער זאָל אַרויסקומען מיט קלאָרע דיבורים. איך ווילצל זיך, אגב, אויף זיין חשבון:

„מעקס — זאָג איך אים גאַנץ הומאָרפול — דו קומסט מיר פאָר ווי דער איד ר' איציקל פון מיין שטעטל, אַז מען האָט אים געפרעגט וואו ער לויפט עס אַזוי פאַרסאָפּעט, האָט ער געזאָגט, אַז ער גייט עדות זאָגן. פאַר וועמען? עס וועט זיך שוין טרעפן!"

מיין גוטער פריינט מעקס, וועלכער איז נאָר וואָס פריש געבאַקן פון אונטער דער זון שמייכלט זיך אונטער זיינע רויטע וואָנצעס און ער ווייזט מיר אויף אַ נייער מאַשין, וועלכע שטייט נעבן איינעם פון די אַפּאַרטמענטס. אַ סימן, אַז אַ נייער שכן איז אָנגעקומען אויף אָפּרו. מעקס האָט בלויז געהאַט די געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק אויפ'ן פאַרשוין צו וועמען עס געהערט די מאַשין און וועדליק ער איז אַ מבין אויף קאָרטן שפּילערס, האָט ער אַ חשד, אַז דער נייער שכן מוז אוודאי אויך קאָנען שפּילן פּאָוקער!

„אויב אַזוי — זאָג איך צו מעקס'ן אַ באַגייסטערטער — וואָס זשע שטייען מיר דאָ ווי די לעמעשקעס? לאָמיר ווייניקער שפּעקולירן און ווייניקער חקירה'ן, לאָמיר תיכף ומיד צוגיין צו אונזער נייעם שכן זיך צו באַקענען מיט אים און אַן עק!". תוך כדי דיבור באַווייזט זיך אויף דער טעראַסע אַ מגושמדיקער גוף פון אַ טונקלהויטיקן הויכגעוויקסיקן פאַרשוין אַן איינגעהילטער אין אַ פלאַנעלענעם שלאָף־ראָק מיט גומענע לאַטשן אויף זיינע איבערמאַסיקע פיס. איך און מעקס רופן אונזער גוטן פריינט נאָרמאַן, ער זאָל שנעל קומען וועלן מיר זאַלבעדריט גיין מקבל פנים זיין אונזער נייעם שכן און מיר וועלן זיך באַגריסן מיט אים, ווי איינער רעדט: „ברוך הבא, זייט ווילקאָמען אונזער גנעדיקער האַר צו אונזער חברותא!"

מעקס, וועלכער האָט אַן ערשט קלאַסיקן חיתוך הדיבור, האָט טאַקע באַגריסט אונזער נייעם שכן ווי גלייך ער וואָלט געווען אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ פאַר עקסאַלאַנס" און ער, מעקס, האָט נישט פאַרלוירן קיין צופיל צייט און האָט אונזער נייעם שכן בקיצור דערקלערט וואָס די גרויסע

שמחה איז מיט אים, צוליב וואָס אַזש אונזער גאַנצע „טראַיקע" מיטאַמאָל באַגריסן אים. צו אונזער אַלעמענס איבעררראַשונג, האָט אונזער נייער שכן נישט געצייגט קיין שום באַגייסטערונג און אַלץ וואָס ער האָט געענטפערט איז געווען: „האַ־אַ?!".

ערשט עס לאָזט זיך אויס, אַז מעקסעס פייערלעכע באַגריסונג איז געפאַלן אויף טויבע אויערן, אונזער נייע שכן איז מסתם טויב ווי די וואַנט!

מעקס שרייט אים אַריין אין אויער: „ווי אַזוי הייסט איר?!" און אַלץ וואָס דער שכן ענטפערט איז נאָכאַמאָל אַ גרויסער האַ־אַ? כאָטש שריי חי וקים! מעקס האָט זיך גענוג אָנגעשריגן ביז ער האָט סוף כל סוף געקראָגן אַן ענטפער:

„הייסן, הייס איך סעם, נאָר אין דער אַלטער היים האָט מען מיך גערופן שמיל. און אויב איר ווילט מיט מיר זיין היימיש, זאָלט איר מיך אויך רופן סתם, שמיל!"

אַזוי גאָר... נו, זאָל בוודאי זיין שמיל, אַבי צום שפּיל!

נאָר עס זאָגט זיך אַ סך גרינגער ווי עס טוט זיך, עס האָט גענומען אַ היפּשע ווייל ביז שמיל האָט פאַרשטאַנען אונזער מיין, אין וואָס עס האַנדלט זיך און וואָס מיר זיינען אייגנטלעך אויסן. אַז ער האָט שוין ענדלעך באַנומען אַלץ האָט ער אונדז נאָכאַמאָל אַנטוישט:

„איך קאָן נישט שפּילן קיין פּאָוקער! דאָס הייסט, אַז אייגנטלעך האָב איך זיך שוין אַמאָל צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן שפּיל און ווּעדליק איך פאַרשטיי באַשטייט דער גאַנצער פּאָוקער שפּיל אין בלאָף! איז נישט געאַכט דערויף וואָס איך וואָלט גערן געוואָלט אייך צוליב טאָן, האָט איך סתם מורא צו שפּילן אַ שפּיל וואָס איך בין נישט באַהאַוונט".

מעקס האָט אויסגענוצט זיין גאַנצן מענה לשון און ער האָט שרייענ־דיקערהייט אונזער שכן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס האַנדלט זיך ממש אין פּיקוח נפש. מעקס האָט שמילן געסטראַשעט, אַז ווען ער וועט אָפּזיצן אין „קאָונטרי" עטלעכע טעג, וועט ער פּונקט ווי מיר זיך לאַנגווייליקן און פאַרנודיעט ווערן אַזוי, אַז ער וועט זיך נישט געפינען קיין אָרט! אַזוי איך ווי באַרמאַן האָבן זיך אויך אַריינגעמישט אין ענין און מיר האָבן פון ביידע זייטן שמילן אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין, אַז ער באַדאַרף זיך פילן גליקלעך, וואָס עס איז אים באַשערט צו האָבן דריי אַזוינע שכנים וועלכע זיינען ווילִיק מיט אים מיטקאָמפּערירן, אַז ער זאָל נישט פאַרנודיעט ווערן און שטאַרבן פון לאַנגווייליקייט.

אַז מיר האָבן זיך שוין אין אַ גוטער שעה אָוועקגעזעצט זאָלבעפיר

ביי אַ טישל מיט׳ן „תהילימל״ אין די הענט און מיר זיינען פּאַרטיק צו מישן די קאָרטן און אָנצוהויבן שפּילן ערשט אונזער נייעם שכן, אונזער שמילן, געפעלן נישט קיין אַלטע קאָרטן. רק ער וויל אַ ניי פּעשעלע קאָרטן:

„עס מוז זיין נייע קאָרטן״ — טענה׳ט ער — „אַ ניי פּעשעלע קאָרטן נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס, ווען נישט שפּיל איך נישט! איך בין חלילה קיינעם נישט חושד, אָבער עס איז סתם געזונטער פּאַר אַלעמען״.

„בעני״ — שרייט שמיל אויס צום באַדינער פון די אַפּאַרטמענטס — „לויף אַריבער אַקעגנאיבער דער גאַס צו דער בודקע און ברענג אַ פריש פּעקעלע קאָרטן, בעט ׳טעקסאַן׳ קאָרטן!״

און אומר ועושה, דער דינער איז געקומען צו לויפן, ווי גלייך ער האָט נאָר וואָס דורכגעפירט אַ גאַר וויכטיקע שליחות, מיט די נייע קאָרטן. שמיל האָט אויפגעפּאַקט דאָס פּעקעלע און אויף זייער אַן אומגעלומפּערטן אופן געמישט די קאָרטן, ווי אַן עכטער אַמאַטאָר. וויפיל מאָל עס איז געקומען שמילס רייע, האָט מען אים אַלץ געמוזט טרייבירן: „לייג אַריין! נעם אַרויס! בעט! צאָל! שפּיל! וכדומה״. מיר האָבן געמוזט האַלטן אין איין שרייען, אַז שמיל זאָל זיך אַנשטויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך.

איך האָב געגעבן אָנצוהערעניש מעקסן און נאָרמאַנען, אַז זיי זאָלן שפּילן מיט איינזעניש מיט שמילן, ווייל ער איז נעבעך אַ קאַליקע און אַז ער פאַרשטייט נישט דעם שפּיל.

„עס וואָלט געווען נישט מער ווי יושר, מיר זאָלן זיך באַגיין מיט שמילן מיט מידת הרחמים״:

דערויף זאָגט מעקס: „עס דערמאָנט מיך אין מיין מלמד וואָס האָט אַלעמאָל געשלאָגן די תלמידים מיט׳ן דיקן עק פון זיין יאַמאשעווען שטעקעלע און נישט מיט׳ן דינעם עק. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אַ קעגנער פון „מידת הדין״...

עס האָט נישט גענומען פיל צייט און שמיל האָט פאַרלאָרען זיין גאַנץ געלט און ער האָט געמוזט אַריינלויפן אין זיין אַפּאַרטמענט נאָך פריש געלט. מיר האָבן וואָס אַן אמת, רחמנות געהאַט אויף אים. מיר האָבן געפילט, אַז ער איז אַ קרבן, אָבער אַז מען האַלט אין מיט׳ן שפּילן קאָרטן איז גאָר נישט שייך, ווייל אין רחמים בקאָרטן!...

צו מאַכן אַ לאַנגע געשיכטע קורץ, איז הערט אויף טשיקאַוועס דעם סוף. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט דעם שפּיל האָבן מיר דערזען, אַז אונזער גאַנץ געלט האָט זיך אַריבערגעפעקלט צו שמילן. און וואונדער שבוואונדער

שמיל איז גאָרנישט טויב, ער הערט איטלעכעס וואָרט וואָס מיר רעדן צו אים, מיר באַדאַרפן גאָרנישט שרייען! אַז איך בין נאָכדעם צוגעגאַנגען צו שמילן און אים געפרעגט: „היתכן, איר זענט נישט טויב?!" דערויף ענטפערט ער מיר גאַנץ געלאַסן: „איך בין נישט טויב. איך קאָן בלויז נישט שפּילן פּאָוקער!"...

▼

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די נייע קאָרטן וואָס שמיל האָט געקראָגן פון דער בודקע אָקעגן איבער דער גאַס, זיינען געווען שמילס באַצייכנטע קאָרטן און דער באַלעבאָס פון דער בודקע האָט געקראָגן זיין חלק באַצאָלט פאַר דער קאָנספּיראַטיווער מיטהילף אין דעם רעקעט.

עס איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל און אויך נישט דאָס לעצטע מאָל, אַז שמיל האָט געשפּילט דעם שפּיל.

אָט דאָס, רבותי, אין דער שפּיל פון טויבן שמיל!

❀

אַ קינד פון אַ צעבראָכענער היים, נעבעך...

(הומאָרעסקע)

א

אבי מ'זאָגט, אַז ס'איז נישט גוט צו זיין אַ קינד פון אַ צעבראָכענער היים. פרעגט נאָר מיך און איך וועל אייך זאָגן: „ס'איז גאָר נישטאָ קיין בעסערס פאַר אַ קינד — ווי אַ צעבראָכענע היים"...

וועט איר דאָך מסתמא פרעגן: פאַרוואָס? — וועל איך אייך דערויף ענטפערן! נאָר קודם־כל וויל איך זיך פאַר אייך פאָרשטעלן: מיין נאָמען איז דזשערי גלעדסטאָן. מיין פאָטערס נאָמען איז הערי גלעדסטאָן. מיין פאָטער איז פון „יוראָפ", — פון אייראָפּע, הייסט עס. אין אייראָפּע האָט מען אים נישט גערופן הערי, נאָר סתם הערשל, און זיין פאַמיליע נאָמען איז נישט געווען גלעדסטאָן, נאָר גלאַטשטיין. איך בין שוין אַן אַמעריקאַנער „באָיטשיק". אַן אַמעריקאַנער פון קאָפּ ביז פיס.

איך קאָן זיך אויס אין אַלערליי מינים ספאָרטס. ווילט איר האָקי, סאָקער, בעיסבאָל, פוטבאָל, בעסקעטבאָל, טעניס, פינג־פּאָנג און אַנדערע. פון מיר קאָנט איר טאָג־ביי־טאָג געוואָר ווערן אַלערליי „סקאָרס" פון אַלערליי „געימס". איך ריר זיך נישט אָן אַ טראַנזיסטער ראַדיאָ. אפילו אין שול נעם איך אים מיט זיך מיט...

אָבער מיין הויפּט יחוס באַשטייט דערין, וואָס מיין טאַטע און מאַמע זיינען געג'גט און אַליין בין איך אַ בן־יחיד אין אַ פאַרצווייגטער משפחה. אין אָנפאַנג, תיכף נאָך מיינע עלטערנס „סעפּערעישאָן", האָט מיין טאַטע נאָר געוואָלט איך זאָל וואוינען מיט אים:

— וואו וועסטו, דזשערי, זיך אַרומדרייען אין די גאַסן, — זאָגט צו מיר מיין פאָטער מיט תחנונים'דיקע ריידעלעך — קום צו מיר און דו וועסט האָבען פון פויגל־מילך.

מיין מוטער ווידערום, האָט נאָר געוואָלט איך זאָל וואוינען ביי איר:

— וואו וועסטו, דזשערי, זיך אַרומדרייען פּוסט־און־פּאַס — זאָגט צו מיר מיין מוטער מיט דעם זעלבן טאָן ווי מיין פאָטער — קום צו מיר

וועסטו האָבן פון אַלעם גוטן...

כאַטש נעם און מאַך פון זיך צוויי! אין דער אמת'ן בין איך ביז דערווייל געווען נישט־אַהיז און נישט־אַהער.

אָבער נאָכדעם ווי דער טאַטע און די מאַמע האָבן אויפסניי חתונה געהאַט — דער טאַטע מיט אַ רייכער אלמנה אָן קינדער, און די מאַמע מיט אַ רייכן גרוש אָן קינדער — האָב איך אָן בויכווייטיק צוגעקראָגן אַ נייע פּאָר עלטערן. אוי־וואַ! עס איז ביי מיר ממש געוואָרן יום־טוב און ליכטיק אין איטלעכן ווינקעלע. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס פּאָר אַ דאַליע איך האָב עס! מיינע ביידע טאַטעס און מאַמעס ווילן זיך איינע די אַנדערע איבערשטייגן מיט זייער אויספּיינען זיך פּאַר מיר; איטלעכעס פּאָר וויל ציינגן ווי געטריי זיי זיינען צו מיר. איז קוים באַקום איך אַ מתנה'לע פון איין פּאָר עלטערן, ווי אַ שטייגער, אַ נייעם „היי־פּיי"־קאָמבי־נאַציע פון אַ רעקאָרד־שפּילער און ראַדיאָ־סעט, קריג איךביים צווייטן פּאָר עלטערן אַ קאָליר־טעלעוויזיע־סעט; טאָמער קויפן מיר איין פּאָר עלטערן אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, קויפן מיר די צווייטע פּאָר אַ פילם־פּראָזשעק־טאָר; טאָמער קויפן מיר איין פּאָר אַ נייעם ביציקלעט, קויפן מיר די צווייטע פּאָר אַ מיני־מאָטאָר־ביציקלעט.

ביז איך האָב זיך אויסגעלערנט טרייבן דעם מיני־מאָטאָר־ביציקלעט, האָב איך שיער נישט געבראָכן האַלדז־און־נאַקן. פרעגט שוין גאָרנישט וואָס עס האָט זיך געטאָן אין שפּיטאָל ביז איך בין אויסקורירט געוואָרן. אַזוי מיינע אַלטע ווי די ניי־צוגעקומענע קרובים זיינען מיך געקומען באַזוכן און איטלעכער האָט געבראַכט צו אַ מתנה'לע. די טיר פון מיין שפּיטאָל־צימער איז אַ גאַנצן טאָג נישט געשטאַנען אויף אָן אָרט. מיינע קרובים האָבן אַריין־און־אַרויס מאַרשירט. זיי, די קרובים מיינע, האָבן צו מיר געשטראָמט ווי להבדיל צו אַ גוטן אידן...

איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איך האָב אַזויפיל קרובים. אַ חוץ מיינע אַלטע זיידעס און באָבעס האָב איך צוגעקראָגן אַ נייעם סעט זיידעס און באָבעס דורך מיין שטיף־פאָטער און שטיף־מוטער. נאָכדעם ערשט גייט אַ סדרה אָנקעלס און טאַנטעס. פרעגט מיך בחרם, צי איך קאָן זיי אַלעמען. וואָס שייך קאָזינס, האָב איך געהאַט אַלטע קאָזינס — מסתמא אַ פינף דאָזן. צוגעקראָגן נייע קאָזינס, האָב איך מערער ווי אַלטע. פון וואַנען בעמען זיך עס אַזויפיל קאָזינס?...

איך האָב אין משך פון מיין קראַנקהייט באַקומען אַזויפיל מתנות וואָס וואָלט געסטייעט פּאַר צען געזונטע. איך האָב געקראָגן זייגערלעך,

בראַסלעטן, לעדערנע זשאַקעטן, „פּענסי״ שטיוולעטן, שווערע וואָלענע סוועטערס, פּולאָווערס, סטעמפּ־אַלבומס מיט סטעמפּס, ענציקלאָפּעדיעס, גאַנצע סעטס מיט ביכער. טראַנזיסטאָרס, טעיפּ־רעקאָרדערס און פאַר־שידענע עלעקטריש־מעכאַניזירטע צאַצקעס. איך האָב אַזױפיל אָרײַנ־געקראָגן פון דעם סאָרט, אַז איך וואָלט זיך געקאָנט עפענען אַן אײגן געשעפט און אַן בױכווייטיק זײַן אין ביזנעס. טאָמער וואָלט איך אױס־פאַרקױפט אײניקע פון די צאַצקעס וואָלט איך נאָר בעדאַרפט אָנרופן אײנעם פון מײַנע קרובים — אַזױ די אַלטע װי די נײַע — אַז איך וויל נאָך אײנס, אָדער צווײ, פון דעם מין אַרטיקלען, קריג איך צוגעשיקט אַהײם וואָס איך פאַרלאַנג...

מײַנער אַ חבר אין שול, אײבי רובין, האָט מיך טאַקע גע׳עצה׳ט:

— דזשערי, איך אויף דײַן אָרט וואָלט נתעשר געוואָרן! איך וואָלט אָנאָנ־סירט אין שול־בולעטין אַז דו פאַרקויפסט דײַנע אַרטיקלען פאַר חצי בחנם. דו וואָלסט געמאַכט אַ „פאָרטשון״ — אַ מאַיאָנטעק מיט געלט!

מײַן חבר אײבי איז אַ געבוירענער ביזנעסמאַן. האָב איך אים טאַקע אָנגעשטעלט אויף קאָמיסיע, אַז ער זאָל ווערן מײַן ביזנעס־אַגענט און עס איז אָוועק אַ גאַנג. אַזױ איך ווי מײַן חבר אײבי שטאָפּן זיך עס אָן איטלעכן טאָג מיט סומעס געלט, און מיר הוליען אויף וואָס ס׳שטייט די וועלט...

ווער מיר שול, וואָס מיר שול? מײַנע מאַרקס זײַנען די נידעריגסטע אין קלאַס. אָבער קײנער זאָגט מיר חלילה גאָרנישט. איר זאָלט זאָגן: כאָטש אײַן וואָרט! מײַן גאַנצע משפּחה האָט פאַר מיר מורא, טאָמער איך וועל זיך חלילה אָנברוגזן...

אַז איך זאָג אײַך, אַז ס׳איז גוט צו זײַן אַ קינד פון אַ צעבראָכענער הײם, — מעגט איר מיר עס גלויבן...

נאָר דער עיקר וויל איך אײַך לאָזן וויסן, אַז איר קענט בײַ מיר זיך אײַנהאַנדלען אַלערלײ מציאות פאַר בר־מצווה׳ס, חתונות, אָדער סתם אַזױ זיך אַ מתנה׳לע — אַלעס בזיל־הזול. וואָס איר דאַרפט בלויז טאָן, איז זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט מײַן ביזנעס־אַגענט, מיט אײבי רובין, און ער וועט אײַך גערן דעליווערן די מתנה׳לע אהײם...

ב

איך האָב שוין דערצײלט, אַז איך בין אַ בן־יחיד אין אַ פאַרצווײַגטער משפּחה; מײַן פאָטער און מוטער זײַנען גע׳גט, מײַן פאָטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רײַכער אלמנה און מײַן מוטער האָט חתונה געהאַט צו

אַ רייכן גרוש. אַזוי אַרום בין איך דאָס „שיינדל" פון דער משפחה: איטלעכער חנפ'עט זיך צו מיר צו און צאַצקעט זיך מיט מיר אַרום. אַזוי מיינע אַלטע קרובים ווי מיינע ניי־צוגעקומענע קרובים (צוליב מיינע עלטערנס נייעם חתונה האָבן) באַוואָרפען מיך מיט כלערליי מתנות. אַזוי אַרום האָב איך אַ גרויסן אויסוואַל ווי אויך אַ „סורפּלוס" פון פאַרשיידענע ווערטפולע אַרטיקלען — אַז איך האָב זיך אַזש געמוזט אַנשטעלן אַ חבר פון מיין קלאַס אין שול, אייבי רוביג'ען, אַלס מיין אַגענט, וועלכער פאַר־קויפט מיינע מתנות בזיל־הזול, פאַר שפּאָט ביליק.

מיין חבר אייבי רובין איז נישט נאָר אַ געבוירענער געשעפטסמאַן. אַ ביזנעסמאַן פאַר עקסעלאַנס, נאָר ער איז אויך אַ חכם־מחוכם, אַ דורכ־געטריבענער ממזר אויף וואָס די וועלט שטייט! ער פאַרשטייט אַן עסק און ווייסט גענוי וואו אַריין און וואו אַרויס.

מיר האָבן געהאַט אַ פּראָבלעם מיט איינעם פון אונזערע קונים וואָס אייבי האָט אים פאַרקויפט אַן אָמעגאַ זייגערל. איינס פון די זייגערלעך וואָס איך האָב געקראָגן במתנה פון מיינע קרובים בעת איך בין געליגן אין האָספּיטאַל, וואו מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אַ צעקאַליטשעטן, נאָכדעם ווי איך בין אַרונטערגעפאַלן פון מיין מיני־מאָטאָר־ביציקלעט, — אויך אַ מתנה...

דאָס פּראָבלעם וואָס עס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם אָמעגאַ זייגערל איז געווען דאָס אייבי רובין האָט גענומען דערפאַר אַ מנה יפה. אַ גאַנץ לייטישע פּרייז. און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס'זייגערל איז געווען אַ פעיק. ס'איז אַזוי געווען אַן אָריגינעלע אָמעגאַ מאַרקע פונקט ווי איך בין אַ רב! דער קונה האָט געמאַכט אַ ויצעקו, אַז איטלעכער אין דער גאַס איז צוגעלאָפן זען צי מען לינטשט נישט וועמען עס איז:

— ווי קליין עטץ זענט אַזוינע גרויסע שווינדלערס זענט עטץ — שרייט דער אָפּגענאַרטער קונה אונזערער מיט אַ חלשות'דיקן יאָמער — זאָל איין גאָט שומר ומציל זיין וואָס פאַר אַ לייט עטץ וועט עס שוין זיין ווען עטץ וועט אונטערוואַקסן.

די מענטשן אַרום אים ווילן אים באַרואיקן אָבער ער לאָזט זיך נישט און ער האַלט אין איין שרייען:

אַזוינע חברה ווי עטץ זענט — ציילגט ער מיט זיין פינגער אויף מיר און אויף אייבין — מעג מען געדיכט זייען און זאָלן שיטער אויפ־גייען!...

איך האָב אָוועקגערופן אייבין און איך האָב אים געראָטן, אַז ער זאָל

דעם קונה געבן אַ „ריפאונד". זאָל דער קונה זען, אַז ער האַנדעלט מיט לייטישע חברה... והשנית, — —

— והשנית — לאָזט מיך מיין חבר נישט אויסרעדן — והשנית, האָב איך פאַר דיר אַ שפּיגל נייעם פּלאַן!

איך האָב זיך נישט געוואָלט צוהערן צו אייביס נייעם פּלאַן ביז ער האָט נישט צוריקגעגעבן דעם באַ'עולה'טן קונה זיין געלט וואָס קומט אים:

— מיר מעגן אויך אַמאָל שאַדןליידן — טענה איך צו אייבין — פּונקט ווי אַנדערע ביזנעסלייט, וועלכע פאַרדינען אויך נישט אַלעמאָל. אויך מיר מעגן האָבן היזק...

אייביס נייער פּלאַן באַשטייט אין אָט וואָס:

— לאָמיר פאַרקויפן פאַר די שולקינדער פון צוויי ביז דריי הונדערט ראַפּל־בילעטן — זאָגט אייבי אַ באַגייסטערטער — און ווער עס וועט זוכה בגורל זיין, וועט געווינען דעם זייגער. מיר וועלן רעכענען אַ דאָלאַר אַ בילעט. אַזוי אַרום וועלן מיר אַריינקריגן אַ בעסערע פּרייז ווי ווען מיר זאָלן געוועזן לכתחילה פאַרקויפן טאַקע אַן אמתע אָמעגאַ...

דערויף פרעג איך אייבין:

— וואָס וועט זיין מיט דעם וואָס וועט געווינען דעם ראַפּל. צי וועט ער זיך לאָזן באַגעניגן מיט אַ פאַלשער מאַרקע פון אַן אָמעגאַ?

אויך דערויף האָט אייבי אַן ענטפער:

— וועלען מיר אים העכסטנס צוריקגעבן דעם דאָלאַר וואָס ער האָט געצאָלט פאַר זיין ראַפּל!...

אַזוי ווי אייבי האָט געזען, אַז איך בין באַין אופן נישט מסכים סתם אָפּצונאַרן וועמען עס איז. מיט דער טענה: „צו וואָס ברויך איך שווינדלען און אַזוי אַרום זיך פאַרשאַפן אַ שלעכטן שם, אַ שלעכטע רעפּוטאַציע. ווען איך קאָן אָנגיין מיט מיינע ביזנעס אויפ'ן גראַדן וועג?"... איז פאַרלאָזט זיך נאָר אויף אייבין. ער האָט געפונען אַ גראַדן וועג . . .

— דו דאַרפסט פאַרלאַנגען פון דיין קרוב, וועלכער האָט דיר געגעבן די געפעיקטע אָמעגאַ, אַז ער זאָל דיר עס אויסטוישען אויף אַן אָריגינעלער מאַרקע מיט אַ געדרוקטער גאַראַנטיע...

הכלל. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דאָס אָמעגאַ זייגערל האָב איך געקראָגען פון מיינעם אַן אָנקל — פון מיינע צוגעקומענע אָנקלס פון אָנקל סעם, מיין שטיף־מוטערס אַ ברודער. איך בין אַוועק צו ראָזאַן (איך רוף מיין שטיף־מוטער ביי איר ערשטן נאָמען) און איר דערציילט אין וואָס ס'האַנדלט זיך, אַז איר ברודער, אָנקל סעם, האָט מיר געגעבן אַ געפעיקטע

אַמעגאַ. אַ פֿאַלשע מאַרקע פֿון אַן אַמעגאַ זייגערל... איך בין זיכער, אַז אַנקעל סעם וועט מיר מיט אַ כּיוון נישט געבן אַ פֿאַלשע מתּנה . . . מסתּמא האָט אים אַ שווינדלער אָפּגענאַרט...

— מער האָב איך פֿאַר ראָזאַן נישט געדאַרפֿט זאָגן. איר וואָלט געווען באַדאַרפֿט זען ווי אַנגעצינדן־רויט איר געזיכט איז געוואָרן!... זי האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטאָן דאָס טעלעפֿאָן טרייבל און טעלעפֿאָנירט תּיכּף צו איר ברודער:

— סעם, — רעדט זי אַריין מיט אַ שטרענגן טאָן אין טרייבל אַריין, קודם מיט אַ שטיל קול. אָבער ווי מער זי רעדט אַלץ העכער ווערט איר קול — מיין דזשערי איז ביי מיר און ער זאָגט מיר, אַז ער האָט פֿון דיר געקראָגן אַ זייגערל אַ מתּנה.

— וואָס רעדסטו, אַ זייגערל אַן אַמעגאַ־זייגערל!

האָט איר אַנקל סעם מסתּמא געמוזט איבערהאַקן:

— יאָ, יאָ, טאַקע אַן אַמעגאַ, אָבער אַ געפּעיקטע, אַ פֿאַלשע! — האָט ראָזע געענטפֿערט.

— דער שמועס צווישן ראָזאַן און אַנקל סעם האָט נאָך אָנגעהאַלטן פֿאַר אַ ווייל, ביז ראָזאַ האָט אַ בייזע אַ קנאַק געגעבן דאָס טרייבל און איבער־געהאַקט די טעלעפֿאָן־קאָנווערזאַציע מיט איר ברודער. נאָכדעם האָט זי זיך צו מיר געווענדט מיט אַ געענדערטן טאָן אַ מונטערע און האָפֿנונגספֿולע:

— דזשערי, „דאָנט יו וואָררי“, האָב גאָר קיין מורא נישט, „ביי הוק אָר ביי קרוק“ סיי מיט גוטן אָדער מיט שלעכטן, וועט עס דיין אַנקל סעם גאַרנישט העלפֿן. ער זאָל אפֿילו קראַפּירן, וועט ער דיר מוזן איינטוישן דיין פֿאַלשע אַמעגאַ!

ס׳האָט נישט גענומען מער ווי אַ טאָג און ראָזאַ קלינגט מיר אָן:

— דזשערי דאַרלינג — קלינגט איר שטימע זיס און מוזיקאַליש — זיי אַזוי גוט און כאַפּ זיך אַריבער צו מיר. איך האָב פֿאַר דיר אַ סורפּריז.

— יאָ, איר האָט געטראָפֿן: דער סורפּריז איז באַשטאַנען פֿון אַ נייער שיין פּאַרפֿאַקטער אַמעגאַ.

— מיין רעפּוטאַציע אַלס אַן אנשטענדיקער ביזנעסמאַן האָט געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. נאָכדעם ווי דער באַ׳עוולה׳טער קונה האָט צוריק־געקראָגן זיין געלט. אַ דאַנק דעם האָבן זיך מיינע געשעפֿטן פּילפֿאַכיק פֿאַרבעסערט. אַזוי אַז מיינע אַקציעס שטייגן פֿון טאָג צו טאָג. איך האָב מורא, אַז איך וועל קיין אַנדערע ברירה נישט האָבן און מוזן גיין אין ביזנעס . . .

וואָס שייך מיין אַמעגאַ־זייגערל: מיין חבר אייבי רובין, מיין ביזנעס־אַגענט, האָט געוואָלט אויפסניי עס פּאַרקויפן. נאָר איך האָב זיך מיישב געווען, אַז אויב אַן אָמעגאַ איז אַזאַ קוראַנט אַרטיקל, אַז עס לוינט זיך אַזש פּאַר פּעיקערס צו אימיטירן די רעאַלע מאַרקע — וועל איך עס שוין בעסער האַלטן פאַר זיך!... וואָס שייך אייבין — אים האָב איך באַצאָלט זיין חלק קאָמיסיע. ער מוז נישט שאַדן ליידן צוליב מיינע קאַפּריזן...

ג

איר האָט שוין אַמאָל געהערט, אַז איינער זאָל אויפגעריכט ווערן מיט צוויי ברידעלעך און מיט צוויי שוועסטערלעך אין אַן אינטערוואַל פון צוויי חדשים צייט? נו, אויב איר האָט נאָך אַזאַ וואָס נישט געהערט, טאָ, דעמאָלט קאָן איך אייך אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז מיך האָט אַזאַ מין גליק געטראָפן און איר קאָנט מיר ווינטשן אַ דאָפּלטן מזל טוב!...

וואָס האָב איך געזאָגט, אַ דאָפּלטן מזל טוב? איר קאָנט מיר ווינטשן אַ פירפאַכן מזל טוב! עס האָט נישט גענומען אַ יאָר צייט ווי מיין פאָטער האָט צו מזל חתונה געהאַט צו מיין שטיף־מוטער, צו ראָזאַן, און זי האָט געבוירן אַ צווילינג, צוויי מיידעלעך. מיט צוויי חדשים שפּעטער איז מיין מוטער געלעגן געוואָרען מיט אַ צווילינג, מיט צוויי אינגעלעך.

אין אָנפאַנג האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַזוי־ווי איך בין געוואָרען אויס בן־יחיד וועל איך ווערן אויס מיוחס און אַזוי מיין פאָטער און מוטער מיט אַלע קרובים וועלען זיך שוין מער נישט מאַכן קיין צימעס פון מיר. מיר האָט זיך לכתחילה געדאַכט, אַז די גאַנצע משפחה וועט זיין אַריינ־געטאָן מיט די נייע „בעיביס" און מיך וועט מען האָבן אויפ'ן בוידעם... צו מיין אַנגענעמער איבערראַשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. איטלעכער האָט זיך מיישב געווען, אַז איך קאָן נאָך חלילה ווערן „זשעלאַס (איפערזיכטיק) אויף די ניי געבוירענע „בעיביס", האָט איטלעכער געוואָלט מיר אַרויסצייגן זיין אויפמערקזאַמקייט און עס איז אַוועק אַ נייע סדרה מיט מתנות...

איז אויב איך זאָג אייך, אַז עס לוינט זיך צו זיין אַ קינד פון אַ צעבראָכענע היים אין אַמעריקע מעגט איר מיר עס בפירוש גלויבן!...

עס געפינט זיך אין דרוק פון זעלבן מחבר

„אונטער סטאַלינס יאָד"

(מיינע אַכט יעריקע איבערלעבונגען אין סאָוועטישע טורמעס און לאַגערן).

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	פאַראַגראַף	שורה	איז געדרוקט	דאַרף זיין
10	5	2	שוין	———
14	6	3	די גאַנצע צייט	———
16	2	3	פרשת המן	פרשות היראה, התשובה, המן,
30		7	פונקט ווי ער	———
35	2	5	עטרות און	עטרות צו
44	3	2	ווער	ווען
99	5	6	אַכציקער און	———
120	4	7	געהט	געהאַט
144	3	10	באַווייזן	באַוויזן
148	3	3	פנה צדיק	יצא צדיק
169	2	6	לייענער	לייענען
171	3	1	ארונגעפאַלן	אַרונטערגעפאַלן
180	1	2	פערפעקט	פרעפעקט
181	2	7	מיינער	מיינען